## ספר

# נפלאות הזהר

די אלע וואונדערליכע מעשיות און ערצעהלונגען וואס דא איז באשריבען

## פון ספר הזהר הקדוש

זיינען א גרויסער טייערער אוצר פאר'ן אידישען פאלק בכלל, און בפרט פאר די וואס ווילען האבען א באגריף וועגען דער גרויסקייט פון די „חברייא קדישא" וואס האבען מחבר געווען דעם ספר הזהר.

ארויסגעגעבען פון דעם זעלבען מחבר וואס האט איבערגעזעצט דעם ספר הזהר אויף לשון קודש. הרב המפורסם מוה"ר

## יודל ראזענבערג

רב אין מאנטרעאל, קאנאדא.

דער בעל מחבר האט דעם טייערען ספר געלאזט איבערזעצען אויף אידיש, כדי אלע קלאסען אידען זאלען קענען שטודירען דיזען ספר, און דאדורך וועלען זייערע אויגען געעפענט ווערען. זאלען כאטש עפעס ווייסען ווי אזוי די וועלט פיהרט זיך, דורך דעם וועט געווים דער קאפ און דאס הארץ פון לעזער פאראיידעלט ווערען.

די אידישע איבערזעצונג איז געמאכט געווארען דורך הרב הגאון

## בנימין גרינבערג

פון ווארשע. יעצט רב אין נו־יארק.

כל הזכויות שמורות אצל
הוצאת אמונה
© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.

EMUNA PUBLISHING
142 Rodney Street
Brooklyn, N.Y. 11211
388-8812 — 384-0002

## (א)
## תולדות רבי שמעון בן יוחאי.

רבי שמעון בן יוחאי, שהוא הראש של „חברייא קדישא“ שהשתתפו בחבור ספר הזהר הקדוש, היה אחד מן התנאים הגדולים בדור חשני שאחר החורבן בית השני. הוא נולד בארץ ישראל בהסביבה שנקראת ארץ הגליל. ונאסף אל עמיו זקן ושבע ימים בעיר קטנה שנקראת עוד היום „כפר מירון“ לא הרחק מעיר צפת, ביום ל״ג בעמר. ומדי שנה בשנה ביום היאָהרצייט שלו יחוגו המון בית ישראל את יום ההילולא בשמחה רבה על ידי מעשה ההדלקה בהחצר שאצל מערת קבירתו. ביום ההוא ינהרו שמה גם ממרחקים אלפי אלפים אנשים ונשים וטף לחלוק כבוד לבר יוחאי ולקחת חבל בשמחת החגיגה ההיא. וגם אצל שאר האומות הוא נכבד מאד ולקדוש יחשבוהו.

רבי שמעון בן יוחאי היה תלמיד מובהק אצל התנא רבי עקיבא, והוא סמך אותו להוראה. ואחר הסתלקות רבי עקיבא היה רבי שמעון ב״י מייסד ישיבה גדולה בעיר „צידון“ ושם הרביץ תורת בין הרבה תלמידים. ומלבד הלכותיו הנזכרות בתלמוד היה הוא המחבר של איזה מדרשים באגדה התואמת ומושלבת עם הלכה, ונקראים מכילתא דרבי שמעון בר יוחאי, וגם המדרש הנקרא בשם „ספרי“. ועל כולם הוא היה מקור המעין של למודי ספר הזהר הקדוש, שהוא קובץ מאמרים של רמזים דרשות וסודות שנתחדשו על ידי רבי שמעון ב״י ובנו רבי אלעזר ושאר התלמודים שנקראים „חברייא קדישא“. וכנראה היה רבי אבא הכתבן ביניהם ועל פי רוב הוא היה כותב מאמרים העמוקים בחכמת הקבלה מפי רבי שמעון ב״י. נפלאות הסתלקותו של רבי שמעון ב״י וקבורתו יבואו בסוף הספר.

---

## (1)
## די ביאָגראַפיע פון רבי שמעון בן יוחאי.

רבי שמעון בן יוחאי, דער ראש פון די „חברייא קדישא“ וואָס האָט מחבר געווען דעם ספר „זוהר הקדוש“, איז געווען איינער פון די גרעסטע תנאים אין צווייטען דור נאָכ׳ן חורבן בית שני. ער איז געבאָרען געוואָרען אין ארץ ישראל, אין געגענד וואָס רופט זיך „גליל. און איז נפטר געוואָרען אַ זקן ושבע ימים אין אַ קליין שטעדטעל וואָס רופט זיך נאָך היינט מיט דעם זעלבען נאָמען „מירון“, ניט ווייט פון דער שטאָדט „צפת“ אום ל״ג בעומר, וואו אַלע יאָהר ווערט זיין יאָהר צייט געפייערט מיט אַ „הדלקה“. וועלכע ווערט בייגעוואוינט פון פיעל טויזענטער פאַרשידענע מענשען וואָס קומען נעמען אַן אנטייל אָבצוגעבען כבוד דעם גרויסען תנא. ווייל ער איז ביי אַלע שכנישע פעלקער אויך פאַררעכענט פאַר אַ הייליגער.

רבי שמעון בן יוחאי איז געוועזען אַ תלמיד צו דעם תנא רבי עקיבא, און האָט פון איהם סמיכה בעקומען. נאָך רבי עקיבא׳ם פטירה האָט רבי שמעון בן יוחאי געגרינדעט אַ ישיבה אין שטאָדט „צידון“ און האָט געלערענט מיט פיעל תלמידים. אויסער זיינע פיעל הלכות אין תלמוד האָט ער אויך מחבר געווען מדרשים, וועלכע רופען זיך מכילתא דרבי שמעון בן יוחאי. און אויך דער מדרש וואָס רופט זיך „ספרי“ און ער איז פאַררעכענט אַלס דער גרינדער פון ספר הזוהר הקדוש, וואָס איז אַ צוזאַמענשטעלונג פון די דרשות און סודות וואָס רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין זוהן רבי אלעזר און די איבעריגע „חברייא קדישא“ האָבען צו־זאַמען מחדש געווען. רבי אבא איינער פון די „חברייא קדישא“ איז געווען דער שריי־בער וואָס על פי רוב האָט ער אויפגעשריבען די חידושי תורה, וועלכע זיינען די גרונדלעהרע פון חכמת הקבלה. די געשיכטע וועגען די פטירה פון רבי שמעון בן יוחאי וועט דאָ בע־שריבען ווערען אום ענדע פון דיעזען ספר.

(ב)

## רבי שמעון בן יוחאי היה מתפלל על זוג שיושעו בבנים.

רבי אידא תלמידו של רבי שמעון בן יוחאי סיפר, מעשה באיש ואשה בעיר צידון, ששהתה האשה עשר שנים עם בעלה ולא ילדה. וכאשר ההלכה אומרת, שאם נשא אדם אשה ושהה עמה עשר שנים ולא ילדה צריך לגרשה, כיון שאינו רשאי ליבטל, באו לפני רבי שמעון בן יוחאי שיעשה גט ביניהם. אמר להם רבי שמעון, חייכם כשם שנזדווגתם זה לזו במאכל ובמשתה, כך אין אתם מתפרשים אלא מתוך מאכל ומשתה. שמעו לדבריו, הלכו לביתם ועשו לעצמם סעודה גדולה כמו ביום טוב, ושכרתו מיין יותר מדאי.

כיון שנתישבה דעתו עליו אמר לה: „בתי! ראי כל חפץ היותר טוב שיש לי בבית תקחי אותו ולכי לבית אביך“.

מה עשתה היא? לאחר שישן בתרדמה רמזה לעבדיה ואמרה להם: „שאוהו במטה בלאט והוליכוהו עם המטה לבית אבי“. בחצי הלילה פג יינו וננער משנתו. אמר לה: „בתי! איה אני נמצא?“ אמרה לו: „הלא בבית אבי אתה נמצא“. אמר לה: „ומה אני לבית אביך?“ אמרה לו: „האם לא כך אמרת לי בערב, שכל חפץ היותר טוב הנמצא בביתך אקחנו ואלך עמו לבית אבי, ואין לי חפץ טוב בעולם

(2)

## רבי שמעון בן יוחאי האט מתפלל געווען אין צידון אויף א פאר פאלק זאלען געהאלפען ווערען מיט קינדער.

רב אידא, א תלמוד פון רבי שמעון בן יוחאי'ס ישיבה האט דערצעהלט אזא מעשה. א דייך פאר פאלק האבען געוואהנט אין צידון. זיי האבען געלעבט זעהר בשלום, אבער קיין קינדער האבען זיי ניט געהאט און אזוי ווי דער דין תורה לויטעט, אז ווען א פאר פאלק וואהנען צוזאמען צעהן יאהר און האבען ניט קיין קינדער, דארפען זיי זיך גט'ן, איז דאס פאר פאלק צעהן יאהר נאך זייער חתונה געקומען פאר רבי שמעון בן יוחאי. נאר אין גוטען בעשטאנד, צו גט'ן זיך. רבי שמעון בן יוחאי האט געהאט גרויס מיטלייד צו זיי, האט ער צו דעם פאר פאלק אזוי געזאגט:

„פאלגט מיך איין זאך וואס איך וועל אייך זאגען. איך פערלאנג פון אייך, אז אזוי ווי ווען איהר האט חתונה געהאט האט איהר דאן געמאכט א סעודה, אזוי היינט אויך איירער איהר צושיידט אייך זאלט איהר ביי אייך מאכען א שעהנע סעודה“.

דאס פאר פאלק איז אהיים געגאנגען און האבען געמאכט אזוי ווי אויף א חתונה א גרויסע סעודה. ווי געוועהנליך האט דארט קיין גוטען וויין ניט געפעהלט. און מען האט טאקי געטרונקען גאנץ גוט. אז דער מאן איז געווארען בגלופינדיג, דאס הייסט אויפגע־הייטערט פון וויין טרינקען, האט ער צו דער פרוי מיט ליעבשאפט אזוי געזאגט: „הער זיך צו, טאכטער מיינע וואס איך וועל דיר זאגען. קלייב דיר אויס דאס בעסטע חפץ וואס דיר געפעלט ביי מיר, און נעהם עס צו פאר דיר און געה דערמיט אהיים צו דיין פאטער. און מארגען וועט מען געהן צום רבי'ן מאכען דעם גט.“ דערוויילע האט דער מאן פאר עגמת נפש געטרונקען נאך א כוס וויין, און ווידער א כוס וויין ביז ער איז פשוט שיכור גע־ווארען. ער האט זיך קוים דערטראגען צום בעט, איז ארויפגעפאלען אויפ'ן בעט און איז שטארק אנטשלאפען געווארן.

די פרוי האט געבאך אויסגענוצט די געלעגענהייט, און האט געגעבען א באפעהל צו איהרע קנעכט, זאלען פאמעליך נעמען דאס בעט מיט דעם מאן שלאפענדיג, און איהם אריבערטראגען צו איהר פאטער אין הויז, זי זעלבסט איז אויך מיטגעגאנגען. ווען דער מאן איז ביינאכט אויפגעקומען פון שלאף, אויסגעניכטערט פון וויין, האט ער זיך אומ־

יותר ממך". האיש נדהם מדבריה, זלגו דמעות מעיניו וישב נבוך כל הלילה.

בבוקר הלכו אצל רבי שמעון בן יוחאי. ויספר האיש לרבי שמעון מה שקרה להם אחר הסעודה בלילה. רבי שמעון ב"י נתמלא רחמים עליהם וציוה להם שילכו לביתם בלי גט וידורו בשלום כמקדם. ויברך אותם ועמד והתפלל עליהם. תפלתו נשמעה בשמים וברכתו נתקיימה, ונפקדו בזרע של קיימא.

(ג)

רבי שמעון בן יוחאי ובנו רבי אלעזר התחבאו במערה י"ג שנה ולמדו שם תורה ביחד.

לאחר שמת רבי עקיבא היה דרכם של תלמידיו ושאר חכמי ישראל להתאסף בכרם של עיר „יבנה". פעם אחת ישבו שם ביחד רבי יהודה בר אלעאי, רבי יוסי ורבי שמעון בן יוחאי. וידברו יחדו מענינים שונים עד שבא להם לדבר על דבר ממשלת רומי. רבי יהודה בר אלעאי היה משבח ואמר: „כמה נאים מעשים

---

געקוקט און האט פארשטאנען אז ער געפינט זיך ניט אין זיין וואהנונג. פרעגט ער זיין פרוי ווידער מיט ליבשאפט: „טאכטער מיינע, וואו בין איך עפעס ערגעץ פארקראכען, און וואס פאר א הויז געפין איך זיך?" האט זי איהם געענטפערט, אז ער געפינט זיך אין איהר פאטערס הויז. „אבער ווי אזוי קום איך דא אהער, און וואס האב איך צו טהון אין דיין פאטערס הויז?" האט ער זי פערוואונדערט געפרעגט. דאן האט זי מיט טרעהרין אין די אויגען אזוי גיענטפערט. „מיין מאן! איך האב דיך געפאלגט און האב געטהון אזוי ווי דו האסט מיר געזאגט. האסט דו דען מיר ניט געזאגט נעכטען ביי די סעודה, איך זאל מיר ביי דיר אויסקלויבען דאס בעסטע חפץ און איך זאל דערמיט אהיים געהן צו מיין פאטער? דארום האב איך טאקי דיך זעלבסט אויסגעקליבען, ווייל דו ביזט ביי מיר דאס בעסטע און דאס טייערסטע חפץ". דער מאן איז געבליבען ערשטוינט און האט ניט גע־וואוסט וואס די קלוגע פרוי צו ענטפערן. צוויי טרעהרען האבען זיך ביי איהם ארויס־געקייקעלט אויף די באקען און איז אזוי געבליבען זיצען מיט אראפגעלאזענע אויגען ביז אין דער פריה.

צומארגענס איז דאס פאר פאלק געקומען פאר רבי שמעון. דער מאן האט מיט טרעהרען אין די אויגען דערצעהלט אלעס וואס האט פאסירט. רבי שמעון בן יוחאי האט גרויס רחמנות באקומען אויף דעם פאר פאלק, און ער האט זיי געהייסען אהיים געהן ווייטער וואהנען צוזאמען בשלום, און האט זיי געגעבען א ברכה זיי זאלען געהאלפען ווערען מיט זרע של קיימא. רבי שמעון בן יוחאי האט אויף זיי מתפלל געווען. זיין תפלה איז אין הימעל אנגענומען געווארען, און זיין ברכה איז מקוים געווארען.

(3)

רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין זוהן רבי אלעזר זייגען געזעסען באהאלטען אין א הייל 13 יאהר און האבען דארט די גאנצע צייט צוזאמען תורה געלערנט.

נאך רבי עקיבא'ס פטירה פלעגען זיך זיינע תלמידים צייטענווייז פארזאמלען אין דער שטאדט „יבנה". זייגען אמאהל געזעסען צוזאמען רבי יהודה בר אלעאי, רבי יוסי און רבי שמעון בר יוחאי. איז דאן צווישען זיי פארגעקומען א שמים וועגען די רוימער, וואס ארץ ישראל איז דאמאלסט געווען אונטער זייער הערשאפט. רבי יהודה בר אלעאי האט געלויבט די רוימישע רעגירונג און האט געזאגט אז די רוימער האבען אויפגעטהון שעהנע זאכען. זיי האבען איינגעפיהרט שעהנע גאסען מיט מערק צום האנדעל, האבען געמאכט בריקען,

של אומה זו, תקנו שווקים, תקנו גשרים, תקנו מרחצאות". רבי יוסי שתק. אבל רבי שמעון לא יכל להתאפק. ענה ואמר: „כל מה שתקנו לא תקנו אלא לצורכם. תקנו שווקים להושיב בהם זונות. מרחצאות לעדן בהם עצמם, גשרים לקחת מהם מכס". בעת שדברו היה נמצא שם איש אחד, יהודה בן גרים שמו, כי תולדתו מן אב ואם שנתגיירו. והוא לא הבין ולא ידע שנצרך להשמר בדברים כאלה, וסיפר דבריהם למיודעיו, ועל ידי זה נשמעו דבריהם למלכות רומי.

מאד חרה אפם על רבי שמעון בן יוחאי יען כי דבריו הם בזיון למלכות רומי. ועשו משפט על זה. ויצא משם הפסק: יהודה בר אלעאי ששיבח יתעלה, יוסי ששתק יגלה לציפורי, שמעון שגינה יהרג. ומיד נודע הדבר לרבי שמעון שנחרץ משפטו ליהרג וירא לנפשו. ברח מביתו ויתחבא בחדר נסתר שאצל בית המדרש. גם בנו רבי אלעזר ישב אצלו לשמשו. אשת רבי שמעון הביאה להם בכל יום לחם לאכול ומים לשתות, וכך ישב שם איזה ימים.

ויהי כאשר נודע לרבי שמעון שהגזרה בתוקפה ושמחפשים אותו, אמר לבנו: „תדע בני שאני מפחד כל היום, יען כי נשים דעתן קלה עליהן, ויכול להיות כאשר יצערו אותה תודיע איה אנו

---

האבען אויפגעבויט בעדער. רבי יוסי האט געשוויגען. אבער רבי שמעון האט זיך ניט געקאנט איינהאלטען און האט איהם געענטפערט אז עס קומט ניט צו לויבען דערפאר די רוימער. ווייל אלעם וואס זיי האבען אויפגעטהון, האבען זיי דאס געמאכט נאך צוליעב זייערע אייגענע נוצען. די שעהנע גאסען מיט די מערק וואס זיי האבען איינגעפיהרט איז בדי עס זאלען דארט זיצען אויסגעלאסענע פרויען. די בעדער האבען זיי געמאכט פאר זיך, פאר זייער וואוילטאג וועגען. בריקען וואס זיי האבען געמאכט איז כדי זיי זאלען האבען פון וואס צינזען צו נעמען.

אין דעם זעלבען פלאץ האט זיך געפונען א מאן וואס מען האט איהם גערופען יהודה בן גרים, ווייל זיינע עלטערן האבען זיך מגייר געווען. דער יהודה בן גרים האט געהערט וואס די חכמים האבען צווישען זיך גערעדט, און ער האט דעם געשפרעך דערצעהלט פאר מענשען. אזוי נאך איז דאס אנגעקומען צו דער רוימישער רעגירונג. באלד איז אנגעקומען א באפעהל פון רוים, אז רבי יהודה בר אלעאי וואס האט געלויבט די רוימער זאל דערהויבען ווערען מיט א הויכען טיטול. רבי יוסי, וואס האט געשוויגען זאל פארטריבען ווערען אין דער שטאדט „ציפורי". און רבי שמעון, ווייל ער האט באליידיגט די רוימישע רעגירונג זאל בעשטראפט ווערען מיט'ן טוידט.

דאן האט רבי שמעון גענומען זיין זוהן רבי אלעזר, וועלכער איז נאך דאמאלסט געווען אין די יונגע יאהרען, און האט זיך מיט איהם באהאלטען אין א קעלער וואס האט זיך געפונען אונ־טערן בית המדרש. יעדען טאג פלעגט זיין פרוי ברענגען זיי עסען. אבער אז מען האט אנגעהויבען שטארק צו זוכען זיי, האט רבי שמעון געזאגט, אז ער קלערט שטארק איבער, פיליייכט וועלען די רוימער אנטהון יסורים צו דיין מוטער און וועלען איהר צווינגען אויס־זאגען וואו מיר געפינען זיך. א פרוי האט דאך ניט אין זיך אזא שטארקייט זאלען קענען ביישטעהן דעם נסיון פון יסורים. דארום איז רבי שמעון מיט זיין זוהן רבי אלעזר אוועק פון דארט און האבען זיך בעהאלטען אין א הייל אין א וויסט געגענד וואו מענשען קומען דארט אהין ניט. עס איז געשעהן א נס און זיי האבען דארט אין דער הייל געפונען בוימער פון באקסען מיט פייגען, מיט א קוואל גוטע וואסער, פון וועלכען זיי האבען זיך דארט דערנעהרט. און אזוי ווי זיי האבען פערשטאנגען אז זיי וועלען אין דער הייל דארפען פארברענגען יאהרען לאנג, און קיין אנדערע קליידער האבען זיי ניט מיטגענומען, האבען זיי געזוכט אן עצה איינצושפארען זייערע קליידער, דאדורך האבען זיי די קליידער

נמצאים, לכן עלינו לברוח מכאן". ויברחו משם בלילה ויתחבאו במערה שהיא במקום ציה הרחק מן הישוב, ואין איש עובר שם. ונעשה להם נס שנצמחו שם עצי חרובין ותאנים, גם נגלה להם מעין של מים טובים, וניזונו מהם. וכאשר הבינו שלא בקרוב יכלו לצאת משם, ודאגו שבגדיהם לא יבלו, לכן היו פושטים בגדיהם ויכסו את גופותם עד צוארם בחול הנמצא שם. וכאשר היו צריכים להתפלל לבשו את בגדיהם לתפלה, ואחר התפלה פשטו בגדיהם, כדי שלא יבלו. וכל היום היו שניהם עמלים בתורה. ולא ידע איש מהם מלבד אליהו הנביא שהיה רגיל לבוא אצלם לגלות להם סתרי תורה. וכך ישבו שם י"ב שנה. לאחר י"ב שנה מת קיסר רומי. ושם היה חק מלכות שכאשר מת הקיסר נתבטלו גזרותיו. אז בא אליהו אל המערה ויבשר להם שהגזרה נתבטלה ורשאים לצאת ולבוא אל ביתם. ויצאו מן המערה.

## יציאתם מן המערה פעם ראשונה.

כשהלכו בדרך היו שמחים רק בבתי בראי, אבל לא היו טובי לב בבתי גוואי. בקרבם היתה טמונה תרעומת, מדוע היו נחתכים מן העולם י"ב שנה על לא חמס בכפם. ואחר הליכתם איזו פרסאות ונתקרבו למקום ישוב נלאו מעט וישבו לנוח מעט. בשעה ההיא ראו אשר לא רחוק ממקומם במקום שיח השדה בא איש אשר מלאכתו ללכוד עופות השמים ע"י הרשת אשר יזור עבור זה גרגירי תבואה בתוך הרשת. וכאשר תכנוס הצפור בתוך הרשת לאכול הגרגירים נשמע קול דפיקת הדלת שנסגרת פתאום והצפור נלכדה. ולפעמים נכנסת הצפור והצפור נלכדה. ולפעמים נכנסת הצפור ולא

---

אראפגענומען פון זיך און זייענ געזעסן און געלערנט, נאר ווען זיי האבן געדארפט דאווענע פלעגן זיי ארויסקריכן פון זאמד, אנטהון די קליידער און דאווענען, נאכ'ן דאווענען פלעגן זיי ווידער אראפנעמען פון זיך די קליידער און צוריק אריינגעזעצט זיך אין זאמד. אויך פלעגט אליהו הנביא אפטער קומען צו זיי אין דער הייל, צו ענטפלעקן זיי די טיפע סודות פון דער היילינע תורה. אזוי האבן זיי פערבראכט אין דער הייל גאנצע צוועלף יאהר. אום ענדע צוועלף יאהר איז דער קיסר פון רוים געשטארבען. און לויט די געזעץ פון רוים איז דאמאלסט געווען א געזעץ אז ווען א קיסר שטארבט, ווערען באנגאדיגט אלע וואס זייענ פער'משפט צום טויט שטראף. דאן איז באלד אליהו הנביא צו זיי געקומען אנזאגען די בשורה, אז דער רוימישער קיסר איז געשטארבען, און אז דאדורך איז דער טוידט שטראף פון רבי שמעון בר יוחאי ממילא בטל געווארען.

## ארויס פון דער הייל דאס ערשטע מאהל.

רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין זוהן זייענ ארויס פון דער הייל און האבען אנגעהויבען געהן אהיים. דאך זייענ זיי געווען פערדראסיג, פארוואס זיי האבען געמוזט אומשולדיג פארברענגען אזא לאנגע צייט געפאנגען אין א הייל, פאר דעם וואס רבי שמעון האט גע-רעדט עטליכע שלעכטע ווערטער אויף די רוימער. אז זיי זייענ אבגעגאנגען עטליכע מיילען זייענ זיי מיעד געווארען און האבען זיך געזעצט אביסעל אבדוהען, דאן האבען זיי געזעהן ווי א פויגעל-פאנגער שטעלט אויף נעטצען צו פאנגען פויגלען, אין די נעטצען ווערט אריינגעשיט זיערנעס תבואה, און ווען א פויגעל קריכט אריין עסען די זיערנעס, פארהאקט זיך די נעטץ, און דער פויגעל איז א געפאנגענער. האט רבי שמעון מיט זיין זוהן געהערט, אז ווען א פויגעל ווערט געפאנגען אין דער נעטץ הערט זיך פריהער א בת קול פון הימעל דאס ווארט: „ספקלא". דאס הייסט צוגעקלאפט, דאן פארקלאפט זיך באלד די נעטץ און דער פויגעל איז א געפאנגענער. און ווען א פויגעל קומט צו דער נעטץ און ווערט ניט געפאנגען, הערט זיך פריהער א בת קול

תלכד ויוצאת שלמה. ויטו אזנם רבי שמעון ורבי אלעזר וישמעו, שכאשר נכנסת צפור הנלכדת, נשמע תחלה בת קול מן השמים תיבת „ספקלא" שמשמעותה היא שתספק דלת הרשת ותלכד הצפור. וכאשר נכנסת הצפור ואינה נלכדת, נשמע תחלה בת־קול מן השמים תיבת „דימוס" שמשמעותה היא שנפטרת ממיתה. אז אמר רבי שמעון לבנו: „הלא תראה בני, כי אם גם הצפור אינה נלכדת בלי גזר דין מן השמים, מכל־שכן האדם שאינו נלכד בפח בלי גזרה מן השמים. זאת אומרת, שאין לנו לחשוב שנלכדנו במערה רק על פי גזרת קיסר רומי, כי אם בלתי ספק שכך נגזר מן השמים, וסבת הדבר גלוי וידוע לפני הקב"ה, ואסור לנו להתרעם ולהרהר אחר מדותיו". ובכן נתישבה דעתם וילכו הלאה.

### נגזר עליהם לחזור למערה

ויתי כאשר התחילו להתקרב יותר אל הישוב, ויעברו לפני שדה ויראו והנה יהודים חורשים בשדה וזורעים תבואה, ויתמהו עליהם ויאמרו בכעס: „מה אלה אנשים משוגעים עושים?! מניחין עסק התורה, שהיא חיי עולם, ועוסקים בחיי שעה!" ובשביל חרון אפם כל מקום שנתנו עיניהם בכעס מיד נשרף. אז יצתה בת־קול מן השמים ואמרה להם: „האם להחריב עולמי יצאתם?! חיזרו למערתכם". ובעבור זה היו מוכרחים לחזור ולשוב לאותה המערה, ונשתהו שם עוד י"ב חודש. לאחר שנים עשר חודש נשאו ידיהם לשמים ויאמרו: „אב הרחמן! הלא אף גם רשעים אין נשפטים בגיהנם יותר מן י"ב חודש, אם כן די לנו להיות נידונים כמשפט הרשעים". תפלתם נתקבלה. שוב יצתה בת קול ואמרה: „צאו ממערתכם". ויצאו שניהם מן המערה ללכת לביתם.

---

פון הימעל דאס ווארט: „דימוס". דאס הייסט „פריי". דאן פליהט זיך דער פויגעל אוועק פריי. האט רבי שמעון געזאגט צו זיין זוהן: „זעהסטו מיין קינד, אויב אזוי, אז זאגאר א פייגעלע ווערט אויך ניט געפאנגען אהן א גזרה פון הימעל, ווערט דאך א מענש געוויס ניט געפאנגען אהן א גזרה פון הימעל. אלזא, דארפען מיר פארשטעהן אז מיר זיינען ניט געווען געפאנגען אומזאנסט איבער דעם וואס איך האב גערעדט עטליכע שלעכטע ווערטער אויף די רוימער, נאר געוויס איז דא אין דעם אנ'אנדערע געוויסע אורזאכע, צוליעב וועלכע עס איז אזוי נגזר געווארען מן השמים". זיי האבען זיך בארוהיגט און זיינען געגאנגען ווייטער.

### געמוזט צוריק געהן אין דער הייל

ווען זיי האבען אנגעהויבען קומען נעהענטער צום ישוב, זיינען זיי פארביינגעגאנגען א פעלד, האבען זיי געזעהן ווי אידען זיינען פארנומען מיט פעלד ארבייט. האבען זיי זיך פארוואונדערט און האבען אויסגערופען: „וואס פאר א משוגעת שטעקט אין די מענשען! זיי פארלאזען די תורה, וואס גיט אייביגעס לעבען, און גיבען זיך אפ מיט אן ארבייט וואס גיט לעבען נאר אויף א קורצע צייט!" דאס האט זיי אזוי ארייגנעבראכט אין כעס, אז אויף וואס זיי האבען געווארפען א בייז אויג איז די זאך באלד פערברענט געווארען. דאן האט זיך געהערט א בת קול פון הימעל: „וואס טהוט זיך מיט אייך! צו זייט איהר ארויסגע־קומען פון דער הייל חרוב מאכען מיין וועלט? שוין זאלט איהר צוריקגעהן אין אייער הייל!" דאן זיינען זיי אוועק צו דער זעלבער הייל, און זיינען דארט ווידער אבגעזעסען צוועלף חדשים. נאך צוועלף חדשים האבען זיי מתפלל געווען מיט א פאדערונג, זאלען איגנאנצען באפרייט ווערען. זיי האבען גענומען טענה'ן, אז אזוי ווי די שטראף פון רשעים אין גיהנם איז ניט לענגער ווי צוועלף חדשים, פארוואס זאלען זיי זיין ערגער ווי דיכטיגע רשעים. זייער תפלה מיט זייער טענה איז אין הימעל אנגענומען געווארען, און א בת קול האט זיי געלאזט הערען פון הימעל מיט דיזע צוויי ווערטער „צאו ממערתכם". דאס הייסט: איהר מעגט שוין פאר־לאזען די הייל און אהיים געהן.

## (ד)
## איך יצאו לחפשי מן המערה.

כאשר התקרבו פעם שנית אל הישוב, עוד לא נתישבה דעתו של רבי אלעזר, ולא היה יכול לסבול התנהגות האנשים מבית ישראל, כיון שבזמן ארוך כזה בהיותו במערה, לא ידע דבר כי אם להיות עמל בתורה, ולזאת כמעט ששכח הצטרכותם הגשמיות של האנשים בעולם הזה, ויבט עליהם בתמהון וברוגז, וגרם בזה היזקות לאנשים. ובכל מקום שהיה רבי אלעזר מזיק במבטו היה רבי שמעון אביו מרפא. כאשר ראה רבי שמעון שאין זה תכלית טוב, התחיל לדבר רכות על לב בנו לרכך את לבו, והמליץ על ישראל לאמר: „תדע בני! כי די לעולם אני ואתה שיתקיים בזכות שנינו“. ועוד נזדמן לפניהם בערב שבת בין השמשות שראו איש זקן רץ לביתו, ובידו שתי חבילות של הדס. וישאלו אותו: „למה לך אותן שתי חבילות של הדס?“ אמר להם: „לתריח בהן לכבוד שבת“. אמרו לו: „ומדוע עשית מהם שתי חבילות, ולא די לך שיהיו חבילה אחת?“ אמר להם: „אחת כנגד זכור ואחת כנגד שמור“. אז אמר רבי שמעון לבנו: „ראה כמה חביבין מצות על ישראל! לכן הנה רוגזך מהם“. ומאז והלאה נתישבה דעתו וירך לבו ולא הזיק יותר לאיש במבטו.

רבי פנחס בן יאיר חותנו של רבי שמעון שמע כי חותנו בא לביתו וילך אליו לקבל את פניו. אבל כאשר גופו של רבי שמעון היה מלא פצעים מן החול שהיה מכסה את גויתו י״ג שנים במערה, ועל ידי זה נחלש כל גופו, לזאת הלך לעיר טבריא לרחוץ בחמי טבריא לחזק את

---

## (4)
## זיי זיינען באפרייט געווארען אינגאנצען פון דער הייל.

נאכדעם ווי זיי האבען פארלאזט די הייל און זיינען געקומען אין ישוב אריין, האט זיך רבי אלעזר נאך אלץ ניט בארוהיגט. ער האט נאך אלץ ניט געקענט צוזעהן, וואו אידען געבען זיך אזוי אינגאנצען אפ מיט די וועלט־זאכען און זיינען ניט עוסק אין דער תורה. און רבי אלעזר׳ס בייזער בליק פלעגט מענשען שאדען טהון. אבער דא וואו רבי אלעזר׳ס אויגען פלעגען שאדען טהון, דארט האט רבי שמעון באלד געהיילט. און אז רבי שמעון האט געזעהן אז זיין זוהן רבי אלעזר איז נאך אלץ ניט צופרידען מיט דעם פיהרעניץ פון די מענשען, האט רבי שמעון צו איהם געזאגט: „מיין קינד! ס׳איז גענוג פאר דער וועלט זאל קענען עקזיסטירען ווען עס געפינען זיך אזעלכע צוויי מענשען ווי איך און דו“. דאן האט זיך געמאכט אז ערב שבת פארנאכט האבען זיי געזעהן ווי אן אלטער מאן טראגט צוויי בינטלעך שמעקעדיגע הדסים און לויפט געשווינד צו זיך אהיים. האבען זיי איהם געפרעגט: „וואס טויגען אייך די צוויי בינטלעך הדסים?“ האט ער זיי געענטפערט: „דאס איז לכבוד שבת“. פרעגען זיי איהם ווידער: „אבער צו וואס דארפט איהר צוויי בינטלעך? איהר האט דאך געקאנט מאכען דערפון איין בינטעל“. ענטפערט ער זיי: „איין בינטעל איז קעגען זכור און איינס קעגען שמור“. דאן האט רבי שמעון געזאגט צו זיין זוהן רבי אלעזר: „זעה מיין קינד, ווי טייער ביי אידען איז דער שבת, אלזא, זיי ניט ברוגז אויפ׳ן אידישען פאלק“. פון דאמאלסט אן איז רבי אלעזר בארוהיגט געווארען און זיינע אויגען האבען אויפגעהערט שאדען צו טהון.

רבי פנחס בן יאיר, רבי שמעון׳ס שווער, האט געהערט אז זיין איידעם איז שוין אהיים געקומען, איז ער געגאנגען איהם מקבל פנים זיין. רבי פנחס בן יאיר האט אויסגעפונען אז זיין איידעם איז אוועק קיין טבריה, באדען זיך אין דעם הייסען וואסער וואס רופט זיך חמי טבריה, צו היילען זיין קערפער וואס האט שטארק געליטען פון דעם זאמד־באד, וואס ער האט דרייצעהן יאהר אין דער הייל געלעבט. רבי פנחס בן יאיר האט ביי די בעדער געשמידט רבי

גויתו ולהתרפא. ויבא אליו שמה רבי פנחס חותנו. וכאשר הלך רבי שמעון לרחוץ בחמי טבריא הלך עמו חותנו ויסוך את גויתו בשמן זית לרפא את פצעיו. ויהי כאשר ראה רבי פנחס את פצעי חתנו לא יכול להתאפק מבכי, כי נתמלא רחמנות עליו, ויפלו דמעות עיניו על גוית חתנו. וכאשר דמעות עינים מלוהין הן כמי מלח, הרגיש רבי שמעון עקיצת הדמעות במקום הפצעים ויכאב לו. אז שאל רבי שמעון את חתנו: „למה חותני תבכה ותכוה פצעי גוי מדמעות עיניך?“ ויענהו רבי פנחס: „בוכה אני על צרתך ומכאובך, ואוי לי שראיתיך בכך!“ ויאמר אליו רבי שמעון: „לא כן חותני! כי אם אשריך שראיתני בכך, שאילמלא לא ראיתני בכך לא מצאת בי תורה כל כך“. וזה היה דבר ידוע, כי טרם שנפרד רבי שמעון אל המערה, כשהיה ר' שמעון מקשה קושיא בלימודים, היה רבי פנחס מתרץ לו שנים עשר תירוצים. ואחר כך כאשר שב מן המערה, כשהיה רבי פנחס מקשה קושיא בלימודים היה רבי שמעון מתרץ לו עשרים וארבעה תירוצים.

(ט)

## מעשה פלא עם חמורים בבית רבי שמעון אביו.

במדרש שיר השירים, על הפסוק ידיו גלילי זהב, מובא מעשה פלא מילדותו של רבי אלעזר ב"ר שמעון. מעשה שבאו סוחרי תבואה לקנות תבואה בעיר צידון. וכאשר היה להם הרבה מעות היו יראים ללון במקום זר באכסניא, ויבאו עם חמורים לבית רבי שמעון בן יוחאי ללון שם. כאשר ישבו שם הסוחרים בבית רבי שמעון ראו שהנער רבי אלעזר יושב סמוך אל התנור שאפתה בו אמו לחם. וכל ככר לחם שהוציאה אמו מן התנור היה הוא חוטף ואוכל. אמו עשתה הוצאה והוא עשה

---

שמעון'ס קערפער מיט בוימעל, האט ער געזעהן ווי די הויט פון רבי שמעון'ס קערפער איז פול מיט שפאלטען. פון גרויס רחמנות אויף זיין איידעם האבען זיך נעגאסען טרעהרען פון זיינע אויגען און זיינען ארויפגעפאלען אויף רבי שמעון'ס לייב. רבי שמעון האט דערפיהלט די גע־זאלצענע טרעהרען וועלכע האבען געשמערצט זיינע וואונדען, פרעגט ער דעם שווער: „וואס וויינט איהר אזוי? אייערע טרעהרען בריהען דאך מיינע וואונדען“. ענטפערט רבי פנחס: „וועה איז מיר, וואס איך זעה דיך אין אזא לאגע!“. ענטפערט רבי שמעון: „וואויל איז דיר, וואס דו האסט מיך געפונען אין אזא לאגע. ווען דו וואלסט ניט געטראפען מיין קערפער אין אזא באשטאנד, וואלסטו ביי מיר ניט געפונען אזוי פיעל תורה“. עס איז באוואוסט אז איידער רבי שמעון בן יוחאי איז אוועק אין דער הייל, פלעגט רבי שמעון פרעגען א קשיא ביי רבי פנחס בן יאיר, און ער פלעגט איהם פארענטפערען מיט צוועלף תירוצים, און נאכ־דעם וואס רבי שמעון איז צוריקגעקומען, פלעגט רבי פנחס בן יאיר פרעגען א קשיא ביי רבי שמעון בן יוחאי, און ער פלעגט איהם פארענטפערען מיט פיער און צוואנציג תירוצים.

(9)

## די מעשה מיט די אייזלען אין רבי שמעון'ס הויז.

אין מדרש שיר השירים ווערט געבראכט אזא מעשה. אמאהל זיינען געקומען קיין צידון תבואה סוחרים קויפען תבואה ביי די פארמערס פון יענעם נעגענד ארום צידון. און אזוי ווי זיי האבען געהאט ביי זיך פיעל געלד, האבען זיי מורא געהאט צו נעכטיגען אין א גאסט הויז, זיינען זיי אריינגעריטען מיט זייערע אייזלען אין הויז וואו רבי שמעון בן יוחאי האט געוואהנט, זאלען דארט נעכטיגען. ווען די סוחרים זיינען שוין געווען אין וואהנונג פון רבי שמעון, האבען זיי געזעהן אז דער בחור'ל רבי אלעזר זיצט זיך נעבען אויווען וואו זיין מוטער באקט ברויט, און יעדעס ברויט'על וואס די מוטער האט ארויסגעבראכט פון אויווען, האט דאס בחור'ל באלד

הכנסה. וכן היה עד גמירא. ויתמהו האנשים הַסוֹחרים מאד ויאמרו איש אל רעהו בשפה זרה: „אוי לו לזה הנער! אין זה כי אם נחש רע ישכון בבטנו, ונער כזה יכול להביא רעבון לעולם!“ אמנם רַבי אלעזר הבין לשונם ושתק. ומה עשה להם? כאשר הלכו. הסוחרים על השוק לסחור, לקח רבי אלעזר את חמוריהם על כתפו והעלה אותם על העליה.

כאשר חזרו הסוחרים לבית רבי שמעון לא מצאו את חמוריהם. התחילו לחפשם כה וכה, עד שראו שהחמורים עומדים על העלית. ויתפלאו מאד על הדבר הזה, איך יכלו החמורים לעלות על הסלם אל העליה. אמנם כאשר ראו שהנער בן רבי שמעון עומד ומביט עליהם בצחוק על שפתיו, הבינו שאין זה כי אם מעשה ידיו. ויחשבו עצות איך להוריד החמורים מן העלית, ולא ידעו לשות עצות בנפשם. אז באו לפני רבי שמעון ויספרו לו כל המאורע.

וישאל אותם רבי שמעון: „אולי הרעותם לדבר דבור רע על בני, והוא שמע את דבריכם?“ ויענו ויאמרו: „חלילה לנו! לא דברנו אליו מאומה. ורק כאשר ראינו איך שחטף ואכל את ככרי הלחם שהוציאה אמו מן התנור, דיברנו בינינו שזה דבר פלא“. ויאמר רבי שמעון: „אם כן, הלא נכון הדבר. אבל דבר אחד אשאלכם. מדוע הבטתם עליו בעין רעה וצרה? האם הוא אכל משלכם, או האם סמוך הוא על שלחנכם? לא כן כמו שאתם חושבים, עליכם לדעת, כי מי שנותן לו חיים הוא נותן לו מזונותיו הנצרכות לו. וכן הוא מכין מזון לכל בריותיו אשר ברא. אף על פי כן לכו ופייסו אותו, ואמרו אליו בשמי שימחול לכם ויעלה ויוריד לכם את החמורים“.

וילכו הסוחרים אל הנער, ויפייסו אותו ויבקשו ממנו שימחול להם, ואמרו לו בשם

---

אריינגעכאפט און אויפגעגעסן. די מוטער האט ארויסגעשארט דאס געבעקס פון אויווען און ער האט עס באלד אריינגעשארט אין מויל אריין, ביז וואנעט ער האט אזוי אריינגעכאפט דאס גאנצע געבעקס. אזוי ווי די פרעמדע סוחרים האבען דאס צוגעזעהן, זאגט איינער צום צווייטען אויף א פרעמדער שפראך: „אך און וועה! עפעס א בייזער שלאנג מוז זיך געפינען אין דעם בחור'ס בויך! ער קאן נאך ברענגען א הונגער אויף דער וועלט!“ רבי אלעזר האט אבער יא פארשטאנען זייער געשפרעך. ער האט זיך גאר ניט וויסענדיג געמאכט, נאר ווען די סוחרים זיינען זיך ארויסגעגאנגען אין גאס וועגען מסחר, איז געגאנגען רבי אלעזר און האט גענומען די אייזלען און האט זיי ארויפגעטראגען אויפ'ן בוידעם.

ווען די סוחרים זיינען צוריק געקומען, האבען זיי ניט געפונען זייערע אייזלען. זיי האבען געזוכט אין אלע זייטען, ביז זיי האבען דערזעהן די אייזלען אויפ'ן בוידעם. רבי אלעזר איז געשטאנען די גאנצע צייט און האט געלאכט פון זיי. דאן האבען זיי פארשטאנען אז דאס איז זיין מלאכה. אבער וואס טהוט מען, וואו אזוי נעמט מען די אייזלען אראפ פון בוידעם? קלערען די סוחרים עצות, און בלייבען ביים קלערען. ווען זיי האבען פארשטאנען אז זיי האבען קיין עצה ניט, זיינען זיי געגאנגען צו רבי שמעון זיין פאטער, און האבען איהם דער־צעהלט די געשיכטע.

פרעגט זיי רבי שמעון: „פילייכט האט איהר מיין בחור'ל עפעס שלעכט באהאנדעלט?“ ענטפערען זיי: „חס ושלום! נאר ווען מיר האבען געזעהן וואס האט פאסירט ביים ברויט באקען האבען מיר צווישען זיך אזוי און אזוי געשמועסט“. האט רבי שמעון צו זיי געזאגט: „נו אויב אזוי איז שוין ריכטיג. אבער זאגט מיר, פארוואס האט איהר אויף איהם געקוקט מיט א בייז אויג און מיט א שלעכט אויג צו געבען איהם א עין הרע? האט ער דען געגעסן דאס אייערינגע, אדער צו איז ער דען אויף אייערע קעסט? ניט אזוי ווי איהר מיינט. מען דארף פארשטעהן, אז זיין באשעפער וואס גיבט איהם לעבען און געזונד, פארזארגט ער איהם מיט

אביו שיעלה ויוריד להם החמורים. וכן עשה. עלה והוריד את החמורים על כתפו. וגבורה השניה שהראה היתה יתרת על הראשונה. כי כאשר העלה את החמורים נשא אותם אחד אחד, וכאשר הורידם נשאם שנים בפעם אחת. וכל גבורת רבי אלעזר היתה כל כך גדולה רק טרם שהתיגע בתורה ביגיעה גדולה. אבל אחר כך כאשר לקח עליו עול תורה, נחלש כחו עד שביום הם גם טליתו לא היה יכול לסבול עליו.

מן המעשה הזה נוכל להבין איך שהיה לו נסיון גדול וקשה, ובעת שאביו היה מוכרח לברוח ולהתחבא במערה. וכדי שלא לעזוב את אביו בעת צרה, רק לקיים מצות כבוד אב, היה רבי אלעזר משליך כל אכילתו וכל תענוגיו שהרגילה אותו אמו, וברח עם אביו למערה במקום שמם לסמוך על מעשה נסים במקום סכנת רעב, ויתכלכל אח"כ בחרובין ותאנים י"ג שנה ויתכסה בחול אשר במערה. מזה נוכל להבין שאף בימי נערותו צדקתו בערה בו.

## (י)
## התנהגותו של רבי אלעזר בן רבי שמעון.

רבי אלעזר בן רבי שמעון נשא אשה בת רבי יוסי בן רבי שמעון בן לקוניא. ולא נודע כי אם מן בת אחת ובן אחד שהניח אחריו ושמו רבי יוסי, שנשאר יתום מאביו בימי נערותו, ולא הלך בדרך טובים. כאשר נודע הדבר לרבי יהודה הנשיא היה לו צער גדול מזה, והשתדל למשוך אליו את הנער היתום הזה ולקחו תחת כנפיו. וכאשר לא היה לו חשק ללמוד תורה ולעזוב את דרכו הרע, מה עשה רבי יהודה הנשיא, קרא אותו אליו וסמכו בתואר הכבוד של „רבי" והלבישו בבגדים של רבי ונתרצה ללמוד תורה. וימסור אותו רבי יהודה הנשיא לאיש

---

מזונות אויך. נאר פון רעסטוועגן געהט און בעט איבער מיין בחור'ל, און זאגט איהם פון מיינעט וועגען, ער זאל אייך צוריק אריינברענגען די אייזלען".

די סוחרים האבען אזוי געטהון. האט רבי אלעזר די אייזלען צוריק אראבגעטראגען, אבער די צווייטע גבורה איז געווען נאך גרעסער ווי די ערשטע. ארויפגעטראגען האט ער די אייזלען איינציגווייז, און אראבגעטראגען האט ער זיי צו צוויי מיט איינמאהל. די גבורה האט רבי אלעזר פארמאגט אלץ נאך בעפאר ער האט זיך גענומען צו לערנען תורה. אבער דערנאך ווען ער איז שוין געווען אריינגעטהון אין תורה לערנען, איז ער אזוי שוואך געווען, אז עס איז איהם אפילו שווער געווען דעם מאנטעל צו טראגען אויף זיך אין א היסען טאג.

פון דיזער געשיכטע קען מען שוין האבען א באגריף, וואס פאר א גרויסען נסיון האט אזא בחור'ל געהאט בייצושטעהן, אוועק צוווארפען זיין לעבענסגעוואהנהייט און מיט לויפען מיט זיין פאטער איהם משמש צו זיין אין א וויסטע הייל, וואו נאר דורך מעשה נסים האבען זיי זיך קוים דארט דערנעהרט פון באקסער מיט טייטלען מיט רויע וואסער גאנצע דרייצעהן יאהר. ניט בחנם האט רבי אלעזר זוכה געווען דערהויבט צו ווערען צו אזא גרויסע מדרגה.

## (10)
## דאס פיהרעכץ פון רבי אלעזר בן רבי שמעון.

רבי אלעזר ב"ר שמעון האט חתונה געהאט מיט א טאכטער פון רבי יוסי ב"ר שמעון בן לקוניא. ס'איז נאר באוואוסט פון איין זוהן רבי אלעזר'ס מיט'ן נאמען רבי יוסי, וועלכער איז געבליבען א יתום יונגערהייט, און איז געגאנגען אין שלעכטען וועג. נאר אזוי ווי רבי יהודה הנשיא איז דערפון געוואהר געווארען, האט ער פארלעגט א כח אויף דעם, ער זאל איהם נעמען אונטער זיינע פליגעל, און ער האט דעם יתום איבערגעגעבען צו זיינס א משפחה רבי שמעון בן איסי בן לקוניא, ער זאל מיט איהם תורה לערנען, און רבי יהודה הנשיא האט

ממשפחתו, ושמו רבי שמעון בן איסי בן לקוניא שילמוד עמו תורה, ונעשה באמת גדול הדור.

רבי אלעזר ב"ר שמעון ורבי יהודה הנשיא היו חברים איזה זמן, כאשר למדו תורה ביחד בישיבת רבי שמעון בן גמליאל היה דרכו לקרב ולכבד לרבי אלעזר ב"ר שמעון יותר ממה שהיה מקרב לבנו רבי יהודה. וכאשר רבי יהודה היה מקשה איזו קושיא, הניח רבי שמעון אביו שרבי אלעזר יפרק ויפוצץ הקושיא בהרבה תירוצים, ויבטל את הקושיא בתכלית הביטול יותר מדי. וכאשר היה לרבי יהודה צער מזה, היה אביו אומר לו: „אל ירע בעיניך דבר הזה, בני! כי עליך לדעת שרבי אלעזר הוא ארי בן ארי, אבל אתה ארי בן שועל". ובזה הראה רבי שמעון בן גמליאל גודל ענותנותו שדימה עצמו רק לשועל. וכך הוא היה מפורסם תמיד לעניו גדול.

כפי הנראה מהרבה מקומות בתלמוד בבלי וירושלמי, היה רבי אלעזר ב"ר שמעון מלבד גודל חריפתו בהלכה, שבשביל זה נקרא רבי אלעזר סתימתאה, היה גם ענק גדול בהגדה. וגם פייטן מפואר. וכאשר נסתלק יצא עליו כרוז מן השמים זה הפסוק „מי זאת עולה מן המדבר כתמרות עשן מקוטרת מור ולבונה מכל אבקת רוכל". יען כי היה מושלם ומלא עם כל המעלות והחכמות, כמו כלי מלא עם כל מיני בשמים. ולכך יש אומרים שהפיוטים אשר במחזור על שם רבי אלעזר הקליר, הלא הוא אותו רבי אלעזר ב"ר שמעון. וזה לשון התוספות במסכת חגיגה (יג) רבי אלעזר היה תנא ירושלמי, והוא היה רבי אלעזר בן רבי שמעון דקרי עליה מכל אבקת רוכל. תנא, קרא, קרובץ ופייטן וכו'.

---

דעם בחור'ל פאראוים סמיכה געגעבען, און דאדורך האט ער חשק געקראגען צו לערנען תורה און איז טאקע געווארען א גדול הדור.

רבי יהודה הנשיא מיט רבי אלעזר ב"ר שמעון זיינען א שטיקעל צייט חברים געווען, ווען זיי האבעןביידע געלערענט אין דער ישיבה פון רבי שמעון בן גמליאל דער פאטער פון רבי יהודה הנשיא. רבי שמעון בן גמליאל פלעגט מעהר מקרב זיין רבי אלעזר ב"ר שמעון ווי זיין אייגענעם זוהן רבי יהודה, און ווען רבי יהודה פלעגט פרעגען א קשיא, האט זיין פאטער דער־לאזט, אז רבי אלעזר זאל איהם פארווארפען מיט זעהר פיעל תירוצים, און האט די קשיא צו פיעל מבטל געווען. אז רבי יהודה האט געהאט שטארק עגמת נפש דערפון, פלעגט איהם זיין פאטער רבי שמעון זאגען: „מיין קינד זאל דיך ניט פארדריסען, דו דארפסט וויסען אז ער איז א לייב און א זוהן פון א לייב, אבער דו ביזט א לייב און א זוהן פון א פוקס". דא האט רבי שמעון בן גמליאל ארויסגעוויזען זיין גרויס עניוות, אז ער האלט זיך פיעל נידעריגער פון רבי שמעון בן יוחאי.

לויט ווי עס ווייזט אוים פון פיעל ערטער אין תלמוד בבלי און ירושלמי איז רבי אלעזר ב"ר שמעון אויסער זיין חריפות אין למדנות געווען אויך א באריהמטער פייטן און א גרויסער דרשן. און ווען ער איז נפטר געווארען האט מען אויף איהם אויסגערופען דעם פסוק „מי זאת עולה מן המדבר כתמרות עשן מקטורת מור ולבונה מכל אבקת רוכל", ווייל ער איז געווען אזוי ווי א כלי אנגעפילט מיט אלערליי מעלות. דאס הייסט מיט אלערליי בשמים. און דאדורך ווילען טייל זאגען אז די פיוטים אין מחזור פון רבי אלעזר הקליר זאל דאס זיין דער זעלבער רבי אלעזר ב"ר שמעון.

(יא)

## רבי אלעזר ב"ר שמעון ביזה לאיש מכוער ואח"כ פייסו

מעשה שבא רבי אלעזר ב"ר שמעון ממגדל גדור מבית רבי, שהיא הישיבה של רבי שמעון בן גמליאל, והיה רוכב על החמור ושמח שמחה גדולה, והיתה דעתו גסה עליו, מפני שלמד תורה הרבה. והיה מטייל על שפת הנהר. בא אליהו הנביא לקראתו בדמות אדם מכוער ביותר. ויקרב אליו אותו איש המכוער, נתן לו שלום ואמר לו: „שלום עליך רבי!" אבל רבי אלעזר לא החזיר לו שלום, אלא הקפיד עליו ואמר לו: „ריקה! כמה מכוער אותו האיש, שמא כל בני עירך מכוערים כמותך!" אמר לו זה האיש: „זאת איני יודע אם יש עוד, אבל לך ואמור לאותו אומן שברא אותי, כמה מכוער כלי זה שבראת בעולמך!"

רבי אלעזר הבין מיד שחטא בדבריו. ירד מן החמור ונשתטח לפניו ואמר לו: „נעניתי לך, מחול לי". אבל זה האיש אמר לו: „איני מוחל לך עד שתלך לאותו האומן ותאמר לו כך". נצטער מאד רבי אלעזר על דבר הזה, והיה מטייל אחר אותו איש המכוער בכל הדרך, עד שהגיע סמוך לעירו.

כאשר נודע לבני עירו שרבי אלעזר יבא באותו היום, יצאו בני העיר לקראתו. נתנו לו שלום, ואמרו לו: „שלום עליך

(11)

## רבי אלעזר באליידיגט א מיאוס'ן מענש און איז איהם מפיים.

עס האט אמאהל פאסירט אז רבי אלעזר ב"ר שמעון האט געריטען אויף א אייזעל, ווען ער איז אהיים געגאנגען פון דער ישיבה, וועלכע איז געווען אין שטאדט „מגדל גדור". ער איז דאן געווען זעהר פרייליך און שטאלץ ביי זיך, ווייל ער האט דארט פיעל תורה געלערנט. בשעת ער האט אזוי רייטענדיג שפאצירט נעבען א טייך, איז איהם אקעגען געקומען אליהו הנביא, פארשטעלט פאר א מענש מיט זעהר א העסליך פנים און האט אינגאנצען אויסגעקוקט אויסערגעוועהנליך מיאוס. דער מיאוס'ער מענש איז צוגעגאנגען צו רבי אלעזר און גיט איהם א ברייטען שלום עליכם מיט דיזע ווערטער: „שלום עליך רבי!" רבי אלעזר האט איהם ניט צוריק געגעבען שלום, נאר ער האט איהם נאך באליידיגט מיט ווערטער, זאגענדיג: „דו פארדומטער קערל, אוועק פון מיר, וואס פאר א מיאוס'ער מענש ביזטו! פיליכט זיינען אלע דיינע שטאדטלייטע אזעלכע העסליכע מענשען ווי דו ביזט!?" האט איהם דער מיאוס'ער מענש געענטפערט: „דאס ווייס איך ניט, אבער וואס בין איך שולדיג, געה בעסער אנבייזערען זיך אויף דעם באשעפער, און שריי אויף איהם, זעה נאר, וואס פאר א מיאוסע כלי האסטו באשאפען אויף דיין וועלט!".

רבי אלעזר האט באלד פארשטאנען אז ער האט געזינדיגט מיט זיינע רייד, איז ער ארונ־טער פון אייזעל, איז געפאלען דעם מאן צו די פיס און האט געבעטען ער זאל איהם מוחל זיין. אבער דער מאן האט זיך געהאלטען פעסט, זאגענדיג אז ער וועט איהם ניט מוחל זיין, ביז ער זאל געהן צום באשאפער און אנבייזערען זיך אויף איהם, פארוואס ער האט באשאפען אזא מיאוסע כלי אויף זיין וועלט. איז רבי אלעזר אזוי נאכגעגאנגען צופוס דעם מיאוס'ן מענש ביז נאהענט צו זיין שטאדט.

די שטאדט-לייט האבען געהאט א נאכריכט אז רבי אלעזר קומט, זיינען אלע איהם אנט־קעגען געגאנגען מקבל פנים זיין און האבען איהם געזאגט: „שלום עליך רבי רבי, מודי מורי!" האט דער מיאוס'ער מענש זיי געפרעגט: „וועמען רופט איהר דאס אזוי רבי רבי?" האבען די שטאדט-לייט איהם געענטפערט, אז זיי רופען רבי רבי אט דעם גרויסען מאן וואס געהט דיר נאך. זאגט ווידער צו זיי דער מיאוס'ער מענש: „אויב דאס איז א רבי, איז גלייכער

רבי רבי, מורי מורי!" אמר להם אותו איש המכוער: „למי אתם קוראים רבי, רבי?" אמרו לו: „הלא לזה שמטייל נבא". אמר להם: „אם זה רבי, אל ירבו כמותו בישראל". כל בני העיר התפלאו עליו, וישאלו אותו, מפני מה הוא אומר כך. והוא סיפר להם כל אשר עלת ביניהם. אף על פי כן בקשו מאת אותו האיש שימחול לו, כיון שנתחרט על דבריו בדברי פיוסים, ומכל מקום אדם גדול הוא, והרי זה כשגגה שיצאה מלפני השליט. ויאמר אליהם: „רק למענכם ובשבילכם אעשה כן, ואני מוחל לו. אמנם בתנאי שיקבל עליו שלא יעשה עוד ככה לבזות כל איש, יהיה מי שהוא ומה שהוא".

אחר כך נכנס רבי אלעזר לבית המדרש ודרש: „לעולם יהא אדם רך כקנה, ואל יהא קשה כארז. ובשביל זה זכתה קנה לכתוב עמה ספר תורה תפילין ומזוזות".

## (יב)

## רבי אלעזר פגע בזקן שנהג לנער.

מעשה שהיה רבי אלעזר ב"ר שמעון מטייל על שפת נהר גדול. והנה אליהו הנביא בא לקראתו בדמות עני זקן שהלך קרוע ובלוע בבגדים מלוכלכים, והיה מנהג בידו נער קטן מעוטף בסמרטוטין, נוסף לזה עוד שהיה מוכה שחין. והיה נראה שמחפשים או ממתינים על ספינה או למצא מקום שאינו עמוק שיוכלו לעבור את הנהר. כאשר נודע לרבי אלעזר מה הם מבקשים, אמר אל הזקן: „אם לעבור את הנער תחפץ, הושב את הנער על זרועי בצד אחד, ואתה הזקן תשב על זרועי השנית בצד השני, ואני אשא אתכם על זרועותי ואעבור עמכם את הנהר לעבר השני". ויאמר אליו הזקן: „הלא כפי הנראה תלמיד חכם אתה,

---

עס זאָל זיך ניט מעהרען ביי אירען אזעלכע רביים ווי ער איז". פרעגען איהם די שטאָדט־לייט פאַרוואָס ער זאָגט אַזוי, און וואָס איז פאָרגעקומען. האָט ער זיי דערצעהלט ווי אַזוי רבי אלעזר האָט איהם באַליידיגט. האָבען די שטאָדט־לייט געבעטען ביי דעם מיאוס'ען מענש, ער זאָל פאַרט מוחל זיין, בעוויל דער רבי אלעזר איז איינער פון די גרויסע לייט. האָט דער מענש געזאָגט: „איך טהו דאָס נאָר אייך צוליעב און בין איהם מוחל, אָבער נאָר בתנאי, ער זאָל מעהר ניט האָבען אַזאַ געוואָהנהייט צו באַליידיגען אַ מענש".

נאָכדעם איז רבי אלעזר אריין אין בית המדרש און האָט אָבגעהאַלטען אַ דרשה, אַז אַ מענש דאַרף אימער זיין ווייך אַזוי ווי אַ פערער, און זאָל ניט זיין אַזוי האַרט און שטאָלץ ווי אַ שטעקען פון אַ טענענבוים. און דאָדורך האָט די פערער זוכה געווען מען זאָל שרייבען מיט איהר ספר תורה תפילין און מזוזות.

## (12)

## רבי אלעזר טרעפט אַ זקן וואָס האָט געפיהרט אַ אייניקעל.

אַמאָהל האָט רבי אלעזר בן רבי שמעון שפּאַצירט נעבען אַ גרויסען טייך. איז ווידער איהם אליהו הנביא אַקעגען געקומען אין אַ געשטאַלט פון אַן אַלטען אָבגעריסענעם אָרימאַן, וואָס האָט געפיהרט ביים האַנד אַ אייניקעל, וואָס איז אויך געווען שמוציג. דער אַלטיטשקער האָט זיך אויסגעוויזען אַזוי ווי ער זוכט אַ שיפעל אָדער אַ שמאָל אָרט וואו ס'איז ניט טיעף, ער זאָל קענען אריבערגעהן דעם טייך מיט דעם אייניקעל. אַז רבי אלעזר איז פון דעם אַלטיטשקען געוואָהר געוואָרען וואָס ער דאַרף, האָט רבי אלעזר צו איהם געזאָגט: „זעץ אַרויף דאָס אייניקעל אויף מיין אַקסעל פון איין זייט. און דו אַלטיטשקער זעץ זיך אַרויף אויף מיין אַקסעל פון דער צווייטער זייט, וועל איך אייך ביידע אריבערטראָגען איבער'ן טייך". זאָגט דער זקן צו איהם: „איהר זייט דאָך עפּעס פון די תלמודי חכמים, האָט איהר דען כח אונז אריבער צו טראָגען?"

ומאין לך כח לשאת את שנינו על זרועותיך?" ויענהו רבי אלעזר: „אל תדאג אודותי אתה הזקן, עוד יש לי כח לקחת את שניכם בכפי ולהשליך אתכם מעבר לנהר, הרחק מן הנהר". וישאלהו עוד הזקן: „הלא אתה לומד תורה, והתורה נקראת תושיה, מפני שמתשת כחו של אדם, וא"כ איפוא תוכל לעשות דבר כזה?" ויאמר אליו רבי אלעזר: „הלא התורה נקראת גם כן רפואה, ככתוב רפאות תהי לשריך וגו'. ואם כן אני למדתי הרבה תורה שהיא מרפא לגופי, ונותנת לי די אונים".

הזקן נתפתה לדבריו, ויקח רבי אלעזר את שניהם על זרועותיו וישא אותם מעבר לנהר. אחרי כן שאל רבי אלעזר להזקן, מה מעשהו, ואנה הוא מנהג לנער הזה. ויענהו הזקן, שהוא עני ואביון, ומתפרנס מן מלומדות, שהוא מלמד תורה עם ילדי ישראל, ותם נער הזה הוא תלמידו, ומנהג אותו אל בית הורין אחר הלימוד. ויאמר אליו רבי אלעזר: „אם אך מלמד נאמן אתה, ואינך עושה מלאכת חשם ברמיה, אין לך להתרעם על עניותך. כי לבעבור זה שאתה מלמד תורה לילדי ישראל, אני אהיה מליץ יושר עבורך בעולם העליון, שתנצל מדינה של גיהנם, כי אני איני מניח שמלמד נאמן יענש בגיהנם". ויענהו הזקן: „הן לפי דבריך אני מבין שאתה חשוב מאד בעולם העליון כמו מלאך אלקים". ובתוך כך נעלם הזקן עם הנער ואיננו. אז הבין רבי אלעזר שאין זה כי אם אליהו הנביא שבא לנסותו. וישמח רבי אלעזר על שעמד בנסיונו ולא נכשל כמו בפעם אחרת.

---

האָט איהם רבי אלעזר געענטפערט: „זאָרגט אייך ניט פאַר מיר, איהר אַלטיטשקער, איך האָב אפילו כח אַנצונעמען אייך מיט דעם אינגעלע אין מיינע ביידע הענד, און אייך אריבער־וואַרפען אויף דער אַנדערער זייט טייך, נאָך אַ שטיק וויימער וואו דער טייך". פרעגט איהם ווידער דער זקן: „איהר לערענט דאָך געוויס תורה, און די תורה ווערט דאָך אָנגערופען „תושיה" ווייל זי שוואַכט אָב דעם מענש, הייגט ווי אַזוי קאָנט איהר אייך אונטערנעמען אַזא זאַך?" ענטפערט איהם רבי אלעזר: אָבער די תורה ווערט דאָך אויך אָנגערופען „רפואה", האָב איך געלערענט פיעל תורה, וועלכע איז אַ רפואה צו מיין קערפער און זי גיט מיר פיעל כח און קראַפט".

רבי אלעזר האָט זיי ביידע גענומען אויף די אַקסלען און האָט זיי אריבערגעטראָגען איבער'ן טייך. נאָכהער האָט רבי אלעזר געפרעגט דעם זקן, וואָס זיין פאַך איז, און וואו פיהרט ער דעם אינגעל. האָט דער זקן געענטפערט, אז ער איז אַן אָרימער מלמד, וואָס לערענט מיט דעם אינגעל תורה, און ער פיהרט דעם אינגעל אַהיים. זאָגט צו איהם רבי אלעזר: „אויב איהר זייט נאָר אַ עהרליכער מלמד דאַרפט איהר זיך גאָר ניט באַקלאָגען אויף אייער אָרימקייט, ווייל פאַר דעם וואָס איהר לערענט תורה מיט קינדער, וועל איך פאַר אייך זיין אַ מליץ יושר אויף יענער וועלט, איהר זאָלט ניצל ווערען מן דינה של גיהנם. און איך דערלאָז ניט מען זאָל אַן עהרליכען מלמד באַשטראָפען אויף יענער וועלט מיט גיהנם". ענטפערט איהם דער זקן: „לויט ווי איך הער פון אייך אַזעלכע רייד ווייזט אויס, אז איהר זייט חשוב אויף יענער וועלט אַזוי ווי אַ מלאך פון הימעל". און אַזוי זאָגענדיג איז דער זקן מיט'ן אינגעל פארשוואונדען געוואָרען, און רבי אלעזר האָט שוין מעהר זיי ניט געזעהן. דאַן האָט רבי אלעזר פאַרשטאַנען אַז דאָס איז געווען אליהו הנביא, האָט ער זיך געפרעהט וואָס ער איז ביי דעם נסיון ניט אדורכגעפאַלען אַזוי ווי אַן אַנדערש מאָהל.

## (יג)
## ממשלת רומי הכריחה לרבי אלעזר להיות ראש תופסי גנבים.

מעשה שפגע רבי אלעזר ב"ר שמעון בשוטר של מלך שהיה ממונה לחפש גנבים ולתופסם. שאל אותו רבי אלעזר: „איך אתה יכול למצוא הגנבים שהם ערומים בדעת לעשות במחשך מעשיהם. ואפשר שאתה עושה טעות לתפוס צדיקים ולהניח הרשעים". אמר לו השוטר: „ומה אני יכול לעשות. הלא גזרת המלך היא, ואני מוכרח לקיים פקודתו כפי מבינתי". אמר לו רבי אלעזר: „בוא ואלמדך איך לעשות. אתה תכנס בעת סעודת צהרים לחנות של יין, וכאשר תראה לאיש שתופס הכוס בידו והוא מתנמנם, תשאל עליו אם הוא בן תורה, הרי יכול להיות שלמד תורה בלילה, לפיכך תקפתו שנה. ואם אין הוא בן תורה, תחקור אולי הוא בעל מלאכה או פועל שעושה מלאכתו בלילה, לפיכך הוא מתנמנם ביום. ואם הוא לא זה ולא זה, סימן שהוא גנב בלילה. ותתפוס אותו למאסר".

דברי רבי אלעזר נשמעו בבית המלך ותוטבה בעיניהם עצתו המוחכמת. אמרו שם קריינא דאיגרתא איהו ליהוי פרוונקא. הוא נתן עצה טובה, ועליו לקיים עצתו. ויצאה גזרת המלכות שרבי אלעזר מוכרח

## (13)
## די רוימישע רעגירונג האט געצווּנגען רבי אלעזר'ן ער זאָל ווערען דער עלטסטער פון דער געהיים־פּאָליציי.

רבי אלעזר ב"ר שמעון האט זיך אמאָהל צוזאמענגעטראָפען מיט איינעם פון די געהיים־פּאָליציי, וואָס פלעגט כאַפּען גנבים. האט איהם רבי אלעזר געפרעגט: „זאָג מיר, ווי אַזוי געפינסטו אויס די גנבים, פיליכט כאַפּסטו גאָר עהרליכע מענשען און די רשעים לאָזטו ארום־געהן פריי?" האט איהם דער בעאַמטער געענטפערט: „וואָס קאָן איך מיר העלפען, איך מוז דאָך אויספיהרען דעם באַפעהל פון דער רעגירונג". האט רבי אלעזר צו איהם געזאָגט: הער זיך צו וואָס איך וועל דיך לערנען, געה אַדורך מיטאָג שטונדע אין די וויין שענקען, און קוק דיך גוט צו ווי די מענשען זיצען און טרינקען וויין, אז דו וועסט זעהן איינער האלט צו די גלאָז וויין מיט דער האנט און דרימעלט, זאָלסטו דיך נאָכפרעגען אויף דעם מאַן אויב ער איז א בן תורה, קאָן דאָך זיין אז ער שטעהט אויף גאַנץ פריה תורה לערנען, דאַדורך איז ער שלעפערדיג. און אויב ער איז ניט קיין בן תורה זאָלסטו אויסגעפונען, אפשר איז ער א נאַכט ארבייטער, און אויב ער איז ביידע ניט, קאָנסטו רעכענען אז ער איז גנב, און מעגסט איהם אריינזעצען אין תפיסה".

רבי אלעזר'ס עצה איז דעם בעאַמטען זעהר גוט געפעלען, און אַזוי נאָך זיינען רבי אלעזר'ס רייד געהערט געוואָרען פאר דעם קעניג אין רוים. נאָכהער איז אָנגעקומען א באַפעהל פון רוים, אַז דער וואָס קען איבערלייענען דעם בריעף זאָל אַליין זיין דער שליח. דאָס הייסט אז דער רבי אלעזר וואָס קען געבען אזא קלוגע עצה, זאָל אַליין ווערען דער שליח פון דער רעגירונג אויסצוראָטען די גנבים. און ער האט איהם איבערגעגעבען דעם גרעסטען ראַנג פון דער געהיים־פּאָליציי, און רבי אלעזר האט טאַקע געמוזט אָננעמען דעם אַמט און איז ריכטיג אָנ־געגאַנגען מיט דער ארבייט. די זאַך האט אָבער פאַרדראָסען די חכמים, ווייל זיי האָבען ניט געוואוסט אז רבי אלעזר איז געווען גענויט דערצו, האט רבי יהושע בן קרחה געשיקט צו רבי אלעזר דיזע ווערטער: „דו חומץ בן יין! דאָס הייסט, עסיג דער זוהן פון וויין! (די מיינונג איז, רשע בן צדיק) ביז ווילאַנג נאָך וועסטו איבערגעבען מענשען פון אידישען פאָלק צו דער הריגה?" ווייל דאַמאָלסט איז, לויט דעם משפט פון רוים, א גנב געווען א חייב מיתה. האט

לקבל עליו משרה הזאת, להיות שר ומושל על השוטרים תופסי הגנבים, ללמדם דעת בכל פעם ופעם איך יתנהגו. רבי אלעזר נלכד, ולא היה ביכולת למאן בדבר, והוכרח לקבל עליו גזרת המלכות, ונעשה שר ומושל על השוטרים תופסי הגנבים. אבל דבר הזה עורר שנאה וכעס בלבבות חכמי ישראל שלא ידעו ולא האמינו כי גזרת המלכות היא עליו. וישלח אליו רבי יהושע בן קרחה לאמר: „חומץ בן יין! עד מתי אתה מוסר עם ישראל להריגה?" שלח לו: „קוצים אני מכלה מן הכרם". שלח לו רבי יהושע בן קרחה: „יבא בעל הכרם ויכלה את קוציו". אבל רבי אלעזר ידע והבין כי אין ביכולתו, ויש סכנה בדבר לעבור על גזרת המלכות.

(יד)

## מפני מה קבל רבי אלעזר על עצמו יסורים.

בעת ההיא שרבי אלעזר היה מוכרח עוד לעמוד באותה המשרה שהוטלה עליו מאת המלכות, פגע בו פעם אחת איש אחד שהיה כובס בגדים, וכאשר היה לו איזה כעס ותרעומת על רבי אלעזר קרא אחריו זה הכובס ברחוב לפני אנשים: „ראו שהולך כאן חומץ בן יין!" אמר רבי אלעזר: „מדחציף כולי האי שמע מינה רשע הוא". פקד רבי אלעזר לשוטר שיתפוס לאותו הכובס. תפסוהו ואסרוהו במאסר של חייבי מיתה שנחרץ משפטם להמיתם בתליה באותו הלילה באשמורת הבקר. ועל ידי זה נתלה גם הכובס יחד עם שאר חייבי מיתה.

ויהי בלילה כאשר שככה חמת רבי אלעזר, לא נח ולא שקט עבור זה שפקד לתפוס את הכובס. וכאשר אך האיר הבקר רץ אל מקום המאסר להוציאו לחפשי או לפדותו בממון. אבל איחר המועד, כי מצא אותו תלוי על התלויה

---

רבי אלעזר איהם צוריק געשיקט אזא ענטפער: „איך פארלענר די דערנער פון אידישען גאר־טען". האט צו איהם רבי יהושע בן קרחה ווידער צו געשיקט: „ווער נוים דיך דו זאלסט רייניגען דעם גארטען, זאל קומען דער בעל הבית פון גארטען און זאל אליין פארלענרען די דערנער פון זיין גארטען!" אבער רבי אלעזר האט ניט געקענט און האט ניט געטאהרט אהן א ריכטיגע אורזאכע צוריקווארפען דעם הויכען קעניגליכען ראנג, וואס איז פון רוים צוגעשיקט געווארען, און ער האט געמוזט ווארטען אויף א גינסטיגע צייט ווען ער וועט זיך קענען, לויט דעם געזעץ פון רוים, ארויסדרעהען פון דעם אמט.

(14)

## פארוואס האט רבי אלעזר אויף זיך גענומען יסורים?

אין יענער צייט ווען רבי אלעזר האט נאך געמוזט אבהאלטען די רעגירונגס אמט, איז אמאהל רבי אלעזר געגאנגען אין גאס, האט איהם באגעגענט א וועשער, וואס האט געהאט אויף רבי אלעזר'ן א פארדראס, און ער האט נאכגעשריגען אויף רבי אלעזר'ן: „חומץ בן יין!" דאס הייסט, דו ביזט עסיג דער זוהן פון וויין. האט דאס רבי אלעזר'ן שטארק פאר־דראסען און ער האט געזאגט. „אויב דער מאן איז אזא גרויסער עזות פנים, איז דאס א באווייז אז ער איז געוויס א רשע". דאן האט רבי אלעזר געגעבען א באפעהל מען זאל דעם וועשער כאפען אין תפיסה. רבי אלעזר'ס שטרענגער באפעהל איז באלד אויסגעפיהרט געווארען און דער וועשער איז אריינגעכאפט געווארען אין דער תפיסה, וואו עס זיצען די צום טויט פאר־משפט'ע. און גראדע צומארגענס גאנץ פריה איז געוועזען די צייט אויסצופיהרען טויט שטראף אויף די וואס זיינען געזעסען געפאנגען אין יענער תפיסה דורך הענגען, און צווישען זיי איז שוין אויך פארעכענט געווארען דער וועשער.

מת. אז קרא רבי אלעזר על עצמו את הפסוק „שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו“. וכאשר נצטער מאד על זה עמד רבי אלעזר אצל התלויה ויבך. אז באו שמה אנשים ויאמרו אל רבי אלעזר: „רבנו! מדוע תבכה עליו, הלא הוא היה חייב מיתה כי הוא ובנו בעלו נערה מאורסה ביום הכפורים“. הניח רבי אלעזר את ידיו על בטנו ואמר: „שישו בני מעי, שישו! ומה ספקות שלכם כך, ודאית שלכם על אחת כמה וכמה! מובטח אני בכם שאין רמה ותולעה שולטת בכם“. אמנם לא נח לבו ולא נתישבה דעתו עליו.

ויען כי חפץ רבי אלעזר לבחון ולדעת אשר בודאי לא ישלטו בבשרו רמה ותולעה, עשה מבחן על בשרו. וכאשר חיה בעל בשר עם בטן גדול וחרבה שומן, שזאת חיה לו לעול ולמשא כבד, ורצה להתרוקן מזה, צוה לרופאים שלקחוהו והכניסוהו בבית של אבני שיש, שהכותלים נקיים כראוי ואין האויר שמבחוץ יכול להתפרץ פתאם דרך כתלים כאלה. שם השקוהו סם של תרדמה, ונתחו את בטנו והוציאו מסנו סלים מלאים שומן. אחרי כן תפרו את בטנו. צוה רבי אלעזר להעמיד סלי השומן נגד השמש בחדשי תמוז ואב, ולא נסרח ולא נתקלקל, ורמה לא היתה בו. אז קרא רבי אלעזר על עצמו זה הפסוק „אף בשרי ישכן לבטח“.

אחר כל אלה לא שקטה רוחו של רבי אלעזר על דבר הכובם שהומת, וסבל

---

אז רבי אלעזר האט זיך ביינאכט פון זיין כעס אבגעקיהלט, איז ער צומארנענס געלאפען אין געפענגעניס צו באפרייען דעם וועשער, אבער ליידער האט ער שוין געטראפען דעם וועשער אויף די תליה א טויטען. רבי אלעזר האט דערפון גרויס קרענקונג באקומען, האט ער זיך אוועקגעשטעלט אונטער דער תליה און האט געוויינט. זיינען מענשען צוגעגאנגען צו רבי אלעזר'ן און האבען איהם געזאגט: „רבי! איהר דארפט ניט האבען קיין קרענקונג דערפון, ווייל דער וועשער מיט זיינס א זוהן האבען אום יום כפור עובר געווען אויף אן עבירה פון זנות, און לויט דעם דין זיינען זיי סיי ווי ווערט טויט שטראף“. דאן האט זיך רבי אלעזר אביסעל בארוהיגט. ער האט ארויפגעלעגט זיין האנט אויפ'ן בויך און האט געזאגט: „פרעהט זיך מיינע געדערעם, איך בין זיכער אז נאך מיין שטארבען וועט קיין ווערמעל ניט האבען קיין שליטה אדיינצוכאפען זיך אין מיינע געדערעם. ווייל אויב דער, וואס איז דורך מיר אומגעבראכט געווארען לויט מיין צווייפעל, איז ווערט געווען דעם טויט, איז דאך די וואס איך האב צונעשטימט מען זאל זיי אומברענגען, געוויס ווערט געווען דעם טויט“.

רבי אלעזר האט אבער געוואלט באמת וויסען אויף זיכער, אז אין זיין לייב וועט קיינמאהל קיין גיווערם ניט קענען זיך ארייננכאפען, האט ער געלאזט מאכען איבער זיך א פרוב. אזוי ווי ער איז געוועזען א זעלטענער העלד מיט א זעהר גרויסען בויך, וואס אין איהם האט זיך געפונען צופיעל פעטץ, און ער האט שוין סיי ווי געוואלט באפרייען זיך פון דעם איבערפלוס פון פעטץ, האבען דאקטוירים אויף זיין פארלאנג איהם ארייננענומען אין א שטוב וואס די ווענט זיינען פון מארמעלשטיין, ווייל אזעלכע ווענט קענען געהאלטען ווערען זעהר ריין, און אויך קיין קאלטע לופט קען ניט פלוצלינג פון דרויסען אדורכגעהן. דארט האט מען איהם איינגעגעבען שלאפנעטראנק, מען האט איהם אויפגעשניטען דעם בויך און מען האט פון דארט ארויסגענומען גאנצע קויבערלעך מיט פעטץ, און מען האט איהם דעם בויך צוריק פארנייט. רבי אלעזר האט געשטעלט די קויבערלעך פעטץ אויף דער זוהן אין די הייסע חדשים תמוז און אב, און דאך האט זיך קיין ווערעמעל אין דעם פעטץ ניט ארייננעכאפט. דאן האט רבי אלעזר אויף זיך געזאגט דיזען פסוק „אף בשרי ישכון לבטח“, דאס הייסט, ער איז זיכער אז זיין לייב וועט קיינמאהל ניט ליידען פון קיין גיווערם.

נאך דעם אלעם איז רבי אלעזר פארט ניט געווען איננאנצען בארוהיגט, און ער האט

ממוסר כליותיו, פן לא היה חייב מיתה, והוא גרם לו להיות נספה בלא משפט. ולכן קבל רבי אלעזר על עצמו לסבול יסורים שיכפרו עליו. ובירור לעצמו יסורים של צרעת ושחין. בכל לילה פרצה צרעת נוראה עם שחין על כל גופו, ובבקר פרחה הצרעת ממנו, כדי שיוכל לכת לבית המדרש ללמוד תורה עם התלמודים שלו. ובכל לילה היו מקפלים תחתיו במשכבו ששים לבדים רכים, ובבקר כשלקחו מתחתיו הלבדים לייבש, זבו מהם ששים ספלים דם ומוגלא שיצאו מן הצרעת והשחין. ובכל יום בבקר עשתה לו אשתו ששים מיני מאכל מן תאנים מטוגנים, ואכל אותם ונתחזק כחו ללכת לבית המדרש ללמוד תורה ברבים. אבל כאשר ראתה אשתו שזאת מחלה ממושכה לא נתנה אותו ללכת לבית המדרש, כדי שלא ידחקוהו התלמידים. והיה רגיל לקרוא בכל לילה אל היסורים שיבואו עליו, בזה הלשון: „אחיי ורעיי! בואו עלי“. ובבקר כאשר קם ממטתו אמר להם: „עתה לכו ממני מפני ביטול תורה“. והלכו ממנו.

כל זמן שלא הבינה אשתו מה טיבן של היסורים הללו, וחשבה כי הם מן השמים שתקה וסבלה עמו הצרות. אך פעם אחד שמעה אשתו שהוא קורא למי בתחלת הלילה שיבואו עליו, והתפלאה על דבריו. בתחלה סברה אולי משגה הוא שמדבר בלי דעת, אמנם כאשר שמרה הדבר ושמעה כך בכל ערב ובקר, אז הבינה שהקריאה הזאת אל היסורים היא משמשת. ולפיכך כעסה אשתו עליו

---

געליטען פון געוויסענסביסע, ווייל ווי אזוי די מעשה איז געשעהן, איז דאך פארט דאס וואס דער וועשער האט איהם באליידיגט געשוען די אורזאכע, דורך וועלכען ער האט געגעבען א באפעהל דער וועשער זאל געפאנגען ווערען, און דאדורך האט רבי אלעזר אליין אויף זיך גע-נומען א שטראף פון שטארקע יסורים. די יסורים זיינען באשטאנען אין דעם, אז אלע נעכט זאל אויף זיין לייב ארויסקומען א צרעת, און אין דער פריה זאל דאס צרעת פארשוואונדען ווערען, כדי ער זאל קענען געהן אין בית המדרש לערנען תורה מיט זיינע תלמידים. אויף ביינאכט פלעגט מען אונטערלעגען זעכציג ווייכע קווילטס, און צומארגענס אין דער פריה פלעגט מען די קווילטס אוועקנעמען, און עס האט פון זיי ארויסגערונען זעכציג בעקענס בלוט מיט אייטער פון דעם צרעת. אלע טאג אין דער פריה האט זיין פרוי געראפט מאכען פאר איהם זעכציג מינים מאכלים געפרעגעלט אין פאנען, ער פלעגט זיי אויפעסען און האט צוריק בא-קומען זיינע קרעפטען צו געהן אין בית המדרש לערנען תורה. אבער אויף ביינאכט איידער ער האט זיך געלעגט שלאפען, פלעגט ער זאגען צו זיינע יסורים: „קומט, גוטע ברודער!“ ווען ער איז אויפגעשטאנען אין דער פריה פלעגט ער צו זיי זאגען: „יעצט געהט אוועק פון מיר, ווייל איך דארף געהן לערנען“.

זיין פרוי, אזוי לאנג ווי זי האט גערעכענט, אז דאס צרעת איז עפעס אן אנשיקעניש פון הימעל, האט זי געהאט גרויס מיטלייד מיט איהם און האט אלץ איבערטראגען. זי פלעגט אויך איהם רחמנות האבען און האט איהם געבעטען אין דער פריה ער זאל ניט געהן לערנען אין בית המדרש, ווייל אין ענגשאפט וועט מען נאך זיין לייב צוקוועטשען. מאכט זיך אבער אמאהל, אז די פרוי האט דערהערט ווי ער רופט וועמען צו זיך איידער ער געהט שלאפען ביינאכט. האט זי שוין אנגעהויבען גוט אכטונג צו טהון, און האט דאס זעלבע געהערט אלע נעכט, אז ער רופט וועמען צו זיך, און אין דער פריה הייסט ער אוועקגעהן, דאן האט זי שוין פארשטאנען אז דאס איז ניט קיין אנשיקעניש פון הימעל, נאר אז די יסורים רופט ער אן גוטע ברידער, און ער אליין רופט זיי צו זיך אויף אלע נעכט, דאס האט שוין די פרוי ניט געקענט אריבערטראגען. זי איז אויף איהם אין כעס געווארען און האט צו איהם געזאגט: „אצינד זעה איך אז דו זעלבסט האסט אויף זיך געבראכט די יסורים, און דו האסט אויסגעברענגט

וצעקה: „אם כן! שאתה בעצמך קורא אל תיסורים ברצונך, ואין זה מן השמים, זאת איני רוצה לסבול, כלית ממון אבי במאכלים הרבים, ובהפסד רקבון הבגדים וכרים וכסתות, הנשמע פתיות כזאת!?" ומה עשתה, מרדה בבעלה ולקחה עמה גם בתם הקטנה והלכה לבית אביה. רבי אלעזר נשאר לבדו בבית, באין עוזר ותומך.

באותו עת קרה מקרה שאניה אחת גדולה, מלאה אנשים סוחרים עשירים, צפה בים התיכון. נעשה רוח סערת ותרומם גליו, עד כי חשבו שהאניה תשבר או תטבע בים. ויבכו כלם ויתפללו, ולא קמה סערה לדממה. וכאשר היו בין הסוחרים הרבה יהודים שידעו והכירו את רבי אלעזר ב"ר שמעון לצדיק וקדוש, התפללו וצעקו שתעמוד להם זכות של רבי אלעזר ב"ר שמעון וינצלו בזכותו, גם נדרו ממון הרבה עבורו. והיה כאשר אך התפללו ככה והזכירו זכותו של רבי אלעזר, מיד נחלש הנחשול והסערה קמה לדממה. אז ידעו והבינו כלם שניצלו בזכותו. וכאשר הגיעה האניה לנמל, שלחו סוחרים העשירים ששים ספנים עם ששים כיסים מלאים ממון הרבה לשם מתנה שימסרו הממון ליד רבי אלעזר ב"ר שמעון. ויען כי ראו הספנים שרבי אלעזר הוא איש חלוש, והוא לבדו בבית, נתמלאו רחמים עליו, והסכימו כלם שכל זמן שהאניה תעמוד בנמל טרם תשוב לדרכה מעבר לים, יבאו אליו בכל יום לשמשו. רבי אלעזר הורה להם איך לעשות לו בכל יום הששים מיני מאכלים מטוגנים, שהיו נצרכים לו לאכול בעבור בריאת גופו. וכך עברה איזה עת.

אשת רבי אלעזר יסרו אותה כליותיה, ולא שקטה רוחה על אשר עזבה את בעלה החלש שהוא צדיק גדול לשבת בלבדו באין עוזר ותומך. ותאמר אל בתה: „לכי והודעי מה שלום אביך". כאשר באה הבת לבית אביה אמר לה רבי אלעזר:

---

מיין פאטערס פארמעגן אויף דיינע מאכלים און אויף די בעט געציייג וואס ווערן פארפוילט, איך קען שוין מעהר אזא ביטער לעבען ניט פארטראגען". זי איז ברוגז געווארען און איז פון איהם אוועק צו איהר פאטער. א יונגע טאכטער האבען זיי געהאט, האט זי דאס מיידעל אויך מיטגענומען, און רבי אלעזר איז געבליבען אליין.

אין די זעלבע צייט האט זיך געמאכט, אז א שיף האט אופ'ן ים דורך א שטורם ווינט געהאלטען ביים זונקען. און אזוי ווי צווישען די רייזענדע האבען זיך געפונען פיעל אידען, רייכע סוחרים וואס האבען געקענט רבי אלעזר ב"ר שמעון פאר א קדוש וטהור, האבען זיי תפלה געטהון און האבען געבעטען, זיי זאלען גערעטעט ווערען צוליעב דעם זכות פון דעם גרויסען צדיק רבי אלעזר בן רבי שמעון. און אזוי ווי נאר זיי האבען געדענקט דעם נאמען פון רבי אלעזר, האט דער שטורם ווינט מיט איינמאהל פלוצלינג אויפגעהערט, און די שיף מיט אלע מענשען זיינען געראטעט געווארען. ווען זיי זיינען געקומען אויף דער יבשה, זיינען זעכציג מאטראזען פון דער שיף געקומען צו רבי אלעזר אין זיין הויז, און יעדער פון זיי האט מיטגעבראכט פאר רבי אלעזר א בייטעל מיט געלד וואס די רייזענדע האבען איהם געשיקט, און אזוי ווי זיי האבען געזעהן רבי אלעזר'ס שוואכקייט, און אז ער איז איינזאם, האבען די מאטראזען באשטימט, אז אזוי ווי די שיף דארף דא שטעהן עטליכע וואכען, זאלען איבער דער גאנצער צייט די מאטראזען קומען אלע טאג צו רבי אלעזר אין הויז, זאלען איהם באדינען. זיי האבען אויך געמאכט פאר איהם די זעכציג מינים מאכלים, אלע טאג געפרעגעלט אויף פאהנען, אזוי ווי ער האט געדארפט האבען צו דערהאלטען זיינע קרעפטען, און אזוי האט זיך געפיהרט עטליכע וואכען.

רבי אלעזר'ס פרוי האט זיך מיישב געווען אז זי האט שלעכט געטהון. ווי אזוי די מעשה איז געשעהן האט זי פארט ניט געדארפט אזא גרויסען צדיק איבערלאזען אליין. האט די פרוי

„לכי ואמרי לאמך, כי עושר שלי גדול מעושר אביה. עד הנה עזרני יוצרי, ובודאי אל יטשני גם להלאה". הלכה הבת והודיעה לאמה הנפלאות שראתה אצל אביה. נתפייסה אשתו וחזרה אל בעלה, וסבלה עמו הצרות. כך עברה איזו עת עד שאמר רבי אלעזר ליסורים שלו שילכו ממנו עדי אובד. לאט לאט חזרו אליו כחו וגבורתו, והתחיל לנהל הישיבה שלו כמקדם. ומלכות רומי, כאשר שמעה שרבי אלעזר נחלה, הפקידה איש אחר על מקומו, ורבי אלעזר נשתחרר לגמרי מזה.

(טו)

רבי שמעון בן יוחאי הציל לבני אחותו
ממאסר, והראם שהכל קצוב מראש השנה

רבי שמעון בן יוחאי ראה בחלומו ליל ראש השנה שבשנה הזאת יהיו נתבעים בני אחותו שש מאות דינרים לממשלה. וכיון שאמרו חז"ל „זכה לרעבו של יעקב, לא זכה לשבעו של עשו" לפיכך שלח רבי שמעון אליהם במשך השנה הרבה גבאי צדקה מן מוסדות שונים שיתנו במדה מרובה יותר מכפי הרגלם בשנים אחרות. וכאשר היה נראה בעיניהם שדודם מתכוון להרע להם בשביל מה, לא יכלו להתאפק ונכנסו אצלו ושאלו לו: „מה נשתנה שנה הזאת מכל השנים שאתה מכביד עלינו עול גדול של צדקה?" ויענה להם רבי שמעון: „קושיות אל תשאלו, כי בודאי צריכים אתם ליתן בשנה הזאת הרבה צדקה יותר מבשנים אחרות, אבל דבר אחד אבקש מכם, שתכתבו חשבון מכל ממון הצדקה שאתם נותנים. ובסוף

---

געזאגט צו איהר טאכטער: „גײ אהיים און זע וואס דײן פאטער מאכט". אז די טאכטער איז אריינגעקומען האט רבי אלעזר צו איהר געזאגט: „גײ זאג דײן מוטער, אז באטש זי האט מיך פארלאזט, אבער דער אויבערשטער האט מיך ניט פארלאזט. אין מײן הויז געפינט זיך הײנט א גרעסערע עשירות ווי דארט אין יענעם הויז וואו דײן מוטער געפינט זיך". נאכ־דעם האט זיך די פרוי איבערגעבעטען און איז צוריק געקומען צו רבי אלעזר. זי האט שוין אלץ פארטראגען מיט גרויס רחמנות אויף איהר מאן, ביז רבי אלעזר האט די יסורים אינגאנצען אוועקגעשיקט. ער איז פאלקאם געזונד געווארען, איז צוריק געגאנגען אין בית המדרש לערנען תורה מיט זײנע פיעלע תלמידים. אזוי ווי ער איז אימער געוואהנט געווען. און די רעגירונג האט שוין איהם מעהר ניט געגוים אנצונעמען דעם פריהערדיגען אמט.

(15)

רבי שמעון בן יוחאי האט מציל געווען זײנע שוועסטערן־קינדער
פון געפענגעניש, און באוויזט אז אלע הוצאות פון א גאנץ יאהר
ווערט נגזר אום ראש השנה, — אדער צדקה אדער א שאדען.

רבי שמעון בן יוחאי האט אמאהל געזעהן אין חלום ראש השנה בײנאכט, אז מען וועט אײנמאהנען אין דעם יאהר בײ זײנע שוועסטערן־קינדער זעקס הונדערט גולדען. האט רבי שמעון געשיקט צו זײ א גאנץ יאהר אלע מאהל אנדערע צדקות זאלען בײשטײערען, מעהר ווי אין אנ'אנדער יאהר. ווײל אויב א מענש איז זוכה ניט ער צו א הונגעריגען יעקב, אויב ניט, גיט ער צו א זאטען עשו. עס האט בײ זײ אויסגעזעהן גלײך דער פעטער רבי שמעון גיט זײ דערצו, און ער וויל אויסברענגען געלד. האבען זײ זיך שוין ניט געקענט אײנהאלטען און האבען געפרעגט בײם פעטער רבי שמעון: „וואס איז עפעס דאס יאהר אנדערש ווי אלע יאהר, וואס דער פעטער גיט אונז צו געבען אזוי פיעל צדקה?" רבי שמעון ענטפערט זײ: „פרעגט ניט קײן שאלות, איהר דארפט געבען צדקה געגט, אבער איהר זאלט אויפשרײבען

השנה תראו לי החשבון, ואז תראו כי כן היה צריך להיות ולא לחנם העמסתי עליכם עול של צדקה יתרה".

בני אחותו היה להם מסחר של משי ובגדי משי. קרה מקרה בסוף השנה שעבר דרך עירם שר צבא המושל מעצמו עם מחנה אנשי צבא שלו. והוא העמיס מס גדול על אנשי העיר לפרנס המחנה שלו בכל הצטרכותם. ואז הלך איזה שונא של בני אחותו והלשין עליהם לפני אותו השר, איך שהם עשירים גדולים מן מסחר המשי ויכול לתבוע מהם הרבה. ובשביל זה נשלח אליהם פקיד אחד מן השר שיתבע מהם סחורות משי בעד שש מאות דינרים, או שיתנו מעות מזומן בסך שש מאות דינרים. מובן הדבר שסרבו מליתן כל כך ברצון טוב ונאסרו במאסר. ותבאנה נשי הנאסרים אל דודם רבי שמעון בבכי וזעקה שירחם עליהם ויעזור להם להציל את בעליהן. ויאמר רבי שמעון אליהן: „ראשית חפץ אני שתביאו אלי את הפנקס מן חשבון הצדקה שנתתן במשך אותה השנה". ועשה רבי שמעון חשבון וירא שחסר עוד ששה דינרים לחשבון של שש מאות דינרים. ויאמר להן רבי שמעון: „לכו והביאו אלי ששה דינרים, ואשתדל להוציא את בעליכן לחפשי". הנשים הביטו עליו בתמהון וישאלו את דודן: „איך יתכן זאת, שהפקיד תבע מהן שש מאות דינרים, ואיך יהיה באפשרות לתקן הדבר עם ששה דינרים?" ויאמר להן רבי שמעון: „לכו והביאו, ושאלות אל תשאלו!"

רבי שמעון לקח ששה דינרים וישלח לקרוא אליו אותו הפקיד ויאמר לו: „למה לך לתבוע כל כך ממון, הכל בשביל שר הצבא שלך, הלא יש לו די ותותר כסף וזהב מה שגזל וחמס מן האנשים, ואתה

---

אויף א רעכענונג אלע צדקות וואס איהר גיט, וועט איהר זעהן אום ענדע יאהר, אז איהר האט ניט בחנם געגעבען דאס יאהר אזוי פיעל צדקה".

די שוועסטערן-קינדער האבען געהאט א האנדעל פון זיידענע שטאפען סחורה. אום ענדע יאהר האט זיך געמאכט, אז ס'איז דורכגעגאנגען דארט אן אטעמאן מיט פיעל זעלנער רעוואלוציאנערען קענגען די רעגירונג, און זיי האבען געפאדערט פון דער שטאדט מען זאל זיי אויסהאלטען מיט זייער באדערפניש. דערווייל האט מען אנגערצעהלט פאר דעם אטעמאן, אז די לייטע האבען א זיידען-האנדעל, און אז ער זאל ביי זיי פאדערען זיידען שטאף אדער פיעל געלד, ווייל זיי זיינען רייכע לייט. האט דער אטעמאן געשיקט זיינעם א בעאמטען, ער זאל געהן זעהן, צו ס'איז אמת וואס מען האט איהם אויף זיי אנגעזאגט, און אויב יא, זאל ער ביי זיי פאדערען זעקס הונדערט גולדען מזומן געלד, אדער זיידען שטאף פאר אזוי פיעל געלד. עס פארשטעהט זיך אז זיי האבען די פאדערונג ניט געוואלט ערפולען מיט גוטען. האט דער בעאמטער גענומען געפאנגען זייערע מענער. די פרויען זיינען געקומען צו לויפען צום פעטער רבי שמעון מיט א געוויין ער זאל זיי העלפען. האט רבי שמעון געהייסען זיי זאלען געהן ברענגען דעם רעכענונג פון די צדקות, וואס זיי האבען איבער'ן יאהר צוטיילט. רבי שמעון האט איבערגערעכענט, האט ער געזעהן אז עס באטרעפט זעקס הונדערט וויינינגער זעקס גולדען. האט רבי שמעון צו זיי געזאגט: „געהט און ברענגט מיר אהער זעקס גולדען, וועל איך שוין אלעס גוט מאכען". זיי קוקען איהם אן מיט פארוואונדערונג און האבען צום פעטער אזוי געזאגט: „ווי אזוי קען דאס זיין, אז מען פאדערט פון אונז זעקס הונדערט גולדען, ווילסטו עס מאכען פאר זעקס גולדען?" רבי שמעון האט זיי געענטפערט: „פרעגט ניט קיין שאלות, נאר געהט און ברענגט אזוי ווי איך הייס אייך".

רבי שמעון האט גענומען די זעקס גולדען און האט אפגעזוכט דעם זעלבען בעאמטען. זאגט רבי שמעון צו איהם: „וואס דארפסטו איינמאהנען אלץ נאר פאר דעם אטעמאן, ער האט דאך גענוג אנגעדרויבטע געלד, אבער דו, וואס האסטו דערפון, נעם בעסער ביי מיר די זעקס

מה יהיה לך מן השש מאות דינרים הלא לא כלום! אם כן מוטב לך לקחת מהם ששה דינרים עבורך, והוציא לחפשי אותן האנשים שאסרת במאסר. תוכל להיות בטוח שהשר צבא שכח מזה ולא ישאלך על דבר השש מאות דינרים, ואף אם ישאלך, תוכל לאמר שהיית אצלם וראית שעניים הם". דברי רבי שמעון נכנסו באזני הפקיד. נתן לו רבי שמעון ששה דינרים והוציאם מיד לחפשי.

אחרי כן שאלו הנאסרים לדודם רבי שמעון: „הלא אם ידעת שכך נגזר מן השמים לחסור לנו בשנה הזאת שש מאות דינרים, מדוע לא גלית לנו זה הסוד, והיינו נותנים לצדקה כל שש מאות דינרים במילואם, ולא היינו צריכים כלל לסבול צרה הזאת לשבת במאסר". ויאמר אליהם רבי שמעון: „אבל, אילו הייתי מגלה לכם זה הסוד שכך נקצב ונגזר עליכם הפסד וחסרון כזה מראש השנה, הלא אז אף אם הודעתי לכם שיש תקנה ליתן כל כך לצדקה, מכל מקום לא הייתם נותנים הצדקה לשמה, היינו לשם מצות צדקה, אלא שהיתה כוונתכם בשביל הנאתכם, להפדות ולהנצל מן שוד והפסד של ידי עשו. ואין כך קיום מצוה מן המובחר. אמנם כאשר לא ידעתם מגזרת הנגזרת, ולא הייתם יראים מצרה של שוד והפסד, לפיכך הצדקה שנתתם היתה בכוונה לשמה, לשם קיום מצות צדקה, אם כן הרווחתם בזה שקיימתם המצוה מן המובחר".

(טז)

בפקודת רבי שמעון ב"י נתמלאה בקעה עם זהובים אדומים.

מעשה בתלמיד אחד של רבי שמעון בן יוחאי שיצא מארץ ישראל לחוץ לארץ. הוא ישב שם איזו שנים והרויח ממון הרבה. לאחר שנתעשר חזר לארץ־ישראל ובא לפני רבי שמעון בן יוחאי. שאר התלמידים שזכרו איך התחבר שלהם

---

גולדען פאר דיר זעלבסט און באפרייט די לייטע. דער אטעמאן וועט גאר ניט געדענקען וואו ער האט דיך אוועקגעשיקט. און אויב ער וועט יא געדענקען און וועט דיך פרעגען וועגען זיי, קענסטו זאגען אז דו ביזט ביי זיי געוועזן אין וואהנונג און דו האסט געזעהן אז זיי זיינען גאר ארימע לייט". דער בעאמטער האט צוגעבאפט די זעקס גולדען און ער האט די געפאנגענע באלד באפרייט.

נאכהער האבען די באפרייטע געפרעגט ביי רבי שמעון: „אויב דער פעטער האט שוין יא געוואוסט, אז דאס איז א גזרה מן השמים, האט דאך דער פעטער געקענט אונז אויסזאגען דעם סוד, וואלטען מיר דאך געוויס אוועקגעגעבען גאנצע זעקס הונדערט גולדען צדקה, און מיר וואלטען פארשפארט צו האבען די שרעק". האט רבי שמעון זיי געענטפערט: „ווען איך וואלט אייך מגלה סוד געוועזן, וואלט איהר ניט געגעבען די צדקות מיט א כוונה לשם מצוה, צו געבען צדקה, נאר איהר וואלט עס געגעבען מיט א כוונה אזוי ווי אויסלייז געלד, כדי פטור צו ווערען פון רויבערס, אזא צדקה וואלט ניט געהייסען א מצוה לשמה. אבער אז איהר האט פון דעם סוד ניט געוואוסט, האט איהר דאך געגעבען די געלד לשם מצות צדקה, אזוי נאך האט איהר מקיים געוועזן די מצוה באמת לשמה".

(16)

אויף רבי שמעון בן יוחאי'ס באפעהל ווערט א טהאל פול מיט גאלדענע רענדלעך.

רבי שמעון בן יוחאי'ס א תלמיד איז אמאהל ארויסגעגאנגען פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ. ער איז דארט אפגעוועזן א שטיק צייט און האט דארט פארדינט געלד. ווען ער איז שוין רייך געווארען איז ער צוריק געקומען קיין ארץ ישראל צו רבי שמעון בן יוחאי. די איבעריגע תלמידים, וואס האבען געדענקט, אז ער איז אוועק אן ארימאן און איז צוריקגעקומען

היה עני בשעת יציאתו לחוץ ארץ, ועתה ראוהו בעשירות, התקנאו בו איזה חברים, ועלה על דעתם גם הם שיצאו לחוץ לארץ על איזה זמן, ואחר כך ישיבו לארץ־ישראל. כאשר נודע לרבי שמעון מחשבת אותן החברים, אמר לתלמודיו שילכו עמו מחוץ לעיר לטייל מעט. וישבו לנוח לפני בקעה. ויתפלל שם רבי שמעון שהבקעה תתמלא עם דנרי זהב. ותיכף היה נראה בבקעה כאילו צומחים וגדלים שם הרבה דנרי זהב.

אז אמר להם רבי שמעון: „תלמודי! מי בכם שרוצה ללכת לחפש מעות להעשיר, יכול הוא לקחת לעצמו כאן דנרי זהב כשרירת לבו. אבל עליכם לדעת כי מי שימלא ביתו כאן עם כסף וזהב, הרי הוא מקבל לעצמו בעולם הזה שכר חלקו של עולם הבא. יען כי שכר מצות בהאי עלמא ליכא, לכך אין הקדוש ברוך הוא משלם לאדם שכרו בעולם הזה, כי אם לעולם הבא. אבל מי שרוצה דוקא לקבל שכרו בעולם הזה, לא ישאר לו כלום לקבל שכר בעולם הבא“.

(יז)

איך היו מגלים לרבי שמעון בן יוחאי סודות מן הגן עדן.

רבי שמעון, כאשר היה חפץ להודע סודות נסתרים מן גן העדן, היה דרכו לעשות טיול לפני גן העדן. ושם היו רגילים לשלוח אליו מן הגן עדן שני שלוחים, אשר היו שואלים לרבי שמעון מה בקשתו לדעת. ולאחר שנתמלאה בקשתו חזר רבי שמעון לביתו. פעם אחת בא רבי שמעון למקום ההוא, ומיד נשלח אליו מבפנים שני שלוחים וישאלוהו מה בקשתו להודע. ויאמר אליהם, כי מבקש הוא לדעת הסוד אדות הנשים צדקניות ונשים צנועות איזה שכר יש להן בגן העדן, ובאיזה מצב ומדרגה עומדות שם, ובאיזה היכלות נשמותיהן נמצאות.

---

א עושר, האבען זיי איהם מקנא געווען, און האבען שוין אויך ברעה געהאט אוועק צו לאזען זיך קיין חוץ לארץ. רבי שמעון איז דערפון געוואר געווארען, איז ער מיט זיינע תלמידים ארויס אויף א שפאציר און האט זיך מיט זיי אפגעשטעלט אין א פעלד וואו ס'איז געווען א טהאל. דארט האט רבי שמעון מתפלל געווען אז דער טהאל זאל פול ווערען מיט גאלדענע רענדלעך. און באלד האט זיך אין טהאל באוויזען פיעל גאלדענע מטבעות.

דאן האט רבי שמעון צו זיי געזאגט: „קינדער! ווער פון אייך וואס וויל געהן זוכען געלד, קען ער זיך נעמען געלד וויפיעל זיין הארץ גלוסט, אבער ויסען דארפט איהר, אז דער וואס וועט זיך דא אנפילען מיט געלד, דער נעמט זיך דא אב זיין חלק עולם הבא. ווייל דעם שכר פאר די מצות וואס דער מענש איז מקיים אויף דער וועלט, באצאהלט איהם ניט דער אויבערשטער אויף דער וועלט, נאר אויף יענער וועלט.

(17)

ווי אזוי מען האט מגלה סודות געווען צו רבי שמעון בן יוחאי פון גן ערן.

רבי שמעון בן יוחאי, ווען ער האט געוואלט געוואהר ווערען באהאלטענע סודות פון גן ערן, פלעגט ער מאכען א שפאציר פאר'ן גן ערן. דארט פלעגט מען ארויסשיקען צו איהם צוויי שלוחים פון גן עדן, וועלכע האבען איהם געפרעגט וואס ער וויל געוואהר ווערען. און נאכדעם וואס זיין באגעהר איז ערפילט געווארען איז ער זיך צוריק אהיים געגאנגען. אמאהל ווען רבי שמעון איז אהינגעקומען אויף יענעם פלאץ, און ס'איז באלד ארויסגעשיקט געווארען צו איהם צוויי שלוחים, פרעגען איהם וואס ער פארלאנגט געוואהר צו ווערען, האט ער צו זיי געזאגט אז ער וויל וויסען דעם סוד וועגען נשים צדקניות און אלע פרומע ווייבער, וואס פאר א שכר

ויאמרו אליו השלוחים, אשר סודות גדולים כאלה גם הם אינם יודעים בדיוק, ואף גם אם היו יודעים, אין להם רשות לגלות סודות כאלה מעצמם. אבל אמרו שדבר הזה יכולים לעשות, לשוב פנימה ולהציע לפני ראש הישיבה בקשת רבי שמעון. וכאשר יאמר להם כן יעשו.

בתוך כך פרח אחד מן השלוחים פנימה להודיע באיזו עת יוכל לבוא לפני הראש להציע לו בקשת רבי שמעון. לא ארכה העת והנה חזר אותו השליח ובא לפני רבי שמעון ואמר אליו, כי כאשר בא לגן עדן פנימה לדבר אדות בקשת רבי שמעון, ראה שנולד רעש בין הצדיקים, וכל בני הישיבה מתאספים אל היכל מלך המשיח על דבר איזה משפט, שצריכים לעשות משפט על תלמיד חכם אחד שבא לפני שער הגן עדן לאחר מותו, וביקש ליכנס פנימה. אבל הכרובים ומלאכי חבלה עכבוהו לאותו תלמיד חכם שלא יכנוס ומצערים אותו. וכאשר התחיל אותו תלמיד חכם לצעוק לתוך הגן עדן מי הוא ומה שנעשה עמו, נעשה רעש בין הצדיקים שמבפנים שהם מכיריו ומיודעיו. ובעבור זה מתאספים כלם אל היכל מלך המשיח לעשות משפט על אותו התלמיד חכם. ומה הוא החטא שבשבילו נתעכב מליכנס, עוד לא נודע לו.

עוד הוסיף זה השליח לאמר, שמבקש מאת רבי שמעון שימחול לו, כי אין לו עת לעמוד כאן, יען כי כאשר יצא כרוז בגן העדן שכל בני הישיבה יתאספו אל היכל מלך המשיח, גם הם בכלל זה, ולכן צריכים שניהם לפרוח מהר פנימה

---

זיי האבען אין גן עדן, וואו איז דארט זייער בעשטאנד, און וואס פאר היכלות פון גן עדן זיי געפונען זיך.

האבען די שלוחים געענטפערט, אז אזעלבע סודות ווייסען זיי אליין אויך נים גענוי. און ווען אפילו זיי זאלען יא וויסען די סודות, האבען זיי נים קיין ערלויבעניש אזעלבע סודות ארויסצוגעבען. נאר זיי האבען געזאגט אז דאס קענען זיי יא טהון. זיי וועלען אריינגעהן זאגען וואס רבי שמעון בן יוחאי פארלאנגט געוואהר צו ווערען. און אויב מען וועט זיי איי־בערגעבען די סודות מיט אן ערלויבעניש איבערצוגעבען זיי צו רבי שמעון בן יוחאי, וועלען זיי דאס שלוחות געווים אויספיהרען.

דערווייל איז איינער פון די צוויי שלוחים אוועקגעפלויגען, געוואהר ווערען ווען מען קען אנקומען דארט צו די יעניגע, וואס האבען דאס רעכט צו געבען רשות אויף אזעלבע ענינים. אין א קליינע צייט ארום איז יענער שליח צוריק געקומען צו פליהען, און ער האט געזאגט צו רבי שמעון בן יוחאי, אז אזוי ווי ער האט געוואלט אריינגעהן איבעררייידען וועגען דעם, האט ער אבער דערזעהן אז ס'איז עפעס פארגעקומען א שטורם, א גערודער אין גן עדן, און אלע בני ישיבה פארזאמלען זיך אין דעם היכל פון מלך המשיח, וועגען א משפט וואס מען דארף משפט'ן א תלמיד חכם, וואס איז צוגעקומען צום טויער פון גן עדן אריינצוקומען אין גן עדן נאך זיין טויט, האבען די כרובים מזיקים וועלבע רינגלען ארום דעם גן עדן, אלס שומרים, איהם פאר־האלטען, און זיי זיינען איהם מצער. האט ער אנגעהויבען שרייען ביים טויער, ווער ער איז, און וואס מיט איהם איז פארגעקומען. די צדיקים אין גן עדן זיינע באקאנטע, אזוי ווי זיי האבען דערהערט זיינע געשרייען, האבען זיי זיך גענומען פארזאמלען אין היכל פון מלך המשיח אריינצוקלערען אין זיין משפט. וועגען וואס דער משפט איז, האט דער שליח געזאגט, אז פארלויפיג ווייסט ער נאך דערווייל נים.

דער שליח האט ווייטער געזאגט, אז ער איז געקומען צוריק אהער זאגען זיין חבר, אז זיי ביידע מוזען אויך דארט צוקומען צו זיין ביי דיזען משפט. וויל אזוי איז אויסגערופען געווארען אין גן עדן, אז אלע בני ישיבה זאלען זיך פארזאמלען אין היכל פון מלך המשיח. און איידער זיי זיינען אוועקגעפלויגען האבען זיי געגעבען צו רבי שמעון א ספר, ער זאל האבען

להיותם שם על אותו המשפט. וטרם שפרחו נתנו לרבי שמעון ספר אחד שיהיה לו במה להביט ולעיין בו עד אשר ישובו אליו אחר המשפט, כאשר יקחו רשות למלאות בקשת רבי שמעון. אחר זה פרחו ממנו שני השלוחים. רבי שמעון התחיל לעיין בספר הקדוש שהניחו אצלו שהיה כלו סתרי תורה. ויתעמק בו כל הלילה עד הבקר. נר להאיר לא נצרך לו, כי הספר עצמו הזריח באור יקרות.

כאשר האיר הבקר פרח הספר מיד רבי שמעון. ומיד באו אליו אותן שני השלוחים. לראשונה הודיעו לו, כי הביאו אליו ברכת שלום באהבה מאת ראש הישיבה שבגן עדן. וכך צוה לאמר לו: „אשרי חלקך רבי שמעון! החיכל עבורך בגן עדן נועד להיות במקום גבוה מאד אשר עין לא ראתה". אחר זה אמרו לו השלוחים: „קום רבי, קום רבי! אשרי חלקך! כי בשביל בקשתך זכינו גם אנחנו להודע סודות נסתרים, אשר עד עתה לא ידענום. ובשמחה רבה נתגלה לנו כל זאת, וניתנה לנו רשות להודיע לרבי שמעון כל אותן הסודות.

(יח)

הפסק מן גן העדן על תלמיד חכם שגרם בושה לחברו.

והשנית, אמרו עוד השלוחים אל רבי שמעון ב"י: „כאשר ידענו שרבי שמעון רוצה לדעת ענין המשפט שעל התלמיד חכם, נוכל להודיע הדבר כמו. מעשה שהיה כך היה. אחד מן החברים תלמודי חכמים היה צריך לדרוש ברבים על איזה פסוק שבתורה. וזה התלמיד חכם שמת ורצה ליכנס בגן העדן היה חבר באותת

---

דערווייל אין וואס אריינצוקוקען, ביז זיי וועלען צוריק קומען נאכ'ן משפט, ווען זיי וועלען שוין האבען גענומען רשות וועגען דעם פארלאנג פון רבי שמעון בן יוחאי. באלד זיינען ביידע שלוחים אוועק געפלויגען, און רבי שמעון האט זיך פארטיעפט אין דעם היילינען ספר וואס זיי האבען איהם איבערגעלאזט. און אזוי איז פארביי די גאנצע נאכט. קיין ליכט האט ער נים געדארפט, וויל דער ספר זעלבסט האט געשיינט און האט ארויסגעגעבען פון זיך א ליכ־טיגקייט.

אזוי ווי ס'האט אנגעהויבען אין דער פריה ליכטיג צו ווערען, איז דער ספר ארויסגעפלויגען פון רבי שמעון'ס הענד. און באלד דערנאך זיינען די צוויי שלוחים צוריק געקומען צו פליהען פאר רבי שמעון. ערשטענס, האבען זיי איהם איבערגעגעבען א פריינדליכען גרוס פון ראש הישיבה מיט דיזע ווערטער: „וואויל איז דיין חלק רבי שמעון! דיין היכל אין גן עדן איז שוין באַשטימט געווארען אויף אזא הויך ארט, וואו קיינער קען דארט נים צוקומען". דערנאך האבען זיי צו רבי שמעון אזוי געזאגט: „שטעה אויף רבי! וואויל איז דיין חלק. צוליעב דיין פארלאנג האבען מיר זוכה געוועזן מען זאל אונז איבערגעבען אזעלכע באהאלטענע סודות, וואס מיר האבען ביז היינט נים זוכה געוועזן צו וויסען. און מיט פיעל פרייד האט מען דאס אלעס אונז ענטפלעקט, און מען האט אונז נעגעבען די ערלויבעניש אייך אלעס איבערצוגעבען".

(18)

דער פסק פון די בני ישיבה אין גן ערן אויף א תלמיד חכם,
וואס האט גורם געווען א פארשעמונג ברבים צו א חבר.

די שלוחים האבען ווייטער צו רבי שמעון בן יוחאי אזוי געזאגט: „בעפאר אלעם וועלען מיר אייך באקאנט מאכען וועגען דעם משפט, וואס איז פארגעקומען אין גן עדן. די מעשה איז אזוי געווען: איינער פון די חברים תלמודי חכמים האט געדארפט זאגען א דרוש אויף א פסוק, און דער תלמיד חכם, וואס מען האט איהם נים אריינגעלאזט אין גן עדן, איז אויך געווען

הישיבה לזה החכם שהיה צריך לדרוש. והוא הבין וידע שזה הדרשן כאשר יגיע למקום אחד בהדרוש שלו יאמר טעות גדול, כי לא ידע ענין אחד שהיה נחוץ לו לדעת לזה הדרוש. ולכך היה מודיע מזה לשאר החברים שישתקו כלם ואל יודיעו לו מזה המקום שיבוא לטעות, למען יכלם ברבים. וכך הוה. שכאשר הגיע הדרשן למקום ההוא עשה זה הטעות בשוגג. ונודע מזה הטעות להעגלם שבא לשמוע הדרוש, ונעשה צחוק ביניהם, ועל ידי זה הלבינו פני הדַרשן ברבים.

זאת היא העבירה שבשבילה נתעכב אותו התלמיד חכם על ידי הכרובים ומלאכי חבלה שלא יכנס לגן עדן. ויצא הפסק, שיתעכב כך באותו הצער בין הכרובִים ומלאכי חבלה ארבעים יום, ולאחר ארבעים יום יענש בעונש הגיהנם שעה וחצי, ואחר כך יוכל ליכנס בגן העדן".

כאשר שמע רבי שמעון זה הפסק נצטער על זה ויאנח. אחר כך שאל להשלוחים, אם יכולים לאמר לו את השם של אותו התלמיד חכם שנענש כך. ויאמרו אליו, שאין להם רשות לגלות את שמו של הנענש. אמנם אם רבי שמעון יחפץ דַוקא לדעת מי הוא זה, יכול להיות שבאם יעשה שאלת חלום על זה יודיעוהו את שמו מן השמים.

(יט)

ההיכלות שבגן עדן עבור נשים צדקניות ונשים צנועות

והשלישית, אמרו השלוחים לרבי שמעון ב"י: „עתה קום רבי, קום רבי! ונודיע לכם מה שאתם חפצים לדעת, אודות נשים צדקניות ונשים צנועות, מה טובן בגן עדן

---

צווישען די חברים תלמודי חכמים, און ער האט געוואוסט, אז דער דרשן וועט ניט וויסן פון איין ענין, און דאדורך ווען ער וועט קומען אין די דרשה צו דיזען ענין, וועט ער מאכן א גראבען טעות, אלזא האט ער אנגעזאגט אלע חברים, זאלען אלע שווייגען און זאלען ניט אויפמערקזאם מאכען דעם דרשן, אז ער קען ביי יענעם ענין מאכען א גראבען טעות, כדי ער זאל פארשעהמט ווערען. און ס'האט זיך טאקי אזוי אויסגעפיהרט. דער דרשן האט ביי דעם ענין געמאכט דעם גראבען טעות. ס'איז געווארען א געלעכטער און ער איז פארשעהמט געווארען ברבים".

דאס איז די עבירה, איבער וועלכע די כרובים מזיקים האבען דעם תלמיד חכם ארייננגע־כאפט, און האבען איהם ניט אריינגעלאזט אין גן עדן. דער פסק איז ארויסגעגעבען געווארען, אז פערציג טעג זאל דער תלמיד חכם אזוי בלייבען ביי דעם צער צווישען די כרובים מזיקים, און נאך פערציג טעג זאל מען איהם באשטראפען מיט גיהנם שטראף אנדער־האלבען שטונדען. נאכהער וועט מען איהם שוין ארייגלאזען אין גן עדן".

רבי שמעון האט זיך מצער געווען אויף דעם שווערען פסק, און ער האט געפרעגט די שלוחים, צו קענען זיי איהם זאגען דעם נאמען פון דעם באשטראפטען תלמיד חכם. האבען זיי געזאגט, אז זיי טארען ניט אויסזאגען דעם נאמען, נאר אויב רבי שמעון וויל דוקא וויסען קען זיין אז אויב רבי שמעון וועט מאכען ווענען דעם א שאלת חלום, וועט מען אפשר איהם יא זאגען זיין נאמען.

(19)

די גרויסע ליכטיגע היכלות אין גן עדן וואו די נשמות פון נשים צדקניות און פרומע ווייבער געפונען זיך.

נאכדעם האבען די שלוחים ווייטער צו רבי שמעון געזאגט: אצינד רבי וועגען אייער בקשה, צו וויסען וואס פאר א שכר נשים צדקניות און פרומע ווייבער האבען אין גן עדן, און אויך אין וואס פאר היכלות זייערע נשמות געפונען זיך. מען האט אונז געוויזען זעקס זעהר

ואיה מקומן. הן הראו לנו ששה היכלות גדולים חמלאים אורה ושמחה ותענוגים רוחניים כל כך במדה מרובה, עד שקשה לתאר הענין בדברים שבעל פה. ושם באותן היכלות של נשמות הנשים אין נכנסין נשמות של גברים.

הששה היכלות שהם עבור נשמות הנשים עומדים זה לפנים מזה. וכל שהוא פנימי יותר הוא יותר חשוב וגבוה ויותר נסתר. שני היכלות הראשונים הם עבור נשים שסבלו עונש מן דינת של גיהנם. ולאחר שנזדקקו בגיהנם הן נחלקות לשתי מדרגות. מדרגה ראשונה ומדרגה שניה. והן זוכות ליכנת בשני היכלות הראשונים. מדרגה ראשונה בהיכל הראשון החיצוני, ומדרגה השניה בהיכל הפנימי. כל נשמה ונשמה נותנים לה שם מקום לפי כבודה וערכה כפי מעשיה בחיים. ולאחר שני היכלות הראשונים הראו לנו עוד ארבעה היכלות שהם מוכנים עבור נשים שלא סבלו צער מן דינה של גהינם.

## היכל בתיה בת פרעה

היכל הראשון מן ארבע ההיכלות נקרא על שם בתיה בת פרעה. שם נמצאות כמה אלפים ועשרות אלפים נשמות נשים צדקניות. מובן מעצמו כי הן הנשים אשר בחייהן החיו וגדלו וכלכלו ילדי ישראל העניים. יען כי זאת היא המצוה ודבר היותר גדול שעשתה בתיה בת פרעה עם הילד משה רבנו עליו השלום. כל נשמת ונשמה נותנים לה שם מחור של כבוד שהוא מלא אורה ושמחת וכמה מיני תענוגים רוחניים. שם יוצא כרוז שלשה פעמים בכל יום, שהצורה של משה רבנו באה אל ההיכל. ויש שם עבור זה חדר גדול מיוחד לפנים מן פרוכת יפה מאד מאד. ואז תיגש בתיה בת פרעה ונכנסת

---

גרויסע היכלות, אין וועלכע ס'איז פארהאן אזוי פיעל פארגעניגענס מיט אזוי פיעל פרייד, מיט אזוי פיעל ליכטיגקייט, אז ס'איז שוועהר דאס איבערצוגעבען מיט ווערטער. דארט אין די ווייבערישע היכלות קומען ניט אריין די נשמות פון זכרים.

די זעקס ווייבערשע היכלות זיינען איינער נאכ'ן אנדערען, וואס ווייטער איז אלץ העכער און פארבארגענער. די ווייטערע אינוועניגסטע היכלות זיינען מעהר חשוב'ער ווי די ערשטע די אויסענוועניגסטע. די ערשטע צוויי היכלות זיינען פאר אזעלכע ווייבער וואס האבען געליטען מעהר אדער ווייניגער גיהנם שטראף. און נאכדעם וואס זיי זיינען געלייטערט געווארען אין גיהנם ווערען זיי צוטהיילט אין צוויי קלאסען, חשוב'ע און ווייניגער חשוב'ע, און זיי זיינען זוכה אריינצוקומען אין די ערשטע צוויי היכלות. יעדע נשמה לויט איהר ווערדע אזא פלאץ באקומט זי, אזוי ווי זי האט זיך פארדינט ביים לעבען. נאך די ערשטע צוויי היכלות הויבען זיך אן פיער היכלות, פאר אזעלכע ווייבערשע נשמות וואס האבען גאר ניט געליטען קיין צער פון גיהנם שטראף.

## היכל בתיה בת פרעה.

דער ערשטער היכל פון די פיער היכלות איז אויפ'ן נאמען פון בתיה בת פרעה. דארט געפונען זיך טויזענדער און צעהנדליגע טויזענרער נשמות פון נשים צדקניות. עס פארשטעהט זיך אז דאס זיינען אזעלכע וואס האבען ביים לעבען מחיה געווען און דערנעהרט ארימע אידישע קינדער. ווייל דאס איז געווען די גרעסטע זאך וואס בתיה בת פרעה האט געטהון קעגען משה רבנו. יעדע נשמה באקומט דארט א בריוח'דיגען פלאץ פול מיט ליכטיגקייט און מיט פארשידענע פארגעניגענס. דארט ווערט אויסגערופען דריי מאהל טעגליך, אז די צורה פון משה רבנו קומט אריין אין דעם היכל. אויף דעם איז דארט דא א באזונדער זעהר ליכטיגען חדר, וואו ס'איז פארהאנגען מיט זעהר א שעהן פרוכת. דאן געהט בתיה בת פרעה אריין אויף דער אנדערער זייט פרוכת. זי זעהט דאס געשטאלט פון משה רבנו און בוקט זיך פאר איהם, זאגענדיג, וואויל איז מיין חלק, וואס איך האב זוכה געווען מגדל צו זיין אזא ליכטיגע שעהנע צורה.

לפנים מן הפרוכת. מבטת בצורת משה רבנו, ואומרת, אשרי חלקי שזכיתי לגדל צורת מאירה כזאת. אחרי כן תשתחוה לפני הצורה ויוצאת. זה הוא תענוג רוחני שלה היותר גדול ונעים. וכשיוצאת חוזרת והולכת אל שאר הנשים הנמצאות שם. וכל נשמות הנשים הן בגן עדן באותן הצורות כמו שהיו בחייהן. וכלן הן נלבשות במלבושי כבוד של אור כמו מלבושי הגברים. רק חילוק אחד יש ביניהם. שבגדי הנשים אין מאירות כל-כך כמו בגדי הגברים. יען כי האנשים לומדים תורה בחייהם, ולכך בגדיהם הרוחניים של נשמותיהם מאירים יותר. אבל הנשים כיון שאין לומדות תורה בחייהן אין מלבושי כבוד שלהן מאירים באור גדול. אבל שם נשמות הנשים לומדות תורה יחד עם בתיה בת פרעה, להבין טעמי מצות התורה, וביותר טעמי המצות שלא זכו לקיים בחייהן. ואותן נשמות הנשים הזוכות לשבת בהיכל בת פרעה נקראות בשם „נשים שאננות“.

היכל סרח בת אשר

לפנים מזה ההיכל נמצא ההיכל שנקרא על שם סרח בת אשר. גם שם נמצאות כמה אלפים ועשרות אלפים נשמות של נשים צדקניות. מובן מעצמו שהן הנשים אשר בחייהן עשו טובות גדולות לצדיקים ולאנשי שם הזקנים, שהשתדלו לשובב נפשם ולהחיות רוחם למלאות מה שחסר להם. כי זה הוא דבר הגדול שעשתה סרח בת אשר. שעל ידי מה שבישרה ליעקב אבינו כי עוד יוסף חי נעשה ותחי רוח יעקב הזקן. גם שם יוצא כרוז שלשה פעמים ביום שצורת יוסף הצדיק באה אל ההיכל. וגם שם באותו היכל יש חדר גדול מיוחד עבור זה לפנים מן פרוכת יפה מאד מאד. ואז סרח בת אשר. נכנסת באותו חדר לפנים מן הפרוכת. מבטת בצורת יוסף הצדיק ואומרת „יהי מבורך אותו היום שזכיתו בו לבשר הבשורה לזקני יעקב שעוד יוסף חי, והחייתי בזה את

---

דאס איז איהר גרעסטער פארגעניגען. נאכהער געהט זי צוריק צו די איבעריגע ווייבערשע נשמות, וואס געפונען זיך דארט אין זעלבען געשטאלט, אזוי ווי זיי זיינען געווען ביים לעבען. אנגעקליידעט זיינען זיי דארט אין ליכטיגע מלבושים, די זעלבע אזוי ווי די מענער מלבושים, נאר וואס זייערע מלבושים זיינען ניט אזוי שטארק ליכטיג ווי די מענער מלבושים, ווייל די זכרים האבען געלערענט תורה ביים לעבען. און נקבות לערנען דאך ניט קיין תורה. אבער דארט זיינען די אלע ווייבערשע נשמות פון דעם היכל בתיה בת פרעה פארנומען מיט לערנען, צו פארשטעהען די טעמים פון די מצות. און נאכמעהר צו לערנען די מצות, וואס זיי האבען ניט זוכה געווען ביים לעבען מקיים צו זיין. די ווייבערשע נשמות וואס האבען די זכיה צו זיצען אין דעם היכל פון בתיה בת פרעה, רופען זיי זיך מיט דעם נאמען „נשים שאננות“.

היכל סרח בת אשר.

נאך דעם היכל געפינט זיך דער היכל, וועלכער רופט זיך אויף דעם נאמען פון סרח בת אשר. דארט געפונען זיך אויך טויזענדער און צעהנדליגע טויזענדער נשמות פון נשים צדקניות. זעלבסטפארשטענדליך אז דאס זיינען אזעלכע נשמות, וואס זיי האבען געטהון פיעל גוטעס ביים לעבען, צו דערפרייען און צו דערהאלטען ביים לעבען צדיקים און גרויסע לייט זקנים, ווייל דאס איז די גרעסטע זאך, וואס סרח בת אשר האט געטהון, זי האט דערפרייט דאס הארץ פון איהר אלטען זיידען יעקב אבינו מיט איהר בשורה זאגען אז יוסף הצדיק לעבט נאך. דריי מאהל טעגליך ווערט דארט אויסגערופען, אז די צורה פון יוסף הצדיק קומט אריין אין דעם היכל. דארט איז אויך דא צוליעב דעם א באזונדער ליכטיג חדר פארהאנגען מיט א זעהר שעהנעם פרוכת. סרח בת אשר געהט אריין אויף דער אנדערער זייט פרוכת. זי זעהט דאס געשטאלט פון יוסף הצדיק און בוקט זיך פאר איהם. זאגענדיג, געבענטשט זאל זיין דער טאג, וואס איך האב זוכה געווען אנצוזאגען דעם אלטען הייליגען זיידען די בשורה, וואס האט זיין

רוחו רוח הקודש". גם היא תשתחוה לפני הצורה ויוצאת. זה הוא תענוג שלה היותר גדול ונעים. אחר כך היא חוזרת והולכת אל שאר הנשים הנמצאות שם, ועוסקות בשירות לשמו של הקדוש ברוך הוא. וגם הן לומדות תורה ביחד עם סרח בת אשר, להבין טעמי המצות. ויש להן שם שמחה גדולה והרבה תענוגים רוחניים שאין לשער ואין לספר.

### היכל יוכבד אמו של משה רבנו ע"ה

לפנים מאותו היכל נמצא ההיכל שנקרא על שם יוכבד אמו של משה רבנו, אהרן הכהן ומרים הנביאה. שם באותו היכל נמצאות גם כן נשמות נשים צדקניות כמה אלפים ועשרות אלפים. מובן מעצמו שאותן נשמות הנשים הזוכות להיות בהיכל יוכבד הן הנשים שזכו להוליד צדיקים בעולם כעין מעשה יוכבד. שם מאספת יוכבד שלשה פעמים בכל יום כל הנשמות שנמצאות שם, והן משוררות כלן יחד השירה של „אז ישיר משה". אחר כך מתחלת יוכבד בלבדה לשורר הפסוק „ותקח מרים הנביאה אחות אהרן את התף בידה". ובתה מרים הנביאה עוזרת לה בשירתה. ומה טוב ומה נעים ומתוק זמרת האם והבת שתיהן יחדו באותו הפסוק של „ותקח מרים הנביאה". כי גם כל הצדיקים שבגן העדן מקשיבים לקול זמרתן. וכן גם הרבה מלאכי מעלה עוזרים להן בשירתן זמירות שירות ותשבחות לשמו של הקדוש ברוך הוא בשמחה רבה.

### היכל דבורה הנביאה

לפנים מאותו היכל נמצא ההיכל שנקרא על שם דבורה הנביאה שהיתה גם כן שופט אצל עם ישראל בימי שפוט השופטים. ועמה באותו היכל נמצאות גם הנשמות של שאר נשים הנביאות. וכן נמצאות באותו היכל גם הרבה נשמות של נשים צ ד ק נ י ו ת. אכן מובן מעצמו ששם נמצאות רק נשמות גבוהות אשר יש להן זכות להמצא בהיכל אחד

---

הארץ דערקוויקט און דערפרעהט. דאס איז איהר גרעסטער פרייד און גרעסטער פארגעניגען. נאכהער געהט זי צוריק צו די ווייבער, און זיי פארנעמען זיך מיט שירות ותשבחות צו לויבען דעם אויבערשטענם הייליגען נאמען, און אויך צו לערנען טעמים פון די מצות. פיעל פרייד מיט פיעל פארגעניגען האבען זיי דארט.

היכל יוכבד, די מוטער פון משה רבנו עליו השלום.

נאך דעם היכל געפינט זיך דער היכל, וואס רופט זיך אויף דעם נאמען פון יוכבד, די מוטער פון משה רבנו, אהרן הכהן און מרים הנביאה. מיט איהר אין דעם היכל געפונען זיך אויך טויזענדער און צעהנדליגע טויזענדער נשמות פון נשים צדקניות. זעלבספארשטענדליך, אז דאס זיינען אזעלכע וואס האבען די זכיה געהאט צו געבארען צדיקים אויף דער וועלט. דארט נעמט יוכבד צוזאמען דריי מאהל טעגליך אלע ווייבערשע נשמות פון איהר היכל, און זיי לויבען דעם אויבערשטען און זינגען אלע צוזאמען די שירה „אז ישיר". נאכהער הויבט אן יוכבד אליין צו זינגען דעם פסוק „ותקח מרים הנביאה אחות אהרן את התף בידה", און די מוטער מיט דער טאכטער יוכבד און מרים זינגען דעם פסוק מיט אזא הויך און זים געזאנג, אז אלע צדיקים פון גן עדן הערען צו דאס זיסע געזאנג, און אויך פיעל מלאכים האלטען איהר אונטער מיט שירות ותשבחות צום אויבערשטענם הייליגען נאמען.

היכל דבורה הנביאה.

נאך דעם היכל געפינט זיך דער היכל, וואס רופט זיך אויף דעם נאמען פון דבורה הנביאה, וואס זי איז געווען א שופט ביים אידישען פאלק, אין דער צייט פון די שופטים. מיט דבורה הנביאה איז אויך דארט דא די איבעריגע פרויען נביאות. אין דעם היכל געפונען זיך אויך פיעל פרויען. עס פארשטעהט זיך אז דארט געפונען זיך נאר הויכע ווייבערשע נשמות, וועלכע האבען א זכיה צו זיין אין איין היכל מיט די נביאות. דארט זיינען די ווייבערשע נשמות

עם נשים נביאות. שם אותן הנשמות עוסקות בשירות ותשבחות הנכבדות ויקרות ביותר, שיש להן מליצה יפה ונעימה עם כוונות עמוקות לשמו של הקב"ה. ודבורה הנביאה משוררת בכל יום השירה שלה ששרתה בחייה בעת שנצחה המלחמה כנגד סיסרא. והיא השירה הגבוהה הנודעת „ותשר דבורה". וכל שאר נשמות הגבוהות של הנשים הנמצאות בהיכלה, וגם כן הרבה מלאכי מעלה עוזרים לדבורה הנביאה בנעימת ומתיקת שירתה. השמחה הגדולה עם תענוגים רוחניים שיש להן בהיכל ההוא אין לשאר ואין לספר.

לפנים מאותן היכלות יש עוד ארבעה היכלות נסתרים של ארבע האמהות, שרה רבקה רחל ולאה. ואותן ארבעה היכלות נקראים „היכלות של בנות בוטחות". אבל מה שנעשה ונשמע שם עין לא ראתה. ולא נתנו לנו רשות לחקור ולדעת דבר מה מהם.

כן באותו מצב נמצאות תמיד הנשים בלבדן בהיכלות שלהן, ונשמות הגברים לבדן בהיכלות שלהם. ורק בחצי הלילה כאשר מופיע בגן עדן אור הגדול של הקדוש ברוך הוא, אז ניתנה רשות שיאספו יחדו נשמות הגברים עם נשמות הנשים, שיהנו כלן מן האור הגדול של הקב"ה. וזה עונג רוחני גדול מאד מאד שאין לשער ואין לספר. אחר כך חוזרות כל הנשמות למקומותיהן.

גם זאת לדעת שאותן נשמות הנשים של שני היכלות הראשונים שסבלו עונש מן דינה של גיהנם, מכל מקום יש להן זכיה, אשר בימים גבוהים הקדושים, כמו ראש חודש, שבת ויום טוב, אשר אז יש עליה לנשמות הגברים מן גן עדן התחתון אל גן עדן העליון, לכן נתעלות אז גם כן נשמות הנשים של שני היכלות הראשונים לתענוג רוחני יותר גדול. כי אז זוכות כלן ליכנס לראשונה בהיכל של בתיה בת פרעה. ושם יחלק להן כבוד גדול בשמחה רבה עם הרבה תענוגים. אחר כך מנהלת אותן בתיה, יחד עם נשמות הנשים אשר בהיכלה, אל היכל סרח בת אשר. ושם יחלק להן כבוד ועונג יותר גדול. אח"כ

---

פארנומען מיט הויכע שירות ותשבחות צום אויבערשטען, און דבורה הנביאה זינגט אלע טאג די שירה וואס זי האט געזונגען ביים לעבען, ווען זי האט איינגענומען די מלחמה קעגען סיסרא. די איבעריגע הויכע ווייבערשע נשמות און אויך מלאכים האלטען אונטער איהר זים געזאנג. די גרויסע שמחה מיט זייער פארגעניגען אין דעם היכל האט גאר קיין שיעור נים.

נאך די זעקס היכלות איז נאך דא פיער היכלות פון די הייליגע מוטערס שרה רבקה רחל ולאה, וועלכע ווערען אנגערופען היכלות פון די „בנות בוטחות". וואס דארט טהוט זיך איז קיינעם נים ערלויבט צו זעהן אדער אויס צו פארשען.

און אזוי אין דיזען בעשטאנד געפונען זיך אימער די ווייבערשע נשמות באזונדער אין זייערע היכלות, און די נשמות פון זכרים באזונדער אין זייערע היכלות. נאר פונקט האלבע נאכט, ווען דאס גרויסע הייליגע ליכטיגקייט פון אויבערשטען טהוט ארייַנשיינען אין גן עדן, דאמאלסט קומען זיך צוזאמען אלע נשמות פון זכרים און פון נקבות, און דערנאך געהן זיי אלע צוריק אויף זייערע ערטער.

די ווייבערשע נשמות פון די ערשטע צוויי היכלות, וואס זיינען אדורכגעגאנגען א גיהנם שטראף, האבען דאך די זכיה, אז ווען ס'איז א געהויבענער הייליגער טאג, נעמליך: ראש חודש, שבת און יום טוב, וואס דאמאלסט ווערען דערהויבען די נשמות פון זכרים ארויפצופליהען אין אויבערשטען גן עדן. דאן ווערען דערהויבען אויך די ווייבערשע נשמות פון די ערשטע צוויי היכלות, זאלען אריינקומען אין היכל פון בתיה בת פרעה, ווי מען טהיילט זיי דארט צו פיעל פרייד מיט פארגעניגען. נאכהער פיהרט זיי בתיה בת פרעה אין היכל פון סרח בת אשר, צוזאמען מיט די ווייבערשע נשמות פון איהר היכל. נאכהער פיהרט בתיה בת פרעה מיט

הולכות כלן עם בתיה וסרח בראשן אל היכל יוכבד. וגם שם תשמחנה כלן בשמחה רבה. וכן הולכות כלנה הלאה גם אל ההיכל של דבורה הנביאה ושאר נשים הנביאות. ובכל היכל והיכל יחלק להן שמחה חדשה ותענוגים חדשים. ואחר כך במוצאי אותן ימים הקדושים חוזרות כלן למקומותיהן.

ועוד מלבד ימים הקדושים יש להן עליה גדולה פעם אחת בשבע שנים שהיא שנת השמטה. כי אז תנתן רשות לכל הנשמות, בין של אנשים ובין של נשים הנמצאות בגן עדן שלמטה, בכל היכל שהוא, שיתעלו לגן עדן העליון. ושם כל הנשמות מתענגות בענג רוחני עליון, כל אחת לפי מעלתה. והענג של גן עדן העליון הוא לגמרי ענג אחר יותר גבוה ויותר רוחני מן הענג של גן עדן התחתון. ואחר כלות שנת השמטה חוזרות כל הנשמות לגן עדן התחתון, כל אחת למקומה הראשון.

אשרי חלקן של הנשמות, בין של אנשים ובין של נשים, ההולכים בחייהם בדרך התורה ומרבים מצות ומעשים טובים. כי הם מזומנים לקבל שכרם בעולם העליון בגן עדן התחתון ובגן עדן העליון, כל אחד לפומא דעבידתא עבדין ליה מטללתא. ואין לשער, ואין לספר לבן אדם כל זמן שהוא בחיי עולם הזה, גודל הענג והשמחה של מתן שכרם שניתן להם שם. כי כל זמן שהאדם חי בעולם הזה נשמתו בגוף העכור והחומר של בשר ודם, וזה מעכבתו מלהבין ולהשיג ענג מתן שכר של הנשמה לאחר מיתה בגן עדן, כמו שאדם החרש אי אפשר לו להבין ולהשיג הענג של זמרה נעימה או של מנגינות בכלי שיר.

אשרי חלקך רבי שמעון בן יוחאי שאנו שלוחים אליך לגלות לך סודות הנסתרים שבגן עדן, ואשרי חלקנו שבעבורך זכינו גם אנחנו לראות ולהוודע מה שלא ראינו ולא שמענו עד עתה".

לאחר ששמע רבי שמעון כל דברי

---

סרח בת אשר אלע ווייבערשע נשמות צום היכל פון יוכבד. און אזוי ווייטער צום היכל פון דבורה הנביאה מיט די איבעריגע נביאות. אין יעדער היכל ווערט זיי צוגעטהיילט נייע פרייד מיט נייע פארגעניגענס. דערנאך פיהרט מען אלע צוריק, יעדע נשמה זאל צוריק קומען אויף איהר ארט.

און אויך איינמאהל אין זיבען יאהר, ווען ס'איז דאס יאהר פון שמטה, ווערט דאמאלסט ערלויבט צו אלע נשמות, סיי פון נקבות, וועלכע געפונען זיך אימער נאר אין דעם אונטער־שטען גן עדן; זאלען אלע דאן דערהויבען ווערען צום אויבערשטען גן עדן. דארט זיינען זיי מקבל תענוג יעדער לויט זיין ווערדע. דער תענוג פון אויבערשטען גן עדן איז גאר אנ'אנדער־רער תענוג, ער איז פיעל גייסטיגער און העכער ווי דער תענוג פון אונטערשטען גן עדן. נאך שמטה געהט זיך יעדע נשמה צוריק אויף איהר ארט.

וואויל איז דער חלק פון די נשמות, סיי פון זכרים סיי פון נקבות, וואס פיהרען זיך ביים לעבען אין אידישען וועג, אין גייסט פון די הייליגע תורה. זייער שכר פון פרייד און פאר־געניגענס, סיי אין אונטערשטען גן עדן, סיי אין אויבערשטען גן עדן, וואס יעדע נשמה באקומט, לויט איהר ווערדע, לויט ווי זי האט זיך פארדינט מיט איהר אויפפיהרונג ביים לעבען, איז אוממעגליך איבערצוגעבען מינדליך. ווייל כל זמן דער מענש לעבט, און זיין נשמה איז פאר־קניפט אין א גוף פון בשר ודם, איז אוממעגליך דער מענש זאל האבען א באגריף אין דעם תענוג פון גן־עדן, אזוי ווי ס'איז אוממעגליך אז א טויבער מענש זאל האבען א באגריף אין דעם תענוג פון א זיס געזאנג אדער פון שעהן שפילען.

דאס איז רבי, די סודות וואס מען האט אונז געוויזען און ערלויבט איבערצוגעבען זיי צו רבי שמעון בן יוחאי". נאך דעם וואס רבי שמעון האט דאס אלץ אויפגעהערט, האט ער

השלוחים היה מבקש מהם שיחזירו אל ראש הישיבה שבגן עדן ברכת שלום ממנו בכבוד של אהבה ותודה רבה. אחר כך פרחו השלוחים פנימה לגן עדן, ורבי שמעון בן יוחאי חזר לביתו בלב שמח.

## (כ)
## רבי שמעון בן יוחאי הציל לרבי יצחק משליטת מלאך המות

רבי יצחק, חבר מן החברייא קדישא שהשתתפו בחבור ספר הזהר הקדוש, בא פעם אחת לרבי יהודה חברו בפנים של עצבות וברוח נכאה. וישאל אותו רבי יהודה: „מה לך חברי היקר, שאתה מלא תוגה?” ויאמר אליו רבי יצחק: „הנה באתי אליך לבקש ממך שלשה דברים. ראשית, כאשר תאמר חידושי תורה על איזה פסוק, ואתה תזכר כי גם אנכי אמרתי איזה דרוש בפסוק הזה, תאמר בשמי מה שאמרתי אני, בכדי שיזכר שמי בעולם הזה ותהיינה שפתותי דובבות בקבר. והשנית, אני מבקש שתשים עין על בני יוסף שילמוד תורה. והשלישית, בקשתי ממך שבמשך שבעת הימים אחרי מותי תבוא על קברי פעם אחת בכל יום ותתפלל שם”. וישאלהו רבי יהודה, מאין הוא יודע כי בא קצו. ויאמר אליו רבי יצחק שיש לו שני סימנים על זה. אחד, יען נשמתו פסקה מלהופיע אורה בחלום כמקדם. והשני, שפסק מלראות צלמו על הכותל. ושני סימנים האלו מורים שהוא קרוב למות. ויאמר אליו רבי יהודה: „טוב אחי! אני מבטיחך לעשות כל מבוקשך. אמנם גם אנכי מבקש ממש דבר אחד. והוא, שבעולם העליון תפעל שמקומי בגן עדן יהיה אצל מקומך, ונהיה שם חברים יחדו כמו שאנחנו חברים

---

נעבעטען די צוויי שלוחים, זאָלען צוריק איבערגעבען צום ראש ישיבה פון גן עדן א פריינדליבען גרוס מיט א גרויסען דאנק פון איהם. די צוויי שלוחים זיינען אוועקגעפלויגען און רבי שמעון איז צוריק אהיים געקומען.

## (20)
## רבי שמעון בן יוחאי האט ניט דערלאזט, אז דער מלאך המות זאָל האָבען א שליטה איבער רבי יצחק.

רבי יצחק, איינער פון די „חברייא קדישא” וואס האבען מחבר געווען דעם זוהר הקדוש, איז אמאָהל געקומען צו זיין חבר רבי יהודה און איז געווען זעהר טרויעריג. האט רבי יהודה איהם געפרעגט, וואס איז עפעס געשעהן, איבער וועלכען ער איז אזוי טרויעריג. האט רבי יצחק געזאגט: „איך בין געקומען צו דיר בעטען פון דיר דריי זאכען. איינס, ווען דו וועסט זאגען חידושי תורה אויף א פסוק, און דו וועסט געדענקען אז איך האב אויך אמאָהל געזאגט חידושי תורה אויף דעם זעלבען פסוק, זאלסטו נאָכזאָגען אין מיין נאָמען וואס איך האב געזאגט, כדי מיין נאָמען זאָל געדענקט ווערען. צווייטע זאך, זאלסט זעהן אז מיין זוהן יוסף זאָל לערנען תורה. דריטע זאך, די ערשטע זיבען טעג נאך מיין שטארבען זאלסטו קומען אויף מיין קבר און זאָלסט דארט מתפלל זיין”. האט רבי יהודה איהם געפרעגט, פון וואס ווייסט ער אז ער האלט ביים שטארבען. האט ער געענטפערט אז ער פארשטעהט דאס דורך צוויי זאכען. איינס, ווייל זיין נשמה האט אויפגעהערט צו שיינען אין חלום אזוי ווי פריהער, און נאך איינס, ווייל ער האט אויפגעהערט צו זעהן זיין שאטען אויף דער וואנט, דאס אלץ איז א סימן, אז ער האלט נאהענט צום שטארבען. האט רבי יהודה צו איהם געזאגט: גוט, איך וועל אלעס טהון אזוי ווי דו פארלאנגסט, אבער איין זאך פארלאנג איך פון דיר, אז אויף יענער וועלט זאלסטו פועל'ן אז מיין ארט זאָל זיין נעבען דיר, מיר זאָלען זיין חברים צוזאמען

בעולם הזה יחדו". רבי יצחק הבטיחו בדמעות עינים שישתדל שם כרצון רבי יהודה. ויסכימו שניהם ללכת מיד אל רבי שמעון בן יוחאי.

כאשר באו לפני רבי שמעון היה רבי שמעון יושב ולומד תורה. וישא רבי שמעון את עיניו החוצה, וירא שעומדים בחוץ לפני ביתו שני התלמודים רבי יהודה ורבי יצחק. ועוד ראה שמלאך המות הולך ומרקד בשמחה לפני רבי יצחק על אשר עוד ביום הזה ישלוט עליו לקחת נשמתו. ויקם רבי שמעון ויצא החוצה ויקח את יד רבי יצחק בידו ויאמר: „גוזרני שכל מי שהוא רגיל ליכנס לביתי יכנס, וכל מי שאינו רגיל עד עתה ליכנס לביתי, גם היום אל יכנס!"

וינהג רבי שמעון את רבי יצחק עם רבי יהודה אל ביתו פנימה, ומלאך המות נשאר בחוץ. וכאשר רבי שמעון הכיר ברבי יצחק שמכל מקום עוד יש לו זמן קצוב לחיות עד שעה השמינית של היום, לכן שלח רבי שמעון את בנו רבי אלעזר שיעמוד מבחוץ להיות שומר הפתח. ואל ידבר לשום אדם, ואל ינוח לשום בריה ליכנס לבית פנימה. אחר כך שאל רבי שמעון לרבי יצחק: „האם ראית היום צורת אביך? יען כי כשמגיע זמן האדם למות, באים אליו מעולם העליון אביו ושאר קרובים שלו לקבל פני הנשמה וללותה עד שתגיע למקומה, והאיש הנוטה למות רואה אותם". ויענה רבי יצחק שעד אתה עוד לא ראה כלום.

אז קם רבי שמעון להתפלל על רבי יצחק, וכך אמר: „רבונו של עולם! מבקש אני ממך, כאשר רבי יצחק הוא אחד מן חשבע חברים של החבריא קדישא, שאני קורא אותם שבע עינים, והוא נקשר בי, ואני נקשר בו, לכן מבקש אני ממך שתתן לו עוד חיים בעולם הזה וישאר אצלי בחיים". מיד נשמע בת קול מן

---

אויף יענער וועלט, אזוי ווי מיר זיינען חברים אויף דיזער וועלט". רבי יצחק האט מיט געוויין דאס איהם צוגעזאגט, און זיי האבען באשטימט זאלען באלד געהן צו רבי שמעון בן יוחאי.

ווען זיי זיינען געקומען צו רבי שמעון בן יוחאי האבען זיי איהם געטראפען זיצען און לערנען. רבי שמעון האט אויפגעהויבען זיינע אויגען, האט ער געזעהן וואו די צוויי חברים זיינען געקומען פאר זיין הויז, און נאך האט ער געזעהן אז דער מלאך המות געהט פאראויס פאר רבי יצחק, און ער שפרינגט ארום פאר פרייד, וואס ער וועט באלד נעמען זיין נשמה. דאן איז רבי שמעון ארויסגעגאנגען און האט אנגענומען רבי יצחק'ן ביי דער האנד און האט אזוי געזאגט: „איך בין גוזר, אז דער וואס פלעגט אלע מאהל אריינקומען צו מיר, זאל ווייטער אריינקומען, און דער וואס איז ביז היינט ניט אריינגעקומען צו מיר, זאל היינט אויך ניט אריינקומען".

רבי יהודה און רבי יצחק זיינען אריינגעפיהרט געווארען אין הויז צו רבי שמעון, און דער מלאך המות איז געבליבען שטעהן אין דרויסען. רבי שמעון האט דערקענט אז רבי יצחק האט נאך סיי ווי צייט צו לעבען ביז אכט שעה אויפ'ן טאג, האט רבי שמעון ארויסגעשיקט זיין זוהן רבי אלעזר, און האט איהם אנגעזאגט ער זאל שטעהן פאר די טיהר און זאל ניט רעדען מיט קיינעם, און זאל קיינעם ניט אריינלאזען. דערנאך האט רבי שמעון געפרעגט ביי רבי יצחק'ן: „צו האסטו היינט געזעהן דיין פאטערס געשטאלט, ווייל דאמאלסט ווען א מענש האלט ביים שטארבען, קומען צו איהם פון יענער וועלט זיין פאטער און נאך קרובים, צו באַגלייטען די נשמה ביז זי קומט אויף איהר ארט, און דער שטארבענדער מענש זעהט זיי". האט רבי יצחק געענטפערט, אז ביז איצט האט ער נאך קיינעם ניט געזעהן.

רבי שמעון האט זיך אויפגעשטעלט, האט מתפלל געוועזן און האט אזוי געזאגט: „רבונו של עולם! איך בעט דיך, אז אזוי ווי רבי יצחק איז איינער פון די זיבען חברים, וואס איך רוף זיי זיבען אויגען, און ער איז אנגעקניפט אין מיר און איך בין אנגעקניפט אין איהם, זאל ער נאך בלייבען לעבען אויף דער וועלט". באלד איז אראב אן ענטפער פון הימעל, אז רבי שמעון'ס

השמים שתפלת רבי שמעון נשמעת ונתקבלה בשמים, ורבי יצחק ישאר בחיים להיות בהתקשרות יחד עם רבי שמעון. אחר זה ישב רבי שמעון ללמוד כמקדם עם החברייא קדישא.

רבי אלעזר, אשר עמד כל העת מבחוץ על משמרתו, ראה שמלאך המות פנה עורף והלך משם באמרו: „אוי ואבוי! שבמקום שרבי שמעון נמצא אין לי שליטה!" ויספר רבי אלעזר לאביו מה שראה ושמע. ויאמר לו אביו, כי מעתה יכול ליכנס הביתה, כי הסכנה כבר עברה ואין עוד לפחד ממלאך המות וישבו כלם ללמוד ביחד.

כאשר ישן רבי יצחק בא אליו אביו בחלום ואמר לו, שהוא עם עוד שנים עשר צדיקים נפקדו לרדת לזה העולם לקבל פני נשמתו וללותה למקומה בעולם העליון. וכאשר היו מוכנים לרדת נתעכבו פתאם ונאמר להם, שרבי שמעון בן יוחאי התפלל על רבי יצחק שלא ימות, ותפלתו נתקבלה וישאר בחיים, לכן חזרו כלם למקומותם. וישאל רבי יצחק את אביו בחלומו שיגיד לו כמה שנות חיים נתוסף לו להשאר בעולם הזה. ויאמר לו אביו, כי זה דבר שאינו רשאי לגלות. אבל זאת יוכל להיות בטוח, כי כל זמן שרבי שמעון יחיה בעולם הזה, גם הוא ישאר בחיים.

## (כא)

## הפסוק מי יתן טהור מטמא על רבי נחום הפקולי

מעשה באחד מן חכמי הזהר, רבי זמיראה שמו, שהלך בדרך ותעה ביער, וכשיצא מן היער ראה שהוא במדבר, ולא הרחק משם היה הר מוריק אש מתלקחת ועשן גדול. וילך רבי זמיראה הלוך וקרב אל ההר, כי חשב אולי ימצא שם דרך אל

---

תפלה איז אָנגענומען געוואָרען. און רבי יצחק בלייבט לעבען צוזאַמען מיט רבי שמעון בן יוחאי. דאַן האָט רבי שמעון זיך צוריק געזעצט לערנען מיט די חברים.

רבי אלעזר וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין דרויסען אויף די וואַך, האָט געזעהן אַז דער מלאך המות האָט זיך אָבגעטראָגען פון זייער הויז, זאָגענדיג: „אוי, אוי! דאָ וואו רבי שמעון בן יוחאי געפינט זיך האָב איך קיין שליטה ניט!" האָט רבי אלעזר וועגען דעם באַלד מודיע געווען זיין פאָטער. האָט רבי שמעון אריינגערופען רבי אלעזר'ן און האָט איהם געזאָגט, אַז דער געפאַהר איז שוין ניטאָ וואָס מורא צו האָבען, ס'איז שוין ניט דאָ וואָס מורא צו האָבען, און אַלע האָבען זיך געזעצט לערנען.

ווען רבי יצחק איז איינגעשלאָפען, איז זיין פאָטער געקומען איהם צו חלום, און האָט איהם געזאָגט, אַז ער מיט נאָך צוועלף צדיקים זיינען באַשטימט געוואָרען אַנטקעגען צו געהן עמפפאַנגען זיין נשמה, און זיי זיינען שוין גרייט געווען אַראָבצוקומען אויף דער וועלט. נאָר פּלוצלינג האָט מען זיי פאַרהאַלטען, אָנזאָגענדיג, אַז רבי שמעון בן יוחאי האָט גע'פּועל'ט רבי יצחק זאָל נאָך בלייבען לעבען, דאַן זיינען זיי אַלע צוריק געגאַנגען צו זייערע ערטער. האָט רבי יצחק געבעטען זיין פאָטער אין חלום, ער זאָל איהם זאָגען, ווי פיעל יאָהרען האָט מען איהם געשענקט צו לעבען נאָך אויף דער וועלט. האָט דער פאָטער איהם געענטפערט, אַז דאָס טאָהר מען ניט מגלה זיין. אָבער דאָך דאָס איינע קאָן ער איהם זאָגען, אַז אַזוי לאַנג ווי רבי שמעון בן יוחאי וועט לעבען וועט ער אויך לעבען.

## (21)

## דער פּסוק מי יתן טהור מטמא קען געזאָגט ווערען אויף רבי נחום הפקולי.

איינער פון די חכמי הזוהר רבי זמיראה איז אַמאָהל געגאַנגען אונטערוועגס, און איז פאַרבלאָנדזעט געוואָרען אין אַ וויסטען געגענד, וואו עס האָט זיך געפונען קראַטער־בערג, פון וועלכע עס זעצט אַפּט אַרויס אַ רויך מיט פלאַמען פייער. דאָרט האָט ער געטראָפען געהן אַ

הישוב. ויפגע שם באיש אחד שהיה נראה כמו ערבי. וישאלהו הערבי: „מי אתה, אנה תלך ומה מעשיך כאן במדבר?" ויענהו רבי זמיראה, כי הוא תועה בדרכו, וכל מה שהולך הלאה הוא תועה יותר ואינו יכול למצוא דרך אל הישוב. הערבי הרגיע את רוחו של רבי זמיראה ואמר לו שלא יפחד ולא ידאג על זה, כי הוא יודע הדרך אל הישוב ויורהו באיזה צד ילך.

ויאמר עוד הערבי: „כאשר אני מקיר בך שאתה חכם מחכמי ישראל, לכן בוא עמדי אל עבר השני של ההר הזה, אשר שם אפשר להתקרב יותר אל חרכי תחר, ותשמע שם נפלאות". כאשר באו שמה הראה הערבי לרבי זמיראה איך שימה אזנו אל נקרת ההר. שם שמע רבי זמיראה קולות נוראים זעקות ואנחות מעומק הארץ אוי! ואבוי! ויאמר רבי זמיראה אל הערבי, שאותו נקרת ההר אין זה כי אם שהוא נמשך בעומק הארץ עד מקום הגיהנם, והקולות הם מן הרשעים שנענשים באש הגיהנם. ויאמר אליו הערבי: „תדע כי רק בעבור זה תעית בדרך לבוא הנה ולשמוע כזאת, והרי זה מה שחפצתי להראותך". אחר זה הראה לו הערבי באיזה דרך ללכת אל הישוב, ומיד נעלם הערבי.

רבי זמיראה נשאר עומד גלמוד במקום שממה נפלה עליו אימה ופחד, ומיהר ללכת לדרכו באותו צד שהראה לו הערבי. כאשר הלך מעט ראה חריץ רחב שנמשך מן פני הארץ אל תוך עומק ההר. ושם באותו חריץ נוהגים לאיש אחד שהוא בוכה וצועק ומייליל מרה. ויחרד רבי זמיראה ויברח משם בבהלה, כי הבין שזה מת שמושכים אותו לתוך הגיהנם. כאשר הרחיק רבי זמיראה משם נלאה

---

מאן וואס האט אויסגעזעהן ווי אן אראבער. פרעגט איהם דער אראבער: „ווער ביזטו און ווי אזוי קומסטו אהער אין אזא וויסטערנישט?" האט איהם רבי זמיראה דערצעהלט ווער ער איז, און אז ער האט פארבלאנדזעט, און ווייסט נים ווי אזוי אויסצוגעפונען דעם וועג אהיים. דער אראבער האט איהם בארוהיגט, אז ער וועט איהם ווייזען אין וועלכער זייט ער זאל געהן, וועט ער צוקומען צו א וועג וואס פיהרט צו א שטאדט.

נאכהער זאגט דער אראבער צו איהם: „איך זעה אז דו ביזט איינער פון די אידישע חכמים, קום מיט מיר א שטיקעל וועגס אויף יענער זייט בארג, דארט קאן מען צוקומען נעהענטער צו די ליעכער וואס שפייען מיט פלאמען פייער, וועסטו דארט הערען עפעס וואונדערליכעס". ווען זיי זיינען צוגעקומען צו יענעם פלאץ, האט דער אראבער געוויזען רבי זמיראה וואו ער זאל צולעגען דעם אויער צו א שפאלט פון דער ערד. האט דארט רבי זמיראה געהערט שרעקליכע קולות פון דער ערד, שדייענדיג וועה! וועה! האט רבי זמיראה געזאגט, אז דער שפאלט אין די ערד מוז זיך ציהען טיעף ביז צום גיהנום, ווי די רשעים ווערען באשטראפט אין פייער פון גיהנום. האט דער אראבער געזאגט: דאס האב איך דיר טאקע געוואלט ווייזען, און נאר צוליעב דעם ביזטו דא פארבלאנזעט געווארען". באלד נאכדעם האט דער אראבער איהם געוויזען אויף וועלכער זייט ער זאל אנהויבען געהן צו א ישוב, און איז באלד פארשוואונדען געווארען.

רבי זמיראה איז געבליבען שטעהן איינער אליין א דערשראקענער. ווען ער האט אנגעהויבען אוועקגעהן האט ער דערזעהן אויף איין זייט בארג, וואס שפייט מיט פייער, א טיעפען ברייטען שפאלט אין דער ערד, און דארט האט מען אריינגעפיהרט א מענש, וואס האט זעהר געוויינט און געשריגען מיט ביטערע קולות. רבי זמיראה איז א פארציטערטער פון דארט גיך אוועקגעלאפען. ווייל ער האט פארשטאנען אז דאס איז א רשע א מת וואס מען פיהרט איהם אין גיהנום. און פון שרעק און מידקייט האט זיך רבי זמיראה געמוזט אנידערזעצען אפרוהען. עס איז אויף איהם געפאלען א טיעפער שלאף און ער איז איינגעשלאפען.

מן המרוצה ומן הפחד, ולא יכל ללכת הלאה, וישב לנוח מעט והנה נפלה עליו תרדמה ויישן.

ויחלום רבי זמיראה חלום, וירא בחלומו לפניו איש ההוא שראה מנהיגים אותו לתוך החריץ אשר בהר. וישאל אותו רבי זמיראה בחלומו, מי הוא, מה שמו, מאיזה מקום הוא, ומפני מה מענישים אותו בגיהנם. ויאמר אליו האיש בחלום, שהוא יהודי מעיר אחת בארץ ישראל בחלק הגליל. ושם היה הוא קצב מוכר לישראל בשר טרפה תחת כשרה כמה שנים. ומלבד זה עבר גם כן כמעט על כל עבירות שבתורה. וזה כמה שנים שמענישים אותו בעונש מר. שלאחר מותו איזו שנים ענשו אותו כך. שהחיו אותו בכל יום, ואח"כ השליכו אותו לפני כלבים רעים ורעבים, ואכלו את בשרו אברים אברים עד שמת. ולמחרת החיו אותו ושוב השליכוהו לאותן כלבים, וכן בכל יום ויום. וטרם שהשליכוהו לפני הכלבים היו מכריזים לפניו גזר דינו, שהוא בשביל שהיה מאכיל נבלות וטרפות לישראל. ולפי שאמרה תורה להשליך נבלות וטרפות לכלבים, וזה גזל מן הכלבים מה ששייך להם, לפיכך יאכלו הכלבים את בשרו. ועל השאלה כמה שנים מענישים אותו כך, אמר שאינו זוכר משך הזמן כמה הוא. ועוד אמר שלפני חודש ימים החליפו עונשו. ואינו נידון עוד בכלבים, אלא שמשליכים אותו לגיהנם ונשרף, אחר כך נעשה חי ושוב שורפין אותו. כן עושים לו שלשה פעמים בכל יום. וקודם שמשליכים אותו באש מכריזים לפניו בשביל איזו עבירות הוא נענש בגיהנם. ואך ביום הזה נתנו לו רשות שיתראה בחלום אל הצדיק רבי זמיראה, ולבקש ממנו אולי הוא ימצא איזה תיקון לנשמתו.

רבי זמיראה שאל אותו עוד בחלומו, שיאמר לו איך היה שמו בחיים, ומה שם עירו שהיה דר בה. ועל זה ענה המת,

---

האט רבי זמיראה געזעהן אין חלום דעם זעלבען מענש, און האט איהם אין חלום אויס־געפרעגט ווער ער איז, פון וואנעט ער איז און פאר וואס ווערט ער באשטראפט. האט דער מענש געזאגט, אז ער איז א איד פון א שטאדט אין גליל ארץ ישראל, דארט איז ער געווען א קצב און דערצו א גרויסער רשע, און אז אויסער דעם וואס ער האט פיעל יאהרען פארקויפט צו אידען טרפה פלייש, האט ער נאך אויך עובר געווען אויף אלע עבירות, און דאדורך ווערט ער שוין אזוי פיעל יאהר געפייניגט. די ערשטע עטליכע יאהר איז זיין שטראף געווען, וואס מען האט איהם אלע טאג לעבעדיג געמאכט, און מען האט איהם געווארפען פאר בייזע הונד, וועלכע האבען פון איהם אלע מאהל אפגעגריזעט אנ'אנדער אבר. און איידער מען האט איהם אריינגעווארפען צווישען די הונט פלעגט מען איהם פריהער פארלעזען, אז די שטראף קומט איהם ווייל ער האט געגעבען עסען צו אידען נבלות וטרפות, וועלכעס באלאנגט צו הינד, און פאר דעם דארפען די הינד צו פרעסען זיין אייגענע פלייש, און ער קאן ניט וויסען וויפיעל יאהר ער איז אזוי באשטראפט געווארען, נאר אצינד איז שוין איין חודש פארביי וואס מען באשטראפט איהם שוין ניט דורך די הינט, נאר מען פארברענט איהם דריי מאהל אין טאג אין גיהנום. נאך יעדעס מאהל מאכט מען איהם צוריק לעבעדיג, און אלע טאג רופט מען אויס פאר איהם איבער וועלכע עבירות ער ווערט באשטראפט אין גהינום. אבער אצינד האט ער באקומען אן ערלויבעניש צו באווייזען זיך אין חלום פאר דעם גרויסען צדיק, וואס קען אויס־געפינען עפעס א תיקון פאר זיין נשמה.

האט איהם רבי זמיראה געפרעגט אין חלום, ווי ער האט געהייסען ביים לעבען, און ווי אזוי הייסט די שטאדט וואו ער האט דארט געוואהנט. האט ער געענטפערט אז זיין נאמען קאן ער זיך ניט דערמאהנען, אזוי ווי אלע רשעים קענען ניט גערעדענקען נאכ'ן טויט זייער אידי־שען נאמען, נאר דער נאמען פון שטאדט וואו ער האט געוואהנט געדענקט ער יא. האט איהם

כי שמו אינו זוכר, כי כן כל הרשעים אינם זוכרים את שמם לאחר מיתה. אבל שם העיר ידע להזכיר. וישאל אותו עוד רבי זמיראה בחלומו, אם השאיר אחריו בנים. ואמר שהשאיר בן קטן בן שמנה שנים, אבל עוד לא למד תורה כלל. בזה נגמרו דברי המת, כי יותר לא הניחו לו לעמוד לפני רבי זמיראה בחלומו, ונעלם משם.

כאשר הקיץ רבי זמיראה משנתו זכר היטב את חלומו, והבין שלא על חנם תעה בדרך לבוא אל מקום הזה, אין זה כי אם למען ישתדל לעשות איזה תיקון לנשמת אותו הרשע. ולאחר שבא רבי זמיראה לביתו הלך לאותו העיר שדר בה זה הקצב הרשע. ושם התחיל לחקור ולדרוש על אדות הקצב ההוא. ונודע לו שהוא היה רשע מפורסם מכשיל רבים, וכבר עברו שש שנים לאחר מותו ועוד מקללים אותו כל מי שמזכירו. ושאל רבי זמיראה על אדות הבן שהניח אחריו, ואמרו לו שהוא הולך וגדול ברשעתו כמו אביו, ושהוא עם הארץ גדול.

אמנם רבי זמיראה לא נתיאש מלעשות טובה להמת. ויחקור וידרוש איך יוכל לראות את הבן שהניח. ונודע לו שזה הבן נמצא בבית המטבחיים, ושם הוא עוזר להגוים שמפשיטים עורות הבהמות. וישתדל הרבה רבי זמיראה לפתות לזה העלם שיעזוב את בית המטבחיים וילך עמו, גם עשה בערמה לרמותו שהוא דודו, והבטיחו כל טוב, עד שפעל אצלו ללכת עמו. ויגלחו וירחצהו וילביש אותו בגדי ישראל נקיים ויפים, וימסור אותו ביד מלמד שילמוד עמו אל״ף בי״ת, אחר כך יותר ויותר. וכאשר זה העלם היה בעל מוח עם לב רחב, היה מקבל מהר הלימודים בנקל, גם נתחזק אצלו בכל פעם חשק יותר ללמוד תורה, ולמד בהתמדה גדולה, והיה הולך וגדול בתורה, ונעשה תלמיד חכם. רבי זמיראה אהבו מאד ויחשבהו לבנו. וכאשר בעירו של רבי זמיראה לא נודע בן מי הוא השיאו אשה חשובה וקנה שם לאדם גדול, עד שסמכוהו

---

רבי זמיראה געפרעגט, אלץ אין חלום, אויב ער האט אפשר איבערגעלאזט עפעס קינדער. האט ער געזאגט אז ער האט איבערגעלאזט איין אינגעל פון אכט יאהר, אבער ער האט איהם קיינ־מאהל ניט געלאזט געהן אין חדר. מעהר האט מען איהם ניט ערלויבט צו רעדען מיט רבי זמיראה אין חלום.

רבי זמיראה האט זיך אויפגעוואכט פון שלאף, און האט דעם חלום גאנץ גוט געדענקט. האט ער פארשטאנען, אז ניט בחנם איז ער דא פארבלאנדזשעט געווארען. ווען רבי זמיראה איז אהיים געקומען איז ער באלד אוועק אין יענער שטאדט וואו דער קצב האט געוואהנט. דארט איז ער געוואהר געווארען, אז דער קצב איז שוין טויט זעקס יאהר, און אז מען פליכט איהם נאכ'ן טויט „שם רשעים ירקב". האט רבי זמיראה זיך נאכגעפרעגט אויף דעם בחור'ל וואס דער קצב האט איבערגעלאזט, האט מען איהם דערצעהלט, אז דער בחור וואקסט אויף אזא רשע און אויך אזא עם הארץ פונקט ווי זיין פאטער.

אבער רבי זמיראה האט זיך ניט מייאש געווען. ער האט זיך נאכגעפרעגט, וואו ער קאן דעם בחור אויסגעפונען, און ער האט איהם געפונען אין א שחט־הויז, אלס א געהילף ביי די וואס שינדען אפ די בהמות. רבי זמיראה האט פארלעגט א כח אויף דעם בחור, איינרעדענדיג איהם אז ער איז זיינס א פעטער, און ער האט קוים גע'פועלט ביי דעם בחור ער זאל מיט איהם געהן אין דער שטאדט ווי רבי זמיראה האט געוואהנט. דארט האט רבי זמיראה דעם בחור אנגעקליידעט איידעלע אידישע מלבושים, און האט איהם איבערגעגעבען מען זאל מיט איהם אנהויבען לערנען תורה. דער בחור האט גראדע געהאט א גוט קעפעל און האט געלערנט תורה גאנץ פלייסיג. ער איז געווען א הולך וגדול, אלע מאהל העכער און העכער, ביז ער איז געקרוינט געווארען מיט'ן טיטול רבי. דאס איז דער וואס מען האט איהם גערופען רבי נחום

בתואר רבי. והיה מנהל ישיבה והעמיד תלמודים הרבה. וזה הוא רבי נחום הפקולי. כך קרא לו רבי זמיראה. רבים חשבו שנקרא כן על שם מקומו שנולד שם. אבל האמת הוא שרבי זמיראה נתן לו השם פקולי, על המשמעות „פקו פלוליה" כיון שהוציא את אביו מן משפט הגיהנם, והכניסו לגן עדן. וזאת היא משפחת פקולי, שממנו נולד רבי שמעון הפקולי שהיה מסדר לפני רבן גמליאל ביבנה סדר שמנה עשרה ברכות של התפלה.

רבי זמיראה היה מספר פעם אחת לחברו מי הוא זה רבי נחום, ואיך שפעל להוציאו מן טיט היון של טומאה עמוקה להכניסו אל הקדושה. ואמר שאביו הקצב בא לו בחלום, והודה לו ברב תודה וברכה על אשר תיקון לנשמתו בזה שהכנים את בנו תחת כנפי השכינה. וסיפר לו אביו בחלום שכאשר אך התחיל בנו לומר קריאת שמע בכל יום. פסקו ממנו עונש הגיהנם מן שלשה פעמים ביום על פעם אחת ביום. וכשהתחיל ללמוד חומש פסקו ממנו לגמרי עונש הגיהנם ויצא לחפשי מן הגיהנם. וכשהתחיל ללמוד גמרא הכניסו אותו לגן עדן. ולאחר שנעשה תלמיד חכם ונסמך לרבי והתחיל ללמד תורה עם בני ישיבה, נתנו לו כסא בגן עדן במקומם של צדיקים. ובכל פעם שבנו אמר דרשה ברבים, עטרוהו בעטרה חדשה מאירת באור גדול. ועל ענין זה דרש רבי זמיראה הפסוק „גבור בארץ יהיה זרעו, דור ישרים יבורך." כלומר שאם הניח זרע בארץ שהוא גבור בתורה, על ידי זה דור ישרים יבורך. פירוש שאביו של דור ישרים יבורך שם בעולם העליון להתעלות מעלה מעלה.

---

הפקולי. דאס וואָרט „פקולי" האָט די באַדייטונג, אז ער האָט דעם פּאָטער ארויסגעצויגען פון גיהנום אין גן עדן אריין. דאָס איז די משפחה „פקולי" וואָס פון דעם רבי נחום איז ארויסגעקומען רבי שמעון הפקולי, וועלכער האָט מסדר געווען פאַר רבן גמליאל אין יבנה ווי אזוי מען זאָל די „שמנה עשרה" אַלע טאָג דאַוונען.

רבי זמיראה פלעגט דערצעהלען, אז אין א צייט דערנאָך איז רבי נחום'ס פּאָטער געקומען צו איהם אין חלום, און האָט איהם זעהר באַדאַנקט און באַוואונשען פאַר די גרויסע טובה וואָס ער האָט אויסגעפּונען א תיקון צו זיין נשמה. ער האָט דערצעהלט, אז באַלד אזוי ווי נאָר דער בחור זיינער האָט אָנגעהויבען זאָגען אַלע טאָג קריאת שמע האָט מען אויפגעהערט צו באַשטראָפען איהם דריי מאָהל טעגליך אין גיהנום, נאָר מען האָט איהם פאַרגרינגערט די שטראָף אויף איינמאָהל טעגליך אין גיהנום. דערנאָך אזוי ווי ער האָט אָנגעהויבען לערנען חומש, האָט מען שוין אינגאַנצען אויפגעהערט איהם צו באַשטראָפען אין גיהנום און ער איז שוין ארומגעגאַנגען פריי. ווען ער האָט אָנגעהויבען שוין צו לערנען גמרא האָט מען איהם שוין אריינגעפיהרט אין גן עדן. און ווען ער איז שוין גאָר געוואָרען א לַמדן און א רבי האָט מען איהם שוין גאָר געשאַפען א שטוהל אין גן עדן צווישען גרויסע לייט. און נאָך דערצו ווען נאָר דער זוהן האָט מחדש געווען דברי תורה און האָט געזאָגט א דרשה, דאַן האָט מען איהם באַשאָנקען אַלע מאָהל מיט נייע ליכטיגע קרוינען. דאַן האָט רבי זמיראה אויף איהם אויסגעטייטשט דעם פסוק „גבור בארץ יהיה זרעו דור ישרים יבורך". דאָס הייסט, אז מען לאָזט איבער אויף דער וועלט א זוהן א גבור אין די תורה, ווערען די עלטערן אויפגעריכט אויף יענער וועלט און ווערען דאָרט געבענשט.

## (כב)
## סגולה גדולה באמירת פרשת הקטרת.

רבי שמעון מזכיר ומזהיר איזה פעמים בזהר הקדוש להיות נזהר באמירת פרשת הקטרת בבקר ובערב. וזה לשונו: „אלמלי ידעו ישראל גודל הסגולה של אמורת פרשת הקטרת בכונה היו מנשקים כל תיבה ותיבה של פרשת הקטרת בחיבה יתירה. כי כל תיבה ותיבה שבה היא אוצר יקר ועטרה מאירה. והיא מגרשת ומברחת כל מקרים רעים וכמה צרות גדולות, שלא יהיה להם שליטה על אותן הרגילים לאמר פרשת הקטרת".

בזהר הקדוש מובא זה המעשה בענין אמירת קטרת.

פעם אחת בא רב אחא לעיר קטנה, שהיתה נקראת „כפר טרשא". ויהי כאשר אך נכנס שם רב אחא לאכסניא נתפרסם תיכף בעיר מאורח היקר והחשוב. וכאשר היתה מחלת מגפה שוררת בעיר על האנשים, רחמנא ליצלן, התאספו אנשי העיר ויבאו אל רב אחא ויספרו לו מן הצרה אשר בעיר, ויבקשו ממנו שיעזור להם בצדקתו. ויאמר להם רב אחא, שאם כל כך הצרה קרובה וגדולה ואין עוזר, אין להמתין עוד ולדחות הדבר. לכן צוה לברור מן אנשי העיר ארבעים איש מן טובי העיר בני תורה. ויחלקם על ארבעה מנינים, ויצוה להם שכל מנין אנשים ילכו ויתיצבו בצד אחד של העיר, ויאמרו ארבעה המנינים בכל ארבעה צדדי העיר פרשת הקטרת בכונה גדולה, וגם הפרשה שבתורה איך שאהרן הכהן העמיד את מלאך המות על ידי הקטרת בכונה גדולה, וגם רב אחא בעצמו הלך עמהם לעזור להם באמירת פרשת הקטרת.

---

## (22)
## די טייערע סגולה פון זאגען די פרשה פון קטרת.

רבי שמעון בן יוחאי דערמאהנט עטליכע מאהל אין זוהר הקדוש, אז ווען מענשען זאלען וויסען, ווי גרויס די סגולה איז פון זאגען די פרשה פון קטרת מיט כוונה, אין דער פריה און צו מנחה, וואלטען זיי יעדעס ווארט געקושט, ווייל יעדעס ווארט איז א טייערער אוצר און א ליכטיגע קרוין, וועלכעס פארטרייבט אלדעס בייז און פאריאגט פיעל צרות, זאלען נים האבען קיין שליטה איבער דעם מענש.

אין זוהר הקדוש ווערט געבראכט וועגען דעם אזא מעשה.

רבי אחא איז אמאהל אנגעקומען אין א שטעדטעל, וועלכעס מען האט גערופען „כפר טרשא". אזוי ווי נאר ער איז אריין אין א גאסט-הויז זיינען די שטאדט-לייט באלד געוואהר געווארען פון דעם חשוב'ן גאסט. דאמאלסט איז דארט געווען א מגפה, רחמנא ליצלן, אויף מענשען. האבען זיך די שטאדט-לייט צוזאמען גענומען, זיינען אדיינגעקומען צו רב אחא און האבען איהם דערצעהלט מיט געוויין פון די צרה וואס אין שטעדטעל קומט פאר. האט רב אחא צו זיי געזאגט, אז ס'איז א שאד די צייט, ווייל די געפאהר איז גרויס. האט ער געהייסען מען זאל דא אויסקלויבען פיער מנינים אידען פון שטעדטעל, די וואס זיינען עהרליכע אידען און בני תורה. ער האט זיי איינגעטהיילט די פיער מנינים זאלען געהן צו די פיער זייטען פון שטעדטעל, יעדער מנין אידען אויף אנ'אנדערע זייט, און האט זיי געהייסען זאלען דארט זאגען מיט גרויס כוונה די פרשה פון קטרת מיט די פרשה פון קרבנות, און אויך די פרשה וואס אהרןהכהן האט אבגעשטעלט דעם מלאך המות דורך קטרת, און רב אחא זעלבסט איז אויך מיט זיי מיטגעגאנגען.

---

כאשר הוא הציל את אנשי העיר מן המגפה, מונח עליו חוב קדוש שיציל גם את נפשותם ויחזירם בתשובה, כי הרבה חטאים בעיר. ועל כלם מה שאין בה תינוקות של בית רבן שילמדו תורה. וישתדל רב אחא לתקן בעיר מלמדים עם חדרים ותלמוד תורה. וגם בדבר יען כי „מתא" היינו עיר בארמית. „מחסיא" הוא צירוף של שתי תיבות „מחי — מסי". „מחי" היינו הכאה. „מסי" היינו רפואה. כלומר שעל ידי ההכאה שסבלו ממחלת המגפה, באו לידי רפואה היותר גדולה, שהיא תלמוד תורה שהתקין אצלם רב אחא.

## (כג)
## כח הסגולה של ברכות מאיש לרעהו.

פעם אחת באו לעיר צידון תלמודי חכמים גדולים. וכאשר זה היה קודם כלילת רבי אלעזר בן רבי שמעון, אמר לו אביו לרבי אלעזר: „שמע בני! כאשר אתה עומד

---

די סגולה האט גע'פועלט, און די מגפה האט טאקע באלד אויפגעהערט. רב אחא האט געזאגט צו די שטאדט-לייט, זיי זאלען שוין מעהר ניט ארומגעהן מיט פחד, מיט טרויער, ווייל ער האט געהערט דעם בת קול פון הימעל, וואס האט אויסגערופען, אז די קראנקהייט וואס האט געבושעוועט אין שטעדטעל זאל באלד פארשוואונדען ווערען.

ווען רב אחא איז איינגעשלאפען ביינאכט האט מען צו איהם געזאגט אין חלום, אז אזוי ווי ער האט מציל געווען די שטאדט-לייט פון די מגפה, ליגט אויף איהם די פליכט, ער זאל

קודם החתונה, וכשאדם נושא אשה הוא כאילו הולך לעולם חדש, וכאשר נזדמן הדבר שבאו לעיר שלשה תלמודי חכמים גדולי הדור, טוב הדבר שתלך לאכסניא שלהם ותבקש מהם שיברכו אותך." וילך רבי אלעזר אצלם ויציע להם בקשתו וגם כי בקשת אביו היא כך. אבל הם ברכו אותו בברכות כאלה שהיו נראות כמו קללות. וכך אמרו לו:

„יהי רצון, שתזרע ולא תקצור.
תכנים ולא תוציא.
תוציא ולא תכנים.
ביתך יהי שמם ותשב באכסניא.
שלחנך יהי מעורבב בלי סדרים.
ולא תראה שנה חדשה."

רבי אלעזר נשאר עומד משתומם על ברכות כאלה, ובעצב לב נסג אחור מהם. כאשר בא הביתה ברוח נכאה שאל את אביו שתי שאלות: א) „על מה זה ולמה זה שלחתני לאותן תלמודי חכמים שיברכוני ויצערוני על חנם, כי תחת לברך. קללו אותי בקללות נמרצות? ב) למה לי ללכת ולדרוש אחר ברכות מאנשים זרים, האם לא די לי בברכת אבי?"

ויאמר אליו אביו: „תדע בני כי מה שאתה מתרעם על אותן הברכות, שלפי דעתך הן קללות. אמנם לא כן הדבר, כי באמת ברכות הנה אשר יאותו לחתן קודם החתונה. עתה שמע בני ואפרש לך דבריהם. מה שאמרו—תזרע ולא תקצור—פירוש הדברים, שתוליד בנים ולא ימותו בקטנותם. ומה שאמרו — — תכנים ולא תוציא — פירוש, שתכנים כלות לבניך, ולא ימותו בניך בגדלותם, שתצאנה ותשובנה הכלות לבית אביהן. — תוציא ולא תכנים — פירוש שתוציא בנותיך להשיאן לאנשים, ולא ימותו בעליהן שיצטרכו בנותיך לשוב וליכנס לביתך.—ביתך יהי שמם ותשב באכסניא — פירוש, שהמקום הנועד לקברך יהי ריקם ממך, כי תאריך ימים בעולם הזה

ווי דו האלטסט פאר א חתונה, געהסט אויף א נייע וועלט, און גראדע זיינען דא אין שטאדט צוגאסט צוויי גרויסע תלמידי חכמים, איז זעהר גלייך זאלסט געהן צו זיי אין זייער אכסניא, און זאלסט זיי בעטען זאלען דיך בענטשען". ווען רבי אלעזר איז פאר זיי פארגעקומען און האט פאר זיי געזאגט וואס זיין בקשה איז, האבען זיי איהם געזאגט ברכות, וועלכע האבען אויסגעזעהן ווי קללות. זיי האבען צו איהם אזוי געזאגט:

„יהי רצון! דו זאלסט זייען און ניט שניידען.
זאלסט אריינברענגען און ניט ארויסברענגען.
זאלסט ארויסברענגען און ניט אריינברענגען.
דיין הויז זאל זיין לעדיג און זאלסט זיצען אין גאסטהויז.
דיין טיש זאל זיין צומישט אהן ארדענונג.
און זאלסט ניט זעהן קיין נייע יאהר".

רבי אלעזר איז ענטוישט געווארען פון אזעלכע ברכות, און ער האט זיך פון זיי אנידערגעשלאגענער קוים ארויסגערדרעהט. ווען ער איז אהיים געקומען האט ער געפרעגט זיין פאטער צוויי פראגעס: „זאג מיר מיין פאטער! צו וואס האסטו מיך געשיקט צו יענע חכמים זאלען מיך בחנם מצער זיין, ווייל אנשטאט בענטשען האבען זיי מיך נאר געשאלטען. און נאך א פראגע, צו וואס נוצט איינגאנצען פרעמדע ברכות, איז דען דיין ברכה אליין ניט גוט גענוג?"

האט איהם רבי שמעון געענטפערט אויף די ערשטע פראגע: „זאלסט וויסען מיין קינד, אז דאס איז ניט קיין קללות, נאר טאקי ברכות, וועלכע זיינען צוגעפאסט צו א חתן פאר דער חתונה. נעמליך — זאלסט זייען און ניט שניידען — מיינט מען, זאלסט האבען קינדער און זיי זאלען ניט שטארבען קליינערהייט. — זאלסט אריינברענגען און ניט ארויסברענגען — מיינט מען, זאלסט אריינברענגען כלות פאר דיינע זיהן, און דיינע זיהן זאלען ניט שטארבען

שדומה לאכסניא של אדם. — שלחנך יהי מעורבב בלי סדרים— פירוש שישבו על שלחנך ילדים קטנים, בנים ובני בנים, שבשבילם נעשה השלחן מעורבב בלי סדרים. — ושלא תראה שנה חדשה — פירוש שאשתך לא תמות ותאריך ימים עמך, שלא תצטרך לקחת אשה חדשה. אלו הן הברכות שלהם ולא קללות."

ומה שאמרו הברכות בלשון קללות, היה להם בזה כוונה מיוחדת. כי כאשר ידעו שרבי אלעזר הוא בטבעו קפדן שאינו סובל אנשים שמרגיש בהם ערמומית ואינם בעלי אמנה. ואין ספק שבשביל זה יקומו עליו הרבה שונאים אשר ישפכו עליו קללות נמרצות, לכן חשבו וכוונו באותן הברכות בלשון קללות, שכשם שקללותיהם הן ברכות, כן יהפכו הקללות של אחרים עליו על ברכות.

ועל דבר שאלה השניה לאיזה צורך הן ברכות אנשים זרים אף אם הם אוהבים. הלא ענין זה נזכר בתלמוד בכמה מקומות ומובן מכמה מאמרי חז"ל שהקדוש ברוך הוא ברא זה העולם שיתנהג בדרך אהבה ואחדות בין האנשים, שאחד ישמח בשמחת רעהו, והברכות מאיש לרעהו יהיה להן כח לפעול טוב להיותן עזר והתחזקות להמתברך. ולכל לראש תראה לנו ענין זה הקדוש ברוך הוא בכבודו ובעצמו. כמו שאמרו חז"ל שכאשר עלה משה למרום לקבל התורה מצאו לקדוש ברוך הוא שהיה קושר כתרים לאותיות התורה. אמר לו הקדוש ברוך הוא: „משה ! האם אין שלום בעירך?" אמר משה: „כלום יש עבד שנותן שלום לרבו?" אמר לו הקב"ה: „היה לך לעזרני !" מיד

---

גרויסערהייט. — זאָלסט ארויסברענגען און ניט אריינברענגען — מיינט מען, זאָלסט חתונה מאכען דיינע טעכטער, און זייערע מענער זאָלען ניט שטאַרבען, אז די טעכטער זאָלען דאַרפען צוריק קומען צו דיר. — דיין הויז זאָל זיין ליידיג און זאָלסט זיצען אין גאַסט-הויז — מיינט מען, אז דער פּלאַץ ווי עס דאַרף זיין דיין קבר זאָל זיין ליידיג פון דיר, דו זאָלסט מאריך ימים זיין אויף דער וועלט, וואָס איז ניט מעהר ווי א גאַסט-הויז פאַר די מענטשען. — דיין טיש זאָל זיין צומישט אָהן אָרדנונג — מיינט מען, זאָלסט האָבען פיעל קליינע קינדער און אייניקעך־לעך ביים טיש, דורך וועלכע ס'איז שווער צו האַלטען דעם טיש אין אָרדענונג. — זאָלסט ניט זעהן קיין נייע יאָהר — מיינט מען, דיין פרוי זאָל ניט שטאַרבען, זאָלסט דיך מיט איהר עלטערען, זאָלסט ניט ברויכען נעמען אַנ'אַנדערע פרוי. דאָס זיינען די ברכות וואָס די גרויסע לייט האָבען געמיינט, ניט קיין קללות".

און דאָס וואָס זיי האָבען געזאָגט די ברכות פאַרשטעלט אויף קללות, האָבען זיי געהאַט דערביי אַזאַ מיינונג. אזוי ווי זיי איז געווען באַוואוסט אז רבי אלעזר איז א שטרענגער מענש וועט ער דורך דעם געוויס קריגען פיעל שונאים, וואָס זיי וועלען איהם שעלטען, האָבען זיי מיט די פאַרשטעלטע ברכות געמיינט נאָך א ברכה, אז אזוי ווי זייערע קללות ווערען פאַרקעהרט אויף ברכות, אזוי אויך די קללות וואָס אנדערע וועלען איהם שטעלען, זאָלען אויך פאַרקעהרט ווערען אויף ברכות.

ווייטער וועגען די צווייטע פראַגע, צו וואָס טויג דאָס ווינשען און בענטשען פון אנדערע מענשען. די פראַגע ווערט באַהאַנדעלט אין תלמוד אויף פיעל ערטער. עס ווערט פאַרשטאַנען, אז דער אויבערשטער האָט באַשאַפען די וועלט זאָל זיך פיהרען מיט אַן אָרדענונג פון אחדות צווישען מענשען, און אז דאָס בענטשען און ווינשען פון גוטע פריינד זאָל האָבען א ווירקונג צום גוטען. צום ערשטען האָט דאָס דער אויבערשטער באַוויזען ביי זיך זעלבסט אזוי ווי דער תלמוד דערצעהלט, אז ווען משה רבנו איז אַרויפגעקומען אויפ'ן הימעל מקבל זיין די תורה, האָט ער געטראָפען דעם אויבערשטען זיצען און שרייבען א ספר תורה און האָט געמאַכט קרוינדלעך אויף די אותיות. האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה: „פאַרוואָס ווינשסטו

אמר לו משה: „ועתה יגדל נא כח השם יתברך". זאת אומרת, כי האמנם שאין הקב"ה צריך לעזרת אחר, מכל מקום הראה בזה כי רצונו שהעולם יתנהג בדרך אהבה ואחדות, ושהמברך יהיה בכח לחזק ולאמץ את המתברך אוהבו. וכן עשה בועז כשבא אל הקוצרים בשדהו, היה מברכם ואמר להם: „יהי השם יתברך עמכם."

(כד)

נצחון הרוח, ששכן על המים, על ידי ברכות אנשי העיר

עוד יותר נצרך לדעת. כי לא רק באנשים בלבד יש כח לברכות שמברך איש לרעהו, כי אם גם אצל רוחות תוכל ברכת אנשים לעזור להם. כמו שמורה לנו ספור נפלא הזה המובא במדרש. מעשה בחכם אחד מחכמי ישראל, אבא יוסי שמו, שהיה דר בעיר „ציתור". והיה דרכו ביום צח וחם לשבת וללמוד בחוץ לפני הנהר שאצל העיר. והנה פעם אחת כאשר ישב שם אבא יוסי ולמד תורה התראה פתאם לפניו רוח אחד, אשר מכמה שנים היה משכנו על אותו הנהר שאצל העיר, ויאמר הרוח אל אבא יוסי: „אתה חכם העיר, עליך לדעת שמקום משכני הוא כאן על נהר הזה כמה וכמה שנים, ואתם אנשי העיר גם הנשים והטף תצאו ותבאו לטייל על שפת הנהר בבקר ובערב, ומעולם לא עשיתי נזק וצער לאחד מכם. ועתה תדעו שהתחיל לבא לכאן רוח אחר, שהוא רוח רע, רוח זועם אכזרי אשר ישאף רק להזיק לאנשים, והוא רוצה לגרש אותי ולהתישב במקומי". וישאלהו אבא יוסי, מה הוא רוצה ממנו, ואם יש לו איזו עצה לזה. ויענהו הרוח: „תדעו כלכם שיש עצה לזה, ואני מבקש לטובתכם שכל אנשי העיר יהיו בעזרתי. וכך היא עצתי. למחר בבקר השכם בשעת נץ החמה נועד להיות מלחמת אגרוף בינינו,

---

מיר ניט, איך זאָל מצליח זיין אין דיזע ארבייט?" מיט דעם האָט דער אויבערשטער באוויזען אז אַבוואָהל ער דאַרף טאַקי ניט קיינעמס הילף, אָבער מיט דעם האָט ער געוויזען, אז ער וויל דאָס די וועלט זאָל זיך פיהרען מיט אן אָרדענונג פון אחדות. און אַזוי זעהן מיר אויך ווען בועז איז צוגעקומען צו זיין פעלד, וואו די שניטערס האָבען געשניטען תבואה, האָט ער זיי געווינשען, אז דער אויבערשטער זאָל זיי געבען כח און קראַפט צו דער ארבייט.

(24)

דער וואונדערליכער נצחון פון א וואסער־גייסט דורך ווינשען און בענטשען.

נאָך מעהר איז כדאי צו וויסען, אז ניט נאָר ביי מענשען האָט בענטשען און ווינשען א גוטע ווירקונג, נאָר זאָגאר ביי גייסטער ווירקט אויך בענטשען און ווינשען. אַזוי ווי עס האָט אַמאָהל פּאַסירט א וואונדערליכע געשיכטע ביי דעם חכם „אבא יוסי", וואָס האָט געוואָהנט אין „ציתור". ער פלעגט זומער צייט זיצען און לערנען אין דרויסען נעבען דעם שטאָדט־טייך. האָט אַמאָהל פאַר איהם פּלוצלינג ערשיינט א גייסט, וועלכער האָט פון לאַנגע יאָהרען געהאַט זיין רוהענג ביי דעם טייך. האָט דער גייסט געזאָגט צו „אבא יוסי": איהר דאַרפט וויסען אז מיין מקום מנוחה איז דאָ ביי דיזען טייך שוין פיעל יאָהרען, און איהר אלע פון קליין ביז נרויס שפּאַצירט דאָ אימער ביים טייך, סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט, און איך האָב קיינעם קיין שלעכטס געטהון. אַצינד זאָלט איהר וויסען, אז א בייזער גייסט, וועלכער האָט ליעב מזיק צו זיין מענשען, וויל מיך פאַריאַגען פון דאַנעט, און ער וויל דאָ פאַרנעמען מיין פּלאַץ". האָט איהם „אבא יוסי" געפרעגט, וואָס ער פאַרלאַנגט, און צו האָט ער עפּעס אן עצה דערצו. דער גייסט האָט איהם אַזוי געענטפערט: „איך האָב געוויס אן עצה דערצו, און איך פאַרלאַנג

ומי שיכניע את השני ויכריעהו תחתיו הוא יהיה המנצח. ולכן בקשתי שכל אנשי העיר יבאו הנה בשעה ההיא עם מקלות ומגרופות ועם טסי פח וברזל. ותשימו עין היטב להסתכל על הנהר במקום הזה. וכאשר אך תראו שהמים במקום הזה יתגלגלו ויתערבבו להעשות כמרקחה, אז יתחילו כל אנשי העיר הנאספים כאן להקיש ברעש על טסי פח וברזל אשר בידם ויצעקו לאמר: „אנחנו כלנו חפצים ומברכים את הרוח הזקן שבכאן מכבר שהוא ינצח ! והוא ינצח!“ כן יזעקו כלם בפה אחד, יזעקו ויקושו וירעשו עד שיראו טפות דם וכתם אדום על המים. ועל ידי צעקת ברכתכם ורצונכם תעזרוני שיהיה לי הנצחון.“

אבא יוסי הבטיח להרוח שכן יעשה. ויאסף אבא יוסי כל אנשי המקום ויספר להם דברי הרוח ויזרזם ויעוררם שכן יעשו. ויהי בבקר השכם ויתאספו כל אנשי העיר למקום ההוא על שפת הנהר עם מקלות ומגרפות וטסי פח וברזל ויסתכלו היטב על הנהר. וכאשר אך ראו ערבוב וגלגל המים התחילו כלם להקש ולזעק : „רצוננו וברכתנו שהרוח הזקן שבכאן מכבר הוא ינצח ! והוא ינצח!“ כך זעקו ורעשו עד שראו כתם אדום על המים מן טפות דם במקום הערבוב, אז הלכו לביתם טובי לב. מכל זה יש לראות, שאם הרוחות יכולים לקבל עזרה מן רצון וברכה של אנשים, מכל שכן שיוכלו לפעול לטוב הברכות מאיש לרעהו שהם ידידים ואוהבים זה לזה. ובפרט בשעת עשיית שמחה, שהברכות הנאמרות בכל לב ונפש בודאי יש להן כח להפוך מרעה לטובה ומן קללה לברכה.

---

אז די שטאָדט־לייט זאָלען מיר זיין באהילפיג אין דעם. די עצה באשטעהט אין דעם. צו־מאָרגענס באלד אין דער פריה ווען די זון געהט אויף דאַרף פאָרקומען צווישען אונזביידע א מלחמה. פארלאנג איך, אז אלע מענשען פון שטאָדט זאָלען דאָ אהערקומען מיט שטעקענעס אָדער גראַצעס און מיט אייזערנע און בלעכענע טאצען, און זאָלען גוט אכטונג טהון אויפ'ן וואסער אויף דיזען פּלאַץ, און אזוי ווי זיי װעלען זעהן אז דאָס וואסער הויבט זיך אָן דרעהען אזוי ווי א ראָד, דאַן זאָלען אלע מענשען אָנהויבען קלאַפּען אויף די אייזערנע און בלעכענע טאצען וואָס זיי האלטען אין די הענד, און זאָלען שרייען: „מיר ווינשען אז אונזער אלטער גייסט זאָל מנצח זיין! אונזער גייסט זאָל מנצח זיין!“ און זאָלען ניט אוועקגעהן ביז זיי וועלען זעהן אזוי ווי א בלוט פלעק אויפ'ן וואסער“.

אבא יוסי האָט גזעהן אז דער פארלאנג פון אלטען גייסט זאָל דערפולט ווערען. און פונקט צו דער באשטימטער צייט איז פאָרגעקומען די מלחמה, אזוי ווי א דועל צווישען די צוויי גייסטער. באלד איז געוואָרען א געקלאַפּעריי און א געפּאטשעריי פון אלע מענשען מיט אויסגעשרייען: „מיר ווינשען אז נאָר אונזער גייסט זאָל מנצח זיין! אונזערע, נאָר אונ־זערע זאָל מנצח זיין!“ אזוי האָבען זיי געשריגען ביז זיי האָבען דערזעהן אויפ'ן וואסער א בלוט פלעק, דאַן זיינען זיי אהיים געגאנגען בארוהיגט. פון דעם אלעם קאָן מען פארשטעהן, אז אויב דאָס ווינשען און בענטשען קען העלפען אפילו צו גייסטער, מכל שכן דאָס ווינשען און בענטשען פון גוטע פריינד ביי א שמחה, צו ביי אנ'אנדער געלעגענהייט האָט געוויס א גרויסע ווערדע, און עס קאָן אמאָהל פאַרקעהרען פון שלעכטס אויף גוטס, פון קללה אויף ברכה.

(כח)

## אם רעב שונאך האכילהו לחם.

רבי אבא, אחד מן החברייא קדישא שחברו את הזהר הקדוש, ואשר חלק גדול מן ספר הזהר נכתב על ידו, סיפר זה המעשה. פעם אחת כאשר הוא רבי אבא היה מטייל בשדה סמוך לעיר „לוד" ראה לאיש אחד שבא מן הדרך. וכאשר זה האיש היה עיף מן הדרך, ישב לנוח מעט בצל שתחת עץ גדול. נפל עליו חבלי שינה ושכב עצמו על גבעה קטנה ויישן. אז ראה רבי אבא שנחש זוחל ומתקרב אצל איש ההוא כדי לנשכו. בתוך כך נפל סבך עב וכבד מן העץ על הנחש ויהרגהו. והאיש ניצל ממיתה ודאית על ידי נס מן השמים. והנה אחר כך קם האיש משנתו והתחיל ללכת הלאה איזה צעדים, אז נקרעה אותה הגבעה ממקומה ונפלה לעמק עמוק. ונעשה לו נס שני. כי אם נקרעה הגבעה בעת ששכב עליה האיש, היה נהרג בלתי ספק.

ויתפלא רבי אבא על אותן שני הנסים שנעשו לאיש ההוא. ויגש אליו וירא כי הוא יהודי, וישאלהו, „אמור לי, מה המה מעשים הטובים שבשבילם נעשה לך מן השמים שני נסים גדולים שתנצל ממיתה ודאית. אני מבין שלא לחנם נעשו לך אותן הנסים ?" ויענהו האיש : „מנהגי ודרכי כך הוא. אם איזה איש עשה ריב עמדי והרע לי באיזו עולה, אני משתדל בכל כחי שאתפיים עמו, ואני מוחל לו על העולה שעשה לי. ואם הוא אינו רוצה להתפיים עמדי, גם כן אני מוחל לו קודם שאני הולך לישן, וכן אני מוחל בכל לילה

(25)

א מענש טאָהר זיך ניט נוקם זיין אין א שונא, וואָס האָט איהם שלעכטס געטהון. נאָך בעסער איז, מען זאָל איהם נאָך גאָר טובות טהון, אזוי ווי שלמה המלך זאָגט: „אם רעב שונאך האכילהו לחם", אויב דיין שונא איז הונגעריג, גיב איהם ברויט.

רבי אבא, איינער פון די „חברייא קדישא" וואָס האָבען מחבר געווען דעם זוהר הקדוש, און וואָס א גרויסער טהייל פון זוהר איז דורך איהם אויפגעשריבען געוואָרען, האָט דערצעהלט, אז ער איז אמאָהל געזעסען נעבען די שטאָדט לוד, האָט ער געזעהן אז א מענש איז אָנגעקומען פון וועג. ער איז געווען מיעד פון וועג, האָט ער זיך אנידערגעזעצט אָברוהען אויף א בערגעל ערד נעבען א בוים, און איז דאָרט אנטשלאָפען געוואָרען. דאן האָט רבי אבא דערזעהן אז א שלאַנג קריכט צו נאָהענט צו דעם שלאָפענדיגען מענש, ער זאָל איהם א בים טהון. אזוי ווי דער שלאַנג איז צוגעקומען אונטער'ן בוים איז אראָפּגעפאַלען פון בוים א גראָב שטיק צווייג אויפ'ן שלאַנג, וועלכעס האָט איהם דערהרג'עט, און דער מענש איז ניצל געוואָרען. דערנאָך ווייטער ווען דער מענש איז אויפגעקומען פון שלאָף און האָט אַנגעהויבען אוועקגעהן פון דעם פלאַץ, האָט זיך דאָס זעלבע בערגעל ערד אָבגעריסען, און איז אראָבגעפאַלען אין א טיעפען טהאָל אריין, און דעם מענש האָט עס גאָר נישט געשאַדעט.

רבי אבא, צוזעהענדיג די צוויי נסים וואָס האָט פּאַסירט ביי דעם מאַן, איז ער צוגעגאַנגען צו דעם מענש און האָט איהם געפרעגט: „זאָג מיר, וואָס פאַר גוטע מעשים האָסטו וואָס דער אויבערשטער האָט דאָ דיר צוויי מאָהל גרויסע נסים געטהון, איך פאַרשטעה אז דאָס איז זיבער נים בחנם". דער מאַן האָט איהם אזוי געענטפערט: „מיין מנהג איז, אז ווער עס קריעגט זיך מיט מיר, און האָט מיר שלעכטס געטהון, פּאַרלענ איך א כח איך זאָל זיך מיט איהם איי־בערבעטען, איך בין איהם מוחל דאָס שלעכטס וואָס ער האָט מיר געטהון. און אויב איך קען זיך מיט איהם נים איבערבעטען, בין איך איהם סיי ווי מוחל איידער איך לעג זיך בייגאַכט

לְכל מי שגרם לי צער. ועוד יותר, אם אך יש ביכולתי לעשות להם טובות, אני שוכח לגמרי מה שהרע לי, ואני משתדל בכָל כחי לגמול לו טובה תחת רעה." ויאמר אליו רַבי אבא: „אם כן, הלא יש לך המדה של יוסף הצדיק. ועתה אני מבין שבאמת יש לך זכות גדול שבשבולו ניצלת שני פעמים ממיתה ודאית, ולא לחנם חסו עליך מן השמים."

(כו)

רבי יוסי הגלילי נתמלא רחמים על גרושתו, לגמול לה טובה תחת רעה.

רבי יוסי הגלילי היה לו אשת רעה שהיתה מבזה אותו לפני התלמודים שלו. אמרו לו תלמודיו: „רבנו, מוטב שתגרש אשה רעה הזאת שאינה לפי כבודך!" אמר להם: „ומה אעשה, שכתובתה מרובה ואין ביכולתי לגרשה ולשלם לה כתובתה. פעם אחת היה רבי יוסי ורבי אלעזר בן עזריה יושבים ומחזרים על לימודם. אמר לו רבי יוסי לרבי אלעזר: „מבקשך אני שתבוא אל ביתי לסעוד עמי". נתרצה רבי אלעזר והלך עמו. כאשר באו לבית רבי יוסי ואשתו ראתה שאף גם אורח תביא עמו, נפלו פניה והתחילה לצאת החוצה. וירא רבי יוסי באיזה מקום מן הצד שעמדה קדרה עם מאכל. קרא לאשתו ושאל אותה, איזה מאכל נמצא שם באותה הקדרה. אמרה לו שיש בה קטנית. וזה מאכל שלא היה יכול רבי יוסי לאכול. היא חשבה שיאמין לה ולא יטריח עצמו ללכת לראות מה שנמצא בקדרה. אבל רבי יוסי שהכיר דבריה לא האמין לה והלך לבדוק את הקדרה ומצא בה פרגיות. שמח רבי יוסי ואמר לרבי אלעזר: „האח ! מעשה נסים

---

שלאָפען, און אויך אַלע וואָס זיינען מיך מצער בין איך מוחל. און נאָך מעהר, אויב איך קען נאָר זיי טהון עפּעס טובות, פארגעס איך זייער שלעכטס קעגען מיר, און איך פארלעג א כח צו טהון זיי טובות". האָט רבי אבא צו איהם געזאָגט: „אויב אזוי האָסטו די מדה פון יוסף הצדיק, פארשטעה איך שוין וואָס פאר א גרויסען זכות דו האָסט, דורך וועלכען דו ביזט דאָ צוויי מאָהל ניצל געוואָרען פון א זיכערען טוידט".

(26)

אזוי האָט אויך רבי יוסי הגלילי געטהון מיט זיין גרושה.
אָבגעגעבען גוטס פאר שלעכטס.

דער תנא רבי יוסי הגלילי האָט געהאַט א שלעכטע פרוי, זיין שוועסטער'ס א טאָכטער. זי פלעגט איהם אַלע טאָג מבזה זיין פאר זיינע תלמידים. האָבען די תלמידים געבעטען רבי יוסי ער זאָל זי אָב'גט'ן. האָט רבי יוסי געזאָגט, אז ער האָט קיין עצה ניט, ווייל זי האָט פון איהם א גרויסע כתובה, און ער האָט ניט אזוי פיעל געלד. האָט אמאָהל פּאַסירט, אז רבי יוסי הגלילי מיט זיין חבר רבי אלעזר בן עזריה האָבען צוזאַמען איבערגעחזר'ט דאָס לערנען. האָט רבי יוסי פארבעטען רבי אלעזר'ן ער זאָל ביי איהם עסען א מאָהלצייט. ווען זייביידע זיינען אריינגעקומען אין הויז, האָט די פרוי פון רבי יוסי אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט אָנגעהויבען ארויסגעהן. האָט רבי יוסי זי געפרעגט, וואָס פאר א מאכל איז דאָרט דאָ אין יענעם טעפּעל, און זי האָט געענטפערט אז דאָרט איז דאָ ארבעס. פונקט דאָס וואָס רבי יוסי האָט ניט געגליכען. זי האָט גערעכענט, אז דער מאַן וועט איהר גלויבען, און ער וועט גאָר ניט צוגעהן א קוק טהון. אָבער רבי יוסי האָט זיך ניט געפוילט און איז צוגעגאַנגען זעהן וואָס געפינט זיך אין טעפּעל, האָט ער דאָרט גאָר געפונען קרעפּלעך. די צוויי חברים האָבען זיך געזעצט עסען. פרעגט רבי אלעזר צו רבי יוסי: „איך האָב דאָך געהערט וואָס דיין פרוי

נעשה לנו ! מן קטנית נעשה פרגיות" וישבו לאכול.

לאחר שאכלו אמר רבי אלעזר לרבי יוסי : „עתה אני רואה ומבין השלום בית שלך, כמדומה לי שבאה העת לגרשה. כי האשה הזאת אינה לפי כבודך". אמר לו רבי יוסי: „ומה אעשה שכתובתה מרובה, ואין ביכולתי לשלם לה כתובתה". אמר לו רבי אלעזר: „עלי הדבר שיהיה לך ממון לשלם לה כתובתה." וכן נעשה, שגירשה רבי יוסי ושלמו לה כתובתה. אחר כך השיאו לו אשה אחרת לפי כבודו.

גרמו עונות אשה הגרושה ונשאית לשומר העיר. לאחר זמן נחלה בעלה ונעשה סגי נהור. היתה אשתו מנהגת אותו בעיר לחזור על הפתחים שירחמו עליו זה בפרוטה וזה בלחם. והיתה מנהגת אותו בכל הרחובות, מלבד בהרחוב שדר בו רבי יוסי. אבל בעלה כיון שהיה שומר העיר היה מכיר היטב רחובות העיר והבין שאשתו מחסרת אותו הרחוב. וישאל אותה, מדוע אינה מנהגת אותו ברחוב של רבי יוסי, הלא הוא מפורסם לאיש טוב ובעל צדקה. אמרה לו, שהיא גרושתו ומתביישת לראות פניו. אבל זה התירוץ לא הועיל לה על זמן ארוך, כי בעלה פקד.עליה קשה, שתנהיגהו באותו הרחוב. ויהי היום שהנהיגה אותו סמוך לרחוב של רבי יוסי, וחפצה לפסוח על אותו הרחוב. והעור הכיר בדבר, ויריבו זה את זו עד שהגיע הדבר למהלומות. ותזעק האשה מרה, ונאספו הרבה אנשים ונשים לקולה. כאשר ראה רבי יוסי שאנשים רצים ברחוב, יצא גם הוא לראות מה קרה בעירו. וירא

---

האט געזאגט, אז אין דעם טעפעל איז דא ארבעס, צום סוף איז דאס גאר קרעפלעך! ווי אזוי איז דאס עפעס געשעהן?" האט רבי יוסי געענטפערט: „נו מילא לאז מען אננעמען אז דאס איז מעשה נסים". פון דעם האט שוין רבי אלעזר גאנץ גוט פארשטאנען, וואס פאר א שלום בית דארט איז דא.

נאך די סעודה האט רבי אלעזר געזאגט צו רבי יוסי: „איך זעה שוין וואס פאר א סחורה דו האסט דיר איינגעהאנדעלט פאר א ווייב, די גלייכסטע זאך איז זאלסט זי אבגט'ן". רבי יוסי האט ווידער דאס זעלבע געענטפערט, אז איהר כתובה איז גרויס און אז ער האט ניט אזוי פיעל געלד. נאכדעם האט רבי אלעזר פארלעגט א כח צו שאפען די סומע געלד פון איהר כתובה, און דער גט איז אדורכגעפיהרט געווארען. רבי יוסי האט באלד חתונה געהאט מיט א פרוי וואס איז פאסיג פאר איהם.

די גרושה איז געשטראפט געווארען אז זי האט גאר חתונה געהאט מיט דעם היטער פון שטאדט. אין א קורצע צייט איז דער היטער בלינד געווארען, און די פרוי האט געמוזט איהם פיהרען איבער די הייזער, יעדער זאל זיי עפעס שענקען. די פרוי האט זיך געשעהמט און האט ניט געוואלט פיהרען דעם בלינדען מאן אין דער גאס וואו רבי יוסי האט געוואהנט. דער בלינדער האט אבער געשפירט אז די פרוי טהוט אויסמיידען די גאס, האט ער אלעמאהל געפרעגט, פאר וואס זי פיהרט איהם ניט אין דער גאס וואו רבי יוסי וואהנט, ס'איז דאך באוואוסט אז רבי יוסי איז א בעל צדקה. די פרוי האט אין אנהויב געזאגט אלע מאהל אנדערע תירוצים, אבער דערנאך האט זי געמוזט זאגען דעם אמת, אז זי איז א גרושה פון רבי יוסי, שעהמט זי זיך אדורך צו געהן די גאס. דער בלינדער האט אבער אלע מאהל שטארקער געפאדערט פון איהר, זי זאל איהם אריינפיהרען אין דער גאס פון רבי יוסי, ביז וואנעט עס האט זיך געמאכט אמאהל, ווען זי האט ניט געוואלט איהם פיהרען אין דער גאס, האט ער זי אנגעהויבען שלאגען. עס האט זיך געמאכט א גרויס געשריי, מענשען זיינען זיך צוזאמען געלאפען. דאס געשריי האט געגרייכט צו רבי יוסי, און ער איז געוואהר געווארען וואס דארט איז פארגעקומען. דאן האט רבי יוסי רחמנות באקומען אויף זיין גרושה. ער האט זיי אריינ־

בזיונה של גרושתו ברחובות קריה, וירחם עליה. לקח אותם והושיבם בבית אחד ושלח להם על פרנסה כל ימי חייהם. לקיים מה שנאמר ומבשרך לא תתעלם. וכתוב אם רעב שונאך האכילהו לחם.

## (כז)
## על ידי רחמנות כזאת באה ישועה של מטר.

פעם אחת בימיו של רבי תנחומא. היו צריכים ישראל לישועת המטר. באו אנשי העיר אל רבי תנחומא ואמרו אליו: „רבי! גזור תענית ונתפלל שירד מטר". גזר רבי תנחומא תענית פעם ראשונה ושניה ולא ירדו גשמים. פעם שלישית עמד ודרש ואמר, שכל אחד מאנשי העיר ילך ויחפש לעשות מצוה של רחמנות, צדקה או גמילת חסד או הכנסת כלה. היה שם איש אחד שלקח בידו צרור כספו מה שהיה לו בביתו, ויצא לשוק לעשות בהם מצות ולחלק צדקת לעניים. פגעה בו גרושתו שהיתה במצב חשוך, וביקשה ממנו לעשות בה מצוה לרחם עליה וליתן לה נדבה, ואמרה לו שמיום שנתגרשה מביתו לא ראתה טוב וסובלת רעב. כשראה אותה האיש בצרה גדולה ערומה ויחפה לבושה בסמרטוטין, נתמלא עליה רחמים ונתן לה צדקה, על שם הכתוב ומבשרך לא תתעלם.

איש אחר, שהיה מכיר בהם שזה הוא מגרש עם גרושתו, ראה מרחוק מה שנעשה, וירץ לרבי תנחומא בצעקה, שעבירה גדולה בעיר, כי ראה בעיניו איך שזה המגרש נתן ממון לגרושתו. ובלתי ספק שאין זה כי אם שחשוד

---

געזעצט אין א דירה און האט זיי מפרנס געווען. זאלען שוין מעהר ניט ברויבען נעהן איבער די טהירען. רבי יוסי האט מיט דעם רחמנות מקיים געווען דעם פסוק „ומבשרך לא תתעלם". און אויך דעם פסוק „אם רעב שונאך האכילהו לחם".

## (27)
## דורך אזא רחמנות איז געקומען א ישועה פון רעגען.

אין דער צייט פון רבי תנחומא האבען אידען באדארפט געהאלפען ווערען מיט רעגען. זייגען זיי געקומען צו רבי תנחומא ער זאל גוזר תענית זיין און זאל מתפלל זיין אויף רעגען. רבי תנחומא האט צוויי מאהל גוזר תענית, און קיין רעגען איז נאך אלץ ניט געקומען. ביים דריטען מאהל האט רבי תנחומא געזאגט א דרשה, אז יעדער איד זאל זובען מקיים צו זיין עפעס א מצוה פון צדקה און גמילת חסד, אדער הכנסת כלה. האט זיך דארט געפונען א מאן, וואס האט צוזאמען גענומען זיין ביסעל געלד, און איז ארוים אין גאס, דאס איינצוטיילען אויף צדקה אדער גמילת חסד. אין גאס האט איהם באגעגענט זיין גרושה, זעהר אין א ארימען בעשטאנד, און זי האט איהם געבעטען, ער זאל זיך דערבארעמען אויף איהר און איהר עפעס שיינקען, ווייל זינט זי איז ארוים פון זיין הויז ליידעט זי הונגער און נויט. דער מאן האט באמערקט איהר ביטערע לאגע, האט ער רחמנות באקומען אויף איהר און האט איהר צדקה געגעבען, מקיים צו זיין דעם פסוק „ומבשרך לא תתעלם".

א פרעמדער מאן, וואס האט געוואוסט, אז די פרוי איז זיין גרושה, איז גרארע דאמאלסט געשטאנען פון ווייטענס, און האט דאס צוגעקוקט. דער פרעמדער מאן איז באלד געלאפען צו רבי תנחומא מיט א געוואלד, אז ער האט אליין געזעהן ווי דער מאן האט געגעבען געלד זיין גרושה, איז געווים ניט אנדערש נאר זיי זיינען בעלי עבירות, און דאדורך וויל זיך דער אויבערשטער ניט מרחם זיין אויף אונז. רבי תנחומא האט געשיקט רופען דעם מאן און האט איהם אנגעהויבען מוסר'ן: „היתכן! מיר אידען געפינען זיך היינט אין אזא עת צרה, וואס

לעבירה, וכשביל זה נעצר המטר. וישלח רבי תנחומא לקרוא לאיש ההוא ויוכיח אותו ויאמר לו: „בני! האינך יודע שהעולם בצער, כל היהודים מתענים ומתפללים ומחפשים לעשות מצות, ואתה תחפש לעשות עבירות, שדברת עם גרושתך בסתר ונתת לה ממון, היתכן ! כי אם לא שחשוד אתה לעבירה לא היית נותן לה ממון". אמר לו איש ההוא: „חס ושלום ! לא עלתה על דעתי עבירה, אבל הלא כתוב בתורה ומבשרך לא תתעלם. אמת הדבר כי גם אני יצאתי לשוק לחפש לעשות מצות בממוני, ופגעה בי גרושתי ובקשה ממני צדקה, ואמרה כי מיום שיצאה מביתי עוד לא ראתה טוב, וכיון שראיתיה ערומה ויחפה ובצרה גדולה. נתמלאתי עליה רחמים ונתתי לה צדקת, לקיים הכתוב ומבשרך לא תתעלם". באותה שעה נשא רבי תנחומא פניו לשמים ואמר לפני הקדוש ברוך הוא : „רבונו של עולם ! מה אם זה שהוא בשר ודם ואכזרי, ולא היו עליו מזונותיה נתמלא עליה רחמים ונתן לה. אנו שאנחנו בניך בני אברהם יצחק ויעקב, ומזונותינו עליך, על אחת כמה וכמה שתתמלא עלינו רחמים". תפלת רבי תנחומא באה לפני כסא הכבוד, ומיד ירדו גשמים ונתרוה העולם.

## (כח)
## האיש עם שרביט הזהב במערה אצל הכניסה לגן עדן.

מעשה שהלכו רבי אלעזר ב"ר שמעון ורבי אבא מטבריא לצפרי. כשהיו בדרך פגע בהם חבר אחד, ושמו יועזר בן יעקב, והיו מדברים בדברי תורה בדרך כמנהגם תמיד. הענין שהיו עוסקים בו הוא בדבר הרוח של אדם, אשר לאחר מותו הולך הרוח

---

מען דארף מתפלל זיין און מצות טהון, און דו נעהסט נאר עבירות טהון! ווייל אויב ניט צוליעב אן עבירה, צו וואס האסטו געדארפט דיין גרושה נעלד געבען?". דער מאן האט נעענטפערט, אז ער האט חלילה ניט נעדענקט קיין שום שלעכטס צו טהון, נאר אזוי ווי ער האט זי געטראפען אין א פינסטערען בעשטאנד, און זי האט ביי איהם נעבעטען א נדבה, האט ער באקומען רחמנות אויף איהר, און האט מקיים נעווען דעם פסוק „ומבשרך לא תתעלם".

דאן האט רבי תנחומא מיט טרעהרען אין די אויגען אויפגעהויבען זיינע הענד צום הימעל און האט נעזאגט: „רבונו של עולם! מה דאך דער מאן, וואס איז נאר א בשר ודם, פול מיט כעס און שנאה, און ער איז ניט מחויב על פי דין צו שפייזען זיין גרושה, פון דעסטוועגען האט ער זיך מרחם נעווען איבער איהר, און האט איהר צדקה נענעבען, זאל האבען צו עסען; מכל שכן נאך דו, וואס דו ביזט דאך א מלך רחום וחנון, און מיר זיינען דאך דיינע קינדער, אייניקלעך פון אברהם יצחק ויעקב, וואס דו ביזט דאך מחויב אונז צו שפייזען, דארפסטו דאך געוויס טהון מיט אונז צדקה, זאלסט דיך מרחם זיין איבער אונז צו שיקען רעגען, מיר זאלען ניט ליידען הונגער!" די ווערטער פון רבי תנחומא האבען דעם הימעל נעשפאלטען, עס איז באלד אנגעקומען דער נעהעריגער רעגען, און אידען זיינען דערפרעהט נעווארען.

## (28)
## דער מאן מיט א גאלדענע ריט ביים אריינגאנג אין גן עדן התחתון, דורך א הייל אין דער מדבר.

מעשה שהיה כך היה. בעיר „לוד" ישבו שני אחים ממשפחה חשובה ומיוחסת. אחד מהם הצליח בנכסים ונעשה עשיר גדול. השני לא הצליח והיה עני גדול. אבל בענין בנים היה להיפוך. העשיר לא היו לו בנים כי אם בת יחידה צנועה ומשכלת. והעני נתקיים בו הכתוב „כאשר יענו אותו כן ירבה" והיו לו הרבה בנים ובנות. והנה בן הבכור של העני היה בחור טוב מתמיד בתורה, ומושלם בכל המעלות, וחכם גם בחכמות אחרות. תורה למד בהישיבה של רבי חגי. ויאהב אותו רבי חגי יותר מכל בני הישיבה. וכאשר הכיר רבי חגי באותו התלמיד שהוא סובל חרפת רעב אצל אביו העני, קרא אצלו את הדוד העשיר, ופעל אצלו שיתן לאותו התלמיד בן אחיו בכל יום סעודת צהרים לאכול בביתו. וכאשר לפעמים נפגשו יחדו לעת האוכל דוד העשיר עם אותו התלמיד אהב העשיר ליכנס עמו בדברים, הן בדברי תורה והן מעניני הנהגת העולם ושאר חכמות, והיה שבע רצון מזה, כי ראה שזה התלמיד הוא כלי מפואר ובקי בתורה ובכל עניני העולם. האמנם שלא פעם

---

רבי יצחק, איך האָב זיך אצינד דערמאָנט א וואונדערליכע מעשה, וואָס דער ראש ישיבת רבי חגי האָט אמאָהל דערצעהלט וועגען א זיווג מן השמים.

אין שטאָדט „לוד" זיינען אמאָהל געווען צוויי ברידער פון א חשוב'ער משפחה. איינער איז געווען א רייכער מאַן, און דער צווייטער איז געווען אַן אָרימאַן. דער עושר האָט ניט געהאַט קיין קינדער אויסער א בת יחידה א צנועה און א משכלת וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אָבער דער אָרימאַן האָט געהאַט גענוג זיהן מיט טעכטער. דער עלטסטער זוהן ביי דעם אָרימאַן איז געווען זעהר א גוטער בחור א מתמיד בתורה און אויך א מושלם אין אנדערע חכמות. תורה האָט ער געלערענט ביי רבי חגי אין זיין ישיבה. און אזוי ווי רבי חגי האָט דערקענט אַז דער בחור ליידט נויט און הונגער ביי זיין פאָטער, האָט ער גע'פועל'ט אַז דער בחור זאָל אַלע טאָג עסען איין מאָהלצייט ביי דעם רייכען פעטער. ווען דער בחור פלעגט טרעפען דעם רייכען פעטער אין שטוב, האָט דער פעטער א הנאה געהאַט מיט איהם צו ריידען, און אזוי ווי ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער בחור איז א טייערע כלי, איז איהם ניט איינמאָהל איינגע-פאַלען אין געדאַנק, אַז דער בחור וואָלט געווען דער פאַסענדסטער חתן פאַר זיין טאָכטער. ער האָט שוין אפילו געמאַכט א שמועס מיט זיין פרוי וועגען דעם. אָבער אזוי ווי דער פסוק זאָגט „חכמת המוסכן בזויה" דעם אָרימאַנ'ס חכמה האָט קיין חשיבת ניט, האָט זיין פרוי נאָך ניט געוואָלט הערען דערפון, און זי האָט זיך נאָך אויף איהם אָנגעבייזערט פאַר אַזאַ איינפאַל

אחת עלתה על דעתו כי זה התלמיד ראוי לקחת אותו לחתן עבור בתו היחידה. וגם כי פעם אחת ניסה לדבר עם אשתו אדות הנכבדות הזאת. אמנם הלא כתוב „חכמת המסכן בזויה". לא חפצה אשתו לשמוע מזה. ועוד כעסת על בעלה לאמר: היתכן לחשוב כזאת לקחת ישיבה בחור עני לחתן עבור בתה המלומדת והמשכלת!

ויען כי ראש הישיבה רבי חגי היה מחשיב מאד את התלמיד הזה ואהב אותו מאד, כאשר נודע לו שדודו העשיר יש לו בת יחידה צנועה ומלומדת, וצפה ברוח הקודש שהוכרז בשמים, שזאת בת היחידה היא זוגו של אותו התלמיד בן דודה, לכן חפץ ראש הישיבה רבי חגי למהר ולגמור הדבר לטובת תלמידו אהובו, שיכתבו תנאים שני האחים, ולא יצטרך עוד זה התלמיד לאכול נהמא דכסופא אצל דודו העשיר. וישלח רבי חגי עוד הפעם לקרוא אליו את האח העשיר, ויציע לפניו לקחת את בן אחיו לחתן עבור בתו. ויענהו העשיר, כי האמנם שגם הוא עלה על מחשבתו כך, והוא מצדו היה מרוצה לזה, אבל אשתו שכבר ניסה לדבר עמה אדות שידוך הזה, לא תחפץ לשמוע כלל מזה, כי היא תאבה לקחת את בן אחיה לחתן, הגם שהוא אינו בן תורה. ולכן אינו יודע לשות עצות בנפשו, כי אינו רוצה להשבית שלום בית עבור זה. כמובן לא היה לרבי חגי נחת רוח מתשובה זו. הוא חשק מאד לעשות טובה כפולה לאותו התלמיד. אחד, שלא יצטרך לאכול נהמא דכסופא. והשנית, למען לא יתקלקל דרך הישר של אותו הזיוג כמו שנכרז בשמים. כי לפעמים הגם שנכרז בשמים „בת פלוני לפלוני" יכול הזיוג להתקלקל על ידי בחירה החפשית שניתנה לאנשים. וכאשר אך נתקלקל אז נתעקש ונתפתל בשני הצדדים, וצרות שונות תוצאות מזה, ולפעמים גם מיתה. כי סוף כל סוף מוכרח הדבר להסתבב כמו שנכרז בשמים. ולכך חפץ רבי חגי להשתדל בזה בשביל אהבתו לאותו התלמיד שלא יתקלקל זה הזיוג שנכרז בשמים, רק שיוגמר הדבר בכי טוב בדרך הישר.

ומה עשה לזה רבי חגי? הוא קרא לאותו תלמיד אהובו לחדר מיוחד,

---

צו וועלען נעמען אן אָרימען ישיבה בחור פאַר אן איידעם.

דער ראש ישיבה רבי חגי האָט דעם בחור זעהר ליעב געהאַט, און ער האָט געוואוסט אז דעם בחור'ס פעטער האָט א חשוב'ע בת יחידה. און נאָך דערצו האָט ער דאָס אויך געזעהן, אז די בת יחידה איז דעם בחור'ס ריכטיגער זיוג מן השמים, האָט רבי חגי געשיקט רופען דעם רייכען פעטער האָט איהם געזאָגט, אז עס וואָלט געווען זעהר א גלייכע זאַך, ער זאָל נעמען דעם ברודער'ס זוהן פאַר א חתן. האָט דער עושר געענטפערט, אז דאָס זעלבע איז איהם טאַקי אויך שוין ניט איינגעמאָהל איינגעפאַלען, און אז ער האָט שוין געפּרובט מאַכען א שמועס וועגען דעם מיט זיין ווייב, אָבער זי וויל גאָר ניט אפילו הערען דערפון. זי וויל נאָר נעמען פאַר א חתן איהר'ס א ברודער'ן זוהן, וועלכער איז ניט קיין בן תורה. און אויב אָנמאַכען א מחלוקת אין שטוב. דער שלום בית זאָל דאדורך צושטערט ווערען, וויל ער אויך ניט.

רבי חגי האָט פון דיזען ענטפער ניט געהאַט קיין נחת. ער האָט אָבער געוואָלט זעהר א טובה טהון זיין ליבען תלמוד, אז דער אמת'ער זיוג זאָל ניט פאַרדרעהט ווערען. ווייל עס קאָן זיך אמאָהל מאַכען, אז אפילו א זיוג וואָס איז אויסגערופען געוואָרען אין הימעל, קען דורך מענשען פאַרדרעהט ווערען, און עס קען זאָגאַר צרות ארויסקומען דערפון, ביז וואַנעט עס דרעהט זיך צוריק אויס אזוי ווי ס'איז אויסגערופען געוואָרען אין הימעל. דאדורך האָט רבי חגי די זאַך ניט אָבגעלזט פון געדאַנק, און ער האָט געקלעהרט עצות ווי אזוי די זאַך אדורכ־צופיהרען אויף א גלייבען וועג.

האָט רבי חגי אַריינגעפיהרט דעם ליבען תלמיד אין א באַזונדער חדר, און האָט אָנגע־

וישאלהו איך הוא סדר האכילה שלו בבית דודו העשיר, אם הוא אוכל לבדו או יחד עם כלם. גם איך הוא יחס בתו היחידה של דודו אליו, אם היא מדברת עמו לפעמים, ואם לפעמים היא מגשת אליו המאכל. תמצית הדבר אם הוא מרגיש שהיא מתיחסת אליו בידידות ושהיא מחשבת אותו בכבוד. על זה ענה התלמיד, כי נכון הדבר שהוא מרגיש בה התיחסות אליו בידידות ובחשיבות, כי היא תשים עין על מאכלו שיהיה בעתו. והרבה פעמים היא בעצמה מגשת אליו המאכל, וגם היא שואלת אותו כמה פעמים מה נשמע אצל אביו דודה, אם העניות שוררת עוד כל כך בביתם. זאת אומרת שהוא אצלה בכבוד ובחשיבות.

ויאמר אליו רבי חגי: „אם כן הדבר איעצך בני מה שתעשה, אך שמע לדברי. והוא, כאשר תראה לפעמים בעת האוכל שהיא תגיש לך המאכל ומדברת אליך בחשיבות ובידידות בעת שהיא בלבדה בבית, אז היא שעת הכושר שתציע לפניה כדברים האלה: באשר שראית בחלום שעמדת עמה תחת חופה וגם קדשת אותה בטבעת קידושין, ובכן אולי נכון הדבר שיתקיים החלום כמשמעו, ותתרצה לעשות עמך התקשרות בהבטחה להיות לך לאשה, אף אם הוריה לא יתרצו לזה. וכאשר תשמע מפיה שהיא מסכמת על זה, תקח ממנה טבעת ותקדש אותה כדרך שמקדש החתן את הכלה. האמנם שעל פי דין אין ממש לקידושין כאלה, אבל מכל מקום איזה קנין והתקשרות יקרא לזאת. ועוד יותר יען כי הוריה אין יודעים הלכה, יחשבו שזה קידושין גמורים, ויהיה תחלתו באונס וסופו ברצון, ויתרצו אחר כך לעשות החתונה בכבוד". התלמיד הבטיח לרבו שיציית ויעשה כדברי רבו, אם אך השם יתברך יהיה בעזרו.

אחר איזה ימים הגיעה עת הנרצה.

---

הויבען איהם אויסצופרעגען, ווי אזוי זיין עסען געהט דארט צו ביים רייכען פעטער, און ווי אזוי איז די באציהונג פון זיין בת יחידה צו איהם, צו רעדט זי אמאהל מיט איהם, און צו דערלאנגט זי איהם אמאהל דאס עסען. בקצור הייסט עס, צו באמערקט ער אין איהר א פריינדליכקייט צו איהם. האט דער בחור דערצעהלט פאר רבי חגי, אז ער באמערקט ווירקליך א פריינדליכקייט פון איהר צו איהם. זי היט אב זיין עסען עס זאל זיין צו דער צייט, און ווען ס'איז נאר מעגליך דערלאנגט זי איהם דאס עסען, און זי פרעגט איהם אפטער, וואס עס הערט זיך ביי זיין פאטער, צו דאס ארימקייט איז נאך אלץ אזוי גרויס. פון דעם אלעם פארשטעהט ער, אז זי באציהט זיך צו איהם זעהר פריינדליך.

דאן האט רבי חגי צו דעם בחור אזוי געזאגט: „אויב אזוי זאלסטו מיך פאלגען, וואס איך וועל די זאגען. ווען דו וועסט דארט עסען, און די בת יחידה וועט דיר דערלאנגען דאס עסען ווען קיין אנדערער וועט דערביי ניט זיין, און אז דו וועסט זעהן, אז זי רעדט מיט דיר גוטהערציג, זאלסטו איהר מאכען א פארשלאג, באשר אז אזוי ווי עס האט זיך דיך גע'חלומ'ט, אז דו האסט מיט איהר חתונה געהאט, וואלט פיליכט טאקי גלייך געווען, אז איהר ביידע זאלט אייך פארבינדען חתונה צו האבען, זאגאר ווען די עלטערען זאלען דערפון ניט צופרידען זיין. און אויב זי וועט איינשטימען דערויף זאלסטו ביי איהר אראבנעמען א פינגערעל, און זאלסט זי מקדש זיין מיט דעם זעלבען פינגערעל כדת משה וישראל. אבוואהל על פי דין האבען אזעלכע קידושין אהן עדות קיין ווערדע ניט, אבער פארט עפעס א שטיקעל קנין וועט עס הייסען. און נאך דערצו אזוי ווי איהרע עלטערן זיינען ניט קיין לומדים, וועלען זיי מיינען אז דאס איז שוין א פארפאלענע זאך, און דאדורך יא געהרען ניט געהרען, וועלען זיי שוין מסכים זיין עס זאל זיין א חתונה". דער בחור האט צוגעזאגט רבי חגי'ן אז ער וועט זעהן אויסצופאלגען אזוי ווי דער רבי האט איהם געהייסען.

נאך עטליכע טעג האט זיך טאקי געמאכט אזא גינסטיגע שעה, וואס קיינער איז ניט

כאשר בא התלמיד שמה לעת האוכל היתה היא לבדה בבית. ואחר האוכל נכנס התלמיד עמה בדברים, וישאל אותה אם היא תתרצה להשיא אליו, ויספר לה שכך חלם לו איזה פעמים שקידש אותה תחת חופה. והיא ענתה לו, כי באמת גם היא לא פעם אחת חשבה כך. אבל מה תעשה כי שומעת היא מאמה אשר ברצונה להשיאה עם בן אחיה. ומצדה תחפץ יותר אותו לחתן, יען כי הוא בן תורה והשני אינו בן תורה. אז אמר לה התלמיד: „הנה אם כן, אם בלבך לקחת אותי לחתן, יש לי עצה על זה. את תשאלי לי טבעת שלך ואני אקדש אותך בטבעת שלך כדרך שמקדש חתן לכלה, ואחר כך תספרי לאביך ולאמך מה שנעשה, ואז יתרצו ממילא לעשות חתונה". הבת נתרצה לדבריו, אך כאשר ידעה שנצרך עדים לקידושין שאלה אותו ואמרה: „טוב הדבר, אבל מאין נקח עדים לקידושין האלה?" ויאמר לה התלמיד בדרך חידוד: „הלא נקח לנו לעדים את חבית המים העומדת כאן וגם את האש הבוערת על הכירה, ויהיו לנו אש ומים לעדים נאמנים על הקידושין". ותסכים הבת לדבריו. ויקח התלמיד טבעת שלה וקידש אותה כדרך שמקדש חתן לכלה בפני אותן שני העדים אש ומים.

ויהי ביום המחרת, ותספר הבת לאמה ולאביה שיברכו אותה בברכת מזל טוב, יען כי בן דודה קידש אותה אתמל בעת האוכל עם טבעת כדת משה וישראל. כאשר שמעה האם דברי בתה חרה אפה מאד, וטמנה הכעס בחיקה. וכאשר בא התלמיד לעת האוכל, והנה תחת ברכת מזל טוב כיבדה אותו אם הבת במריטת לחי והלחיים והשליכה אותו החוצה, ופקדה עליו שלא ידרך עוד על מפתן פתח ביתה. הבת ברחה בבכי לחדר אחר. והאם רצה לבית הרב שבעיר לשאול שאלה על אותן הקידושין. והרב פסק שעל פי דין אין ממש לקידושין כאלה ואין צריכה ממנו גט פטורין כלל. מובן מעצמו שהתלמיד לא התראה עוד בבית דודו

---

נעווען ביים עסען אויסער זיי ביידע. האט דער בחור פארפיהרט מיט איהר א שמועס, צו זי וואלט געוואלט ווערען זיין כלה, אפילו ווען די עלטערן זאלען זיין דאגעגען דעם שידוך, און ער האט איהר אויך דערצעהלט אז ער האט געהאט ווענען דעם אזא חלום. האט זי גער ענטפערט, אז איהר איז אויך שוין דאס ניט איינמאהל איינגעפאלען צו טראכטען, אבער זי הערט אלע מאהל פון איהר מוטער, אז זי רעכענט איהר צו געבען פאר א חתן איהר ברודער'ן זוהן. אבער פון איהר זייט וואלט זי בעסער געוואלט א חתן א בן תורה. דאן האט דער בחור צו איהר געזאגט: „אויב דו ווילסט, האב איך אן עצה דערצו, באָרג מיר א פינגערעל פון דיינע פינגערלעך, וועל איך דיך מקדש זיין מיט'ן פינגערעל, אזוי ווי א חתן איז מקדש א כלה. דערנאך וועסטו דאס דערצעהלען דיינע עלטערן, וועט שוין זיין א פארפאלענע זאך, און זיי וועלען שוין מוזען באשטעהן". די מיידעל האט אבער יא געוואוסט אז עס דארף זיין עדות ביי קדושין, האט זי צו איהם געזאגט: „יא גוט, אבער ווער וועט זיין עדות צו די קדושין?" האט דער בחור געזאגט אזוי ווי אין שפאס: „לאז מען נעמען פאר עדות דאס פעסעל וואסער, וואס שטעהט דא אין שטוב, און אויך דאס פייער וואס ברענט זיך דא אויפ'ן קוימען". זי איז אויף דעם אלעם באשטאנען, און דער בחור האט זי אזוי מקדש געווען כדת משה וישראל פאר די צוויי שטומע עדות, דאס פעסעל וואסער און דאס פייער פון קוימען.

צומארגענס האט די בת יחידה דערצעהלט פאר איהרע עלטערן, אז איהר קומט א מזל טוב, ווייל דער בחור האט זי מקדש געווען כדת משה וישראל. די מוטער איז אריינגעפאלען אין א גרויסען כעס אויף די טאכטער, און ווען דער בחור איז געקומען עסען האט ער, אנשטאט מזל טוב, באקומען אויסגעפאטשט און ארויסגעווארפען פון די מוהמע, און זי האט איהם פארזאגט, אז מעהר זאל ער איהר שוועל ניט איבערטרעטען. די טאכטער איז מיט א געוויין

העשיר. ועוד צרה יותר גדולה, שאם הבת התחילה לפרסם הדבר ולבזות אותו בפני כל שזה התלמיד הוא נוכל ורמאי ואינו בן תרבית כלל. ולכך היה בוש התלמיד להתראות בפני אנשים, ועוד יותר בעיני חבריו תלמודי הישיבה של רבי חגי.

כאשר נודע לרבי חגי כל אשר נעשה נעצב מאד על כל זאת. התלמיד בא אליו בלאט ויספר לו בדמעות, איך שעד עתה היה לו על כל פנים מזון סעודה אחת בכל יום לאכול לשובע, ועתה אבד גם זה. אחרי כן אמר התלמיד אל רבו, הנה כאשר הוא רואה שאינו מצליח כלל בעיר לוד, ונוסף על זה שעתה נעשה למשל ולשנינה בפי כל, ואינו יכול להתראות בין אנשים, וכאשר אמרו חז"ל „מאן דביש ליה בהאי מתא ליזיל במתא אחריתא" לכן החליט בדעתו לצאת לחוץ לארץ מעבר לים. כי הוא מרגיש בעצמו שברוב חכמתו והשתלמותו גם בלימודים אחרים ובשפות אחרות, יכול לקוות בעזרת השם יתברך ששם בחוץ לארץ יגיע למטרה טובה. אמנם עתה עומדת לפניו דאגה הראשונה, מאין יקח כסף על הוצאות הדרך. על כל פנים נחוץ לו הוצאות הראשונות של הנסיעה על האניה.

וינחם רבי חגי את תלמידו, וידבר על לבו שלא יבכה רק יתחזק ויתאמץ, והסכים לחפצו כי כעת מוטב שיסע מן העיר, והבטיחו שבודאי השם יתברך יהיה בעזרו שיצליח. אמנם הזהירו שלא יתקשר עצמו בשידוך אחר, יען כי הוא יודע ברור שבת דודו היא בת זוגו שהוכרז בשמים „בת פלוני לפלוני". והוסיף לאמר, כי הגם שעל פי דין אין ממש לקידושין כאלה, אבל מכל מקום איזה קנין

---

אנטלאפען אין אן אנדער חדר. נאכהער איז די מוטער געלאפען פרעגען א שאלה ביים שטאדטס רב, האט דער רב געזאגט, אז אזעלכע קידושין האבען לויט דעם אידישען דין קיין ווערדע ניט. זעלבסטפארשטענדליך אז דער בחור האט שוין מעהר ניט געטארט אריינקומען צו זיין רייכען פעטער. און נאך א גרעסערע צרה, וואס די מוהמע האט איהם באזידעלט און מפרסם געמאכט, אז ער איז פשוט א הולטאי, א שארלאטאן. און דער בחור האט זיך געשעהמט פאר מענשען, און נאך מעהר פאר זיינע חברים, די אויגען אויפצוהויבען.

רבי חני איז פון דעם אלעם געוואהר געווארען, און ער האט געהאט גרויס קרענקונג דערפון. דער בחור האט פאר איהם געוויינט, אז ביז היינט האט ער כאטש געהאט עסען, און אצינד האט ער שוין דאס אויך פארלוירען. דער בחור האט ווייטער געזאגט, אז אזוי ווי ער זעהט אז דא אין שטאדט „לוד" איז ער ניט מצליח, און נאך דערצו שעהמט ער זיך צו קומען צווישען מענשען, און אזוי ווי דער תלמוד זאגט „מאין דביש ליה בהאי מתא ליזיל במתא אחריתא", דער וואס איהם איז שלעכט אין איין שטאדט, זאל ער געהן אין אן אנדערע שטאדט. ראדורך האט ער ביי זיך אנגעפאסט ער זאל אוועקפאהרען מעבר לים קיין חוץ לארץ, ווייל ער שפירט ביי זיך אז לויט זיינע קענטניסען און פעהיגקייטען וועט ער מיט'ן איבער־שטענס הילף דארט גיכער עפעס צו גוטעס קענען צוקומען. אבער פארלויפיג איז די צרה, וואו נעמט מען געלד אויף הוצאות, כאטש צו האבען די ערשטע הוצאות וואס די שיף רייזע דארף קאסטען.

רבי חגי האט דעם בחור געטרייסט און געשטארקט זיין הארץ. ער האט איהם געזאגט, אז פארלויפיג איז גאנץ גלייך ער זאל אויף א שטיקעל צייט אוועקפאהרען, און אז ער פאר־האפט אז ער וועט געווים מצליח זיין. דערביי האט ער איהם געווארענט, ער זאל דארט קיין אנדערען שידוך ניט טהון, ווייל ער ווייסט, אז זיין פעטער'ס בת יחידה איז זיין ריכטיגער זיוג מן השמים. און נאך דערצו אויב אפילו אז על פי דין איז עס ניט קיין קידושין, אבער על כל פנים איז עס דאך עפעס א קנין. דארום פארהאפט ער אז די השגחה העליונה וועט איהם צוריק ברענגען אין א גוטען מעמד. רבי חגי האט פאר איהם געשאפט געלד אויף הוצאות,

והתקשרות יקרא לזאת. ולכן הוא בטוח שההשגחה העליונה תביאהו בחזרה לעיר לוד במצב טוב. ויאסף רבי חגי עבורו כסף על הוצאות הדרך, ונתן לו הכסף. ובעת ברכת הפרידה הזהירו עוד הפעם שיעסוק בתורה בכל עת שיוכל, ושלא יתקשר עצמו בשידוך אחר. ועוד הפעם הכפיל דבריו לאמר, כי הגם שע"פ דין תורה אין ממש בקידושין כאלה, אבל מכל מקום איזה קנין והתקשרות יקרא לזאת. והזהירו שבכל יום יחזור בפיו אלה דבריו האחרונים למען לא ישכח ולא יתפתה לשידוך אחר. וישקהו ויברכהו בהצלחה. ויסע משם.

(לב)

מה פעלו שני העדים אש ומים לבעבור הריסת השידוך.

הן עתה נניח להתלמיד שיסע בדרכו על היבשה ועל הים, ונספר מה שנעשה אצל הדוד העשיר. כידוע שאשתו חפצה דוקא לקחת לחתן עבור בתה את בן אחיה שאינו בן תורה, וכאשר אך נודע בעיר שבן הישיבה נסע לחוץ לארץ, התחילה האם להשתדל בכל יום לדבר על לב בתה, שתתרצה לקחת לחתן את בן אחיה, ולא תעשה עצמה בחנם כעגונה, כי הוא בן הישיבה בלי ספק יקח לו שם אשה אחרת ולא יחזור עוד לעולם. לאחר שעבר איזה זמן, נתפתתה הבת בעל כרחה להסכים ולומר, רוצה אני לכתוב תנאים עם בן אחי האם, כי לא יכלה לסבול עוד להתיצב נגד רצון הוריה. ולאט לאט שכחה את החתן הראשון. ויכתבו תנאים עם החתן השני, ועשו זמן חתונה בשמחה וששון.

ויהי היום, זה היום זמן המוגבל להחתונה. והנה בלילה שלפניו נעשה רעש ורוח גדול עם גשם שוטף חזק מאד, שנקרא שבר-ענן. ומבול מים ירד מן

---

און האָט איהם מיטגעגעבען זיין ברכת הצלחה. דערביי האָט ער נאָכאַמאָהל איבערגע'חזר'ט די ווערטער: „אז אויב אפילו על פין דין איז עס ניט קיין קידושין, אָבער על כל פנים איז עס דאָך עפּעס א קנין. ער האָט נאָך אָנגעזאָגט דעם בחור, אז די לעצטע ווערטער זיינע זאָל ער זיך גוט איינ'חזר'ן, כדי ער זאָל געדענקען ניט צו לאָזען זיך דאָרט אַמאָהל איבערריידען צו טהאָן אַן אנדערן שידוך. דער בחור האָט זיך מיט זיין רבי'ן געזעגענט מיט געוויין און איז אוועק געפאָהרען.

(32)

וואָס האָבען די צוויי עדות אש ומים אָבגעטהון וועגען דעם שידוך.

אצינד ווען מען לאָזען דעם בחור פאָהרען אויפ'ן ים, און מען וועט דערצעהלען וואָס האָט דאָ פּאַסירט ביי דעם רייכען פעטער. די רייבע מיהמע האָט געאַרבייט מעשים, אז די טאָכטער זאָל פאַרגעסען פון דעם אָרימען ישיבה בחור. זי האָט איהר איינגערעדט, אז אזוי ווי די קידושין איז קיין קידושין ניט, און אזוי ווי דער אָרימער בחור איז שוין סיי ווי אוועק־געפאָהרען מעבר לים, אלזאָ דאַרף מען זעהן באַלד צו שרייבען תנאים מיט איהר ברודער'ן זוהן, און דערנאָך זאָל מען אין א קורצע צייט חתונה מאַכען. און אזוי האָט זי טאַקי אויס־געפיהרט. די בת יחידה האָט ניט געהאַט די מוטה צו שטעלען א שטאַרקען ווידערשטאַנד איהרע עלטערן. און ס'איז פאַרבייגעגאַנגען א שטיקעל צייט האָט זי ביסלעכווייז פאַרגעסען פון דעם אָרימען ישיבה בחור. מען האָט תנאים געשריבען מיט איהר ברודער'ן זוהן, געמאַכט א זמן חתונה, און ס'איז געוועזן שמחה וששון.

ריאַכט זיך אָבער א מעשה, אז פונקט אין דער נאַכט פאַר דעם חופה טאָג, האָט זיך געמאַכט א שרעקליכער שטורמווינד, און פון א וואָלקען בראָך איז פאָרגעקומען א שטאַרקע פאַרפלייצונג,

ההרים ועבר דרך העיר לוד. עבר ושטף את בית הכלה ונפל הבית. זרם המים הציף הכל, ורק האנשים נצלו בעור שיניהם כמו בדרך נס.

כמובן אשר מן החתונה לא היה מדובר עוד. אבי הכלה נעשה עני, והיה צריך לדאג קודם על דירה ועל פרנסה. והתחיל להשתדל אצל ידידיו ואוהביו שיעזרו לו שיוכל לבנות ביתו וגם שיוכל להתפרנס. ויען כי היה מכבר אדם חשוב בעיר ובעל טובה, עזרו לו רבים להקימו על רגליו בגמילת חסדים. ובכבדות גדולה התחיל להתפרנס, גם עלתה בידו לבנות את ביתו.

עבר זמן גדול והנה התחילו עוד לדבר מזמן חתונה. המחותנים נועדו יחדו והגבילו זמן חתונה פעם שנית. אבל הנה צרה אחרת. כי באותו הלילה שלפני יום החתונה פרצה אש פתאם ונעשה שרפה. ובית החדש של אבי הכלה נשרף עם כל רכושם, גם בגדי הכלה נשרפו, ועל פי נס נצלו האנשים עירום ועריה.

לאחר השרפה שוב שכחו מן החתונה, והתחילו לחשוב איך להנצל מחרפת רעב, ואיה להשכיב ראשם בלילה. אבל גם עתה חמלו עליהם אנשי העיר בהשתדלות אוהבים וידידים לעזור להם מגודל הרחמנות עליהם, כי זאת צרה שניה, וגם צרת הבושה מהשבתת החתונה. לכן הרבה אנשים עזרו להם שיוכלו לחזור ולבנות את הבית ושיוכלו להתפרנס.

עבר איזה זמן ושוב התחילו לחשוב על דבר החתונה. האמנם שאבי הכלה הציע פעם אחת בביתו שאין לו עוד חשק כלל להכין על זאת החתונה, כי הוא רואה בזה אצבע אלקים פעמים, ויכול לומר

---

פון וועלכען דאס גאנצע הויז פון די כלה'ס עלטערען איז פארפלייצט געווארען, און איז פלוצלינג איינגעפאלען. די מענשען זיינען ניצול געווארען אזוי ווי דורך א נס, אבער דאס פארמעג מיט אלע מלבושים איז אוועק מיט'ן שטראם וואסער.

זעלבסטפארשטענליך, אז פון א חתונה איז שוין קיין רעדע ניט געוועז. דער רייכער ברודער איז ארים געווארען, און ער האט אנגעהויבען ארבייטען דורך פארשידענע מיטלען, ער זאל קענען פרנסה האבען, און זאל קענען צוריק זיין הויז אויפשטעלען. מענשען האבען אויף איהם רחמנות באקומען. ווייל ער איז דאך פארט געוועזן א חשוב'ער מענש אין שטאדט, און זיי האבען איהם ארויסגעהאלפען מיט גמילת חסדים, און דורך גרויסע שוועריגקייטען איז איהם געלונגען צוריק אויפצושטעלען זיין הויז. מען האט איהם אויך געשטיצט וועגען פרנסה, ביז ער האט זיך ביסלעכווייז צוריק אויף די פיס געשטעלט.

ס'איז פארבייגעלאפען א שטיק צייט, האבען זיי שוין ווידער אנגעהויבען שמועסען וועגען א חתונה, און זיי האבען געמאכט אויף א באשטימטע צייט א נייעם זמן חתונה. איז ווידער געשעהן א צרה. אין די זעלבע נאכט וואס צומארגענס איז געוועזן באשטימט דער חופה טאג האט אויסגעבראכען א שרפה, און דאס נייע הויז איז פארברענט געווארען מיט'ן גאנצען פארמעג, די מענשען זיינען קוים ארויס מיט'ן לעבען.

נאך די שרפה האט מען שוין ניט אין זינען געהאט די חתונה, נאר מען האט אנגעהויבען ווידער קלעהרען ווי אזוי צו ראטעווען די חשוב'ע פאמיליע, זאלען ניט אינגאנצען אונטערגעהן. דאס רחמנות האט יעדען א דורכגענומען, שוין א צווייטער גרויסער אומגליק, און נאך דערצו דאס פארשעהמונג פון די חתונה. מענשען האבען ווידער פארלענט א גרויסען כח, און זיי האבען איהם ארויסגעהאלפען, ער זאל קענען צוריק אויפשטעלען זיין הויז, און זאל קענען ווייטער האבען פרנסה.

ס'איז ווידער פארבייגעגאנגען א שטיקעל צייט, האט מען שוין ווייטער אנגעהויבען טראכטען וועגען חתונה מאכען. דער פאטער האט אפילו געפרואווט מאכען א באמערקונג פאר זיין פרוי מיט זיין טאכטער, אז ער זעהט דערביי א שטראף פון הימעל, איינמאהל מיט

באנו באש ובמים, תחת אשר סטרה אשתו בידיה על פני ת ל מ י ד הישיבה פעמים. לכן אמר כי אולי נכון לבטל זה השידוך, ולחשוב איך להביא את החתן הראשון ולחדש ולחזק את השידוך הראשון, כי הלא הוא בן תורה ובן חכם, וגם כי הלא קידש את בתו בטבעת קידושין.

אבל דבריו לא הועילו מאומה. רק עוד רגזה וכעסה אשתו עליו, על שהוא זוכר עוד את בן הישיבה העני. ומלבד הכל הלא זה ברור כיום שנאבד ולא נשמע מאומה זה זמן רב. ואין ספק שהוא כבר נשא אשה בחוץ לארץ. וכאשר ראה אבי הכלה שדבריו כדברים בטלים הם באזני אשתו, לכן היה מוכרח להסכים שלא לבטל את השידוך עם בן אחי אשתו. ושוב הגבילו פעם שלישית זמן חתונה. עתה נניח אותם להכין על החתונה, ונתחיל לספר מה שאירע בדרך עם התלמיד של הישיבה.

(לג)

הצרות שסבל תלמיד העני על האניה בדרך.

כידוע אשר לנסוע לחוץ לארץ היה צריך אותו התלמיד לנסוע נסיעה ארוכה על אניה. וכאשר זה התלמיד היה ירא שמים גדול ומתמיד בתורה מנעוריו, לא היה יכול להפרד מן התורה גם על האניה, ולא החסיר מדי יום ביומו מלהניח תפילין ולהתפלל בכונה, ואחר כך ישב ללמוד תורה, פעם בספר ופעם בעל פה, ולא ישב לבטלה. וכאשר על האניה הזאת לא היו כי אם עוד שלשה יהודים, והשאר היו

---

וואסער, דאס צווייטע מאהל מיט פייער. ער קאן ריכטיג זאגען „באנו באש ובמים". און אז פאר די צוויי פעטש וואס זיין פרוי האט געגעבען דעם ישיבה בחור, האבען זיי געקראגען באצאהלט צוויי פעטש פון הימעל. אלזא, האט ער פארגעלעגט. אז אפשר וואלט געוועזען א פלאן, מען זאל דעם שידוך אבלאזען, און מען זאל צוריק טראכטען וועגען דעם ערשטען שידוך מיט זיין ברודער'ן זוהן. ער איז א גרויסער בן תורה, און ער האט דאך פארט זי מקדש געווען.

אבער זיין פרוי האט זיך נאך גוט אנגעבייזערט אויף איהם, פאר וואס ער דענקט נאך אלץ וועגען דעם ארימען ישיבה בחור. און נאך דערצו איז דאך שוין צוויי יאהר פארביי וואס ער איז פארפאלען געווארען, אזוי ווי א שטיין אין וואסער אריין. דער מאן האט ניט געהאט וואס צו ענטפערען אקעגען די לעצטע ווערטער פון זיין פרוי. ווייל דער אמת איז דאך פארט אזוי, אז שוין באלד צוויי יאהר פארביי, וואס מען הערט גאר ניט פון דעם בחור. ווייזט דאך אויס אז ער האט שוין פארגעסען, און ער האט שוין געווים ערגיץ חתונה געהאט. און דאדורך האט דער מאן געמוזט איינשטימען מען זאל חתונה מאכען מיט איהר ברודער'ן זוהן. און זיי האבען טאקי ווייטער באשטימט א דריטע זמן חתונה. אצינד וועט מען זיי איבערלאזען, זאלען זיך צוגרייטען צו דער חתונה, און מען וועט דערצעהלען, וואס מיט דעם בחור האט פאסירט.

(33)

וואס האט פאסירט מיט דעם בחור אויף דער שיף?

קיין חוץ לארץ האט דער בחור געמוזט מאכען א לאנגע רייזע אויף א שיף. און אזוי ווי דער בחור איז געווען א פרומער, און אויך א שטארקער מתמיד, ערשט פריש אוועק פון די גמרא, האט ער ניט פארפעהלט אלע טאג צו דאווענען אין די תפילין. און ער האט אויך אימער געלערענט תורה, אמאהל אין א ספר און אמאהל אויסוועניג. אויף דער שיף איז אבער אינגאנצען געווען דריי אידען, און די איבעריגע רייזענדע זיינען אלע געווען גוים, און נאך

כלם גוים רעים עמלקים רשעים, ולא יכלו לסבול מה שהתלמיד היה עוסק בתורה ותפלה והניח תפילין, ונעשה בעבור זה כקוץ מונד בעיניהם, לכן עשו קשר ביניהם להשליכו בים. האמנם שהיה שם איזה גוים טובים שהתאחדו עם שלשת היהודים להיות צד אחד לבלתי תת לעשות רציחה כזאת. אבל צד הרע היו הרבים, ונעשה מחלוקת גדולה על האניה, וגברה צעקת הרשעים שצעקו: „רדו עם יהודי הארור! ילך אל הדגים שבים!"

הצעקה הגיעה לאזני השר מנהל האניה, שהיה נראה לאינו שונא ישראל, וגם שהיה ירא, כי אולי איזו ממשלה או מלכות תדרש ממנו דם אותו היהודי, לכן ניסה להרגיע רוחם של המון הרשעים בדברים טובים, אבל דבריו לא נשמעו באזניהם. אז נפל אותו השר על עצה הזאת. התחיל לדבר לפניהם שגם הוא שונא את היהודי הארור הזה. אבל להשליכו בים על לא דבר, כי אם בשביל זה שהוא יהודי. זאת לחטא תחשב לכל האניה הזאת, והים יסער עלינו ויבלע אותנו כלנו יען כי מלפנים היה יהודי אחד על אניה סוערה, ושמו יונה הנביא שהציל את האניה עם הרבה אנשים מן גלי הים הזועפים, בזה שמסר את נפשו וצוה להשליכו הימה. ועתה אם נשפך בידינו דם יהודי נקי כפים להשליכו בים, עוד יכול הים לגמול לנו רעה תחת רעה, לבעבור שאנו גומלים ליהודים רעה תחת טובה במקום ההוא שיונה הנביא מסר את נפשו והשקיט את הים מזעפו. אבל כאשר אני רואה שמרבית הנוסעים בזה שונאים אותו, ואין ביכולתכם לסבלו, וגם כי ירא אני מן רצח סתר על האניה, לכן ארגיעה את רוחכם בזה. הן לא רחוק מכאן נמצא אי קטן ארץ ציה כמדבר באין ישוב של אנשים, אסע עם האניה לאותו אי השמם. ושם נניח את היהודי הזה על גורלו, אולי

---

וואס פאר א גוים, כמעט אלע שלעכטע גוים, ריכטינע רשעים עמלקים. און דאס וואס דער בחור האט אלע טאג געדאווענט און תפילין און האט אויך געלערנט, האט דאס שטארק אויפ־גערעגט די בייזע גוים, און זיי האבען זיך געבונטעוועט זאלען דעם בחור אין ים אריינוואַרפען. ס'האט זיך געמאכט א גרויסע קריגעריי צווישען די רייזענדע, ס'איז דאך געווען עטליכע גוים ניט קיין שלעכטע, און אויך די איבעריגע דריי אידען וואס האבען זיך אסעגען געשטעלט ניט צו דערלאזען. אבער דער המון רייזענדע, וועלכע זיינען געווען זעהר פיעל, האבען גע־האלטען אין איין שרייען: „נידער מיט דעם פארשאלטענעם איד! זאל ער נעהן צו די פיש!".

דער געשריי איז אנגעקומען צום שיפס־קאפיטאן, וועלכער איז גראדע ניט געווען קיין אנטיסעמיט, און באזונדער האט ער מורא געהאט, אז וועלכע רעגירונג קען נאך דערנאך פאדערען פון איהם זיין בלוט. האט ער געארבייט מיט אלע כחות צו בארוהיגען דעם בייזען המון, אבער דאס איז איהם ניט געלונגען. דאן איז ער נעפאלען אויף אזא עצה. ער האט צו זיי געזאגט, אז מען טאר ניט נעמען גלאט אן אומשולדיגען מענש און אריינוואַרפען אין ים, נאך דערצו א איד, וואס א איד מיט'ן נאמען „יונה" האט אמאהל גערעטעט א שיף מיט פיעל מענשען, דורך דעם וואס ער האט אליין געהייסען מען זאל איהם אין ים אריינוואַרפען, בשעת א גרויסען שטורם ווינד. אצינד אויב מיר זאלען אריינוואַרפען אין ים אן אומשול־דיגען איד, נאר ווייל ער איז א איד, וואלט דאס געווען א גרויסע זינד פון אונז, אלזא טארען מיר דאס ניט טהון. נאר אזוי ווי איך זעה דאך, אז איהר וועט אייך אויף קיין פאל ניט בא־רוהיגען, און איך האב אויך מורא עס זאל זיך ניט געפונען צווישען אייך א באהאלטענער מערדער, וואס קען נאך דעם איד שטילערהייט דערשטעכען, אלזא איז מיין עצה אזוי: איך וויים אז נים ווייט פון דאנען געפינט זיך גאר א קליינער אינזעל, ניט קיין באזעסענער פון מענשען, וועל איך פיהרען די שיף צו דעם אינזעל, און וועל דעם איד דארט אראבלאזען. אבער מיר זאלען מיט אונזערע הענד ניט פארגיסען קיין אומשולדיג בלוט. פיליכט וועט ער גערע־

ינצל על ידי ספינה אחרת. וידנו אל תהי בו.

ויהי כאשר שמע המון הרשעים את דברי שר האניה ניאותו לזה. ועוד באותו היום הגיעה האניה אל חוף אי השמם, ויקחו את התלמיד וינהגוהו בחזקת היד על האי. הוא בכה ויתחנן להם לאמר, מה חטאי ומה פשעי. אבל אטומה אזנם וערלה לבם משמוע לדבריו, רק עוד שחקו ממנו על צרתו. נתנו לו כל חפציו, ורבים מהם העניקו לו עם לחם ומים וגם פירות, ועוד חפצים נחוצים לו. ושר האניה נתן לו קשת עם חצים, ויורהו איך לירות, ואמר לו כי כאשר אך יהיה נראה לו שאניה שטה בים, אז יורה בקשת, גם יעשה אש ועשן למען תשמע ותראה האניה, ותקרב כאן להצילו. ויפרדו ממנו.

התלמיד נשאר גלמוד על אי השמם. התחיל ללכת ולתייר את האי, אבל לא מצא שם כל רושם של אנשים, רק עופות השמים צללו באזניו, וגם איזו חיות קטנות רצו פה ושם. ואך איזו עצים גדולים ועבים מגדלי אגוזים הגדולים הטובים למאכל מצא שם, ועשה לו מקום לשבת עם חפציו תחת סבכי העץ. אכל ושתה מעט רק למען החיות את נפשו, ועסק בתורה ותפלה, ויתפלל בדמעות שהשם יתברך ירחם עליו וישלח לו ישועה שינצל מן האי השמם הזה. גם למד עצמו לטפס על העצים הגבוהים. אולי יראה אניה שטה על הים, אבל תוחלתו נכזבה.

כך השחיר שם התלמיד את ימיו איזה שבועות, עד שכלה אצלו המזון שהיה לו מן אניה. והתחיל להתכלכל עם האגוזים בלבד, והיצר לו מאד, כי נמאסו לו האגוזים מלאכול. והתחיל עוד ללכת ולבקש, אולי ימצא עוד איזה מין פרי או צמח שיהיו טובים למאכל. והנה מצא שיחים קטנים שגדלו עליהם פירות קטנים אדומים כמו גדגדניות. ולהשקט צמאונו

---

טעט ווערען,, אז אן אנדער שיף וועט פארבייפאָהרען און איהם אויפנעהמען.

דער המון איז קוים באשטאנען אויף דעם פאָרשלאָג פון שיפס־קאַפּיטאַן. און נאָך אין דעם זעלבען טאָג איז שוין נעבאָך דער אָרימער ישיבה בחור געווען איינזאַם אויף א קליינעם ווילדען אינזעל. פאַר רחמנות האָבען פיעל רייזענדע איהם מיטגעגעבען לייבלעך ברויט, א ביסעל פרוכט מיט אלע זיינע זאַכען. און דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט איהם געשענקט א בויגען מיט א ביסעל פיילען, און האָט איהם אויסגעלערענט שיסען, כדי אז אויב נאָר עס וועט זיך איהם דאַכטען פון ווייטענס אז א שיף שווימט אויפ'ן ים, זאָל ער שיסען און מאַכען א פייער, קען זיין אז די שיף וועט דערהערען אָדער דערזעהן, וועט זי צושווימען צום אינזעל און וועט איהם אויפנעהמען, וועט ער נערעטעט ווערען.

דער בחור האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם אינזעל, און ער האָט דאָרט גאָרניט געפונען קיין צייכען פון מענשען, נאָר פאַרשידענע פויגעל און קליינע פאַרשידענע חיה'לעך האָבען דאָרט ניט געפעהלט. ער האָט דאָרט אויך געפונען אביסעל אַלטע בוימער מיט גרויסע קאָקוס ניס, וועלכע זיינען גוט צו עסען. דער בחור האָט דאָרט זעהר ווייניג געעסען, כדי די שפייז וואָס ער האָט נעהאַט זאָל איהם ניט באַלד אויסגעהן. ער האָט זיך געמאַכט אן אָרט אונטער א בוים ווי צו פאַרברענגען. דאָרט האָט ער געלערענט תורה און האָט מתפלל געווען בדמעות שליש, דער אויבערשטער זאָל איהם צושיקען עפּעס א רעטונג, ער זאָל בשלום אַרויסקומען פון דעם וויסטען אינזעל. ער האָט זיך אַלע טאָג אַרויפגעכאַפּט אויף א הויכען בוים, פילייכט וועט ער דערזעהן א שיף, אָבער אָהן ערפאָלג.

דער בחור האָט אזוי אָבגעשוואַכט טעג און נעכט עטליכע וואָכען, ביז די שפייז איז ביי איהם אויסגעגאַנגען, דאַן האָט ער זיך אָנגעהויבען צו דערנעהרען מיט בלויז קאָקוס ניס. דאָס איז איהם אָבער נמאס געוואָרען, האָט ער געזוכט אויב עס וואַקסט ניט דאָרט עפּעס אן אנדער פרוכט, וועלכעס מען קען עסען. האָט ער אויסגעפונען אויף נידעריגע בוימלעך א מין קליינע

ורעבונו אכל אותם לתאוה, וערבו לו בשעת האכילה וישמח בהם. ויהי בלילה הרגיש על גופו כמו דקירה ונשיכה ולא יכול לישון. וכאשר האיר היום ראה שכל גופו מכוסה עם צרעת ממארת ואבעבועות גדולות, אשר כאבו לו מאד.

אז פרץ התלמיד בבכי גדול, נשא עיניו לשמים ויזעק: „רבונו של עולם ! האם לא די צרותי שאני עומד למות מרעב ומצמא, ואף גם לקבר ישראל לא אבוא, ועתה עוד נוסף לי כאב ויסורים גדולים למות כמצורע!" ויבך עוד עד שנפל על הארץ באין אונים ויישן בתרדמה.

בחלומו התגלה אליו אליהו הנביא ואמר לו: „תדע שתפלתך בקעה רקיעים, ונתקבלה תפלתך לפני כסא הכבוד. ואני נשלחתי אליך לבשרך, כי בא הקץ לצרותיך ולא תסבול עוד. כי ביום השלישי תראה מרחוק אניה שטה בים עם אנשים סוחרים, אנשים טובים, תתן אותות וסימנים, ותקרב לכאן ותקחך, ותסע עמהם בלי אימה ופחד ותגיע למחוז חפצך בהצלחה. ובדבר הצרעת תדע כי זאת המכה היא רפואתך וישועתך. ואתה תלך ותחפש עוד על האי ותמצא שיחים קטנים אחרים המגדלים גם כן גדגדניות, אבל לא אדומים כי אם לבנים. תאכל מהם ותרפא מיד. הצרעת תעלם מגופך ותתכסה בעור חדש ויפה, כמו עור של ילד קטן. אמנם תזכור לקחת עמך הרבה מן אותן גדגדניות הלבנים. וכאשר תבוא בשלום לעיר גדולה שם תתישב ושם תצליח, ותבוא לך ישועה גדולה על ידי אותן גדגדניות הלבנים. אבל זכור ואל תשכח את בוראך להיות ירא שמים ולעסוק בתורה כפי יכולתך. ולא תהיה בכלל של הפסוק „וישמן ישורון ויבעט".

---

פרוכט, אזוי ווי רויטע קארשען. דורשטיג איז ער געווען, האט ער געגעסען פון די פרוכט. ביינאכט האט ער דערשפירט א בייסונג איבער'ן גאנצען קערפער. און ווען ער איז אויפגע־שטאנען אין דער פריה, האט ער דערזעהן אז רער גאנצער קערפער איז באדעקט מיט קרעץ און געשווירען, וועלכע האבען איהם שטארק וועה געטהון.

ער האט אנ:עהויבען זעהר שטארק צו וויינען און שרייען: „רבונו של עולם! ניט גענוג וואס מיר שטעהט דא פאר צו שטארבען פון הונגער, און אפילו צו קבר ישראל ניט צו קומען, היינט פאר וואס זאל איך נאך שטארבען א מצורע!" ער האט אזוי פיעל געוויינט ביז ער איז אנידערגעפאלען א פער'חלש'טער און איז איינגעשלאפען געווארען.

אין שלאף האט זיך צו איהם באוויזען אליהו הנביא און האט צו איהם אזוי געזאגט: „זאלסט וויסען אז דיין תפלה מיט דיינע טרעהרען האבען דעם הימעל געשפאלטען. און דיין תפלה איז אנגענומען געווארען פאר'ן „כסא הכבוד". איך בין געשיקט געווארען דיר אנזאגען די בשורה, אז מעהר וועסטו שוין ניט ליידען. אין דריטען טאג וועט דא פארבייפאהרען א שיף ניט ווייט פון דעם אינזעל, זאלסטו ווייזען א צייכען, וועט די שיף צוקומען און דיך אויפנעהמען, זאלסט גאר ניט קיין מורא האבען. און וועגען דיין צרעת זאלסטו וויסען אז די מכה וועט דיר ברענגען די ריכטיגע ישועה. זאלסט געהן זוכען אויף דעם-אינזעל, וועסטו געפונען אנדערע נידעריגע בוימלעך, אויף וועלכע עס וואקסען אויך אזעלכע קליינע פרוכט ווי קארשען, אבער זיי זיינען ניט רויטע נאר ווייסע. זאלסטו עסען פון די ווייסע קארשען, וועסטו באלד געהיילט ווערען. די צרעת וועט פארשוואונדען ווערען, און דיין קערפער וועט באקומען א נייע שעהנע הויט ווי ביי א קליין קינד. אבער געדענק, זאלסט אפרייסען פון די ווייסע קארשען גאנץ גענוג, און זאלסט זיי מיטנעמען מיט דיר, וואו דו וועסט קומען אין א גרויסער שטאדט. דארט וועסטו באקומען דיין ריכטיגע הילף, דורך די קארשען. נאר זיי געווארענט צו געהן ווייטער אין גוטען וועג אזוי ווי ביז היינט".

## (לד)
## איך ניצל תלמיד העני על אניה מן אי השמם.

התלמיד הקיץ משנתו ויזכר היטב את חלומו. הוא רץ מיד לבקש את השיחים האחרים עם גדגניות הלבנים. ביקש ומצא, וכאשר אך ראה אותם אכל מהם, והרגיש כי שקט כאב הצרעת. ולמחרתו בבקר ראה שהצרעת נעלם כלה, וגם שנתכסה גופו בעור חדש ויפה כמו עור הילד. עוד בו ביום התחיל להכין עצמו לדרך. אסף הרבה מאותן גדגדניות הלבנים ויחבש אותם באמתחתו, כי האמין לבשורת החלום שבמשך שלשת ימים יעזוב את אי השמם.

ויהי ביום השלישי נשא התלמיד את עיניו וירא מרחוק ראש תורן אניה אשר שטה בים. אז עשה כל התפעלות ונתן כל הסימנים ביריה מן הקשת ובאותות של אש ועשן, כמו שהורהו שר אניה הראשונה. והצליח בזה, כי הכירה האניה את הסימנים והתחילה להתקרב אל האי השמם. ובזמן קצר הגיעה האניה אל החוף. וזאת היתה אניה אטלקית עם הרבה סוחרים, יותר יהודים מאינם יהודים. וכאשר התלמיד שהיה מכיר בשפת אטלקית סיפר להם איך שבא לכאן, חמלו כלם עליו מאד, והחיו את נפשו באכילה ושתיה. גם שר האניה חמל עליו, ויקחהו על האניה בלי כל תשלומין, ויסע עמהם.

בעיר גדולה בארץ אטליא התישב התלמיד, ושם התפרסם לרופא כל מיני צרעת. וכאשר הרפואות שלו הועילו תמיד נתפרסם לרופא מומחה, והתחיל לאסוף כסף ולהתעשר. ביום היה רופא חולים, ובלילה עסק בתורה. כך עבר עליו

---

## (34)
## ווי אזוי איז דער בחור געדעטעט געווארען פון וויסטען אינזעל.

דער בחור איז באלד אויפגעקומען און ער האט אלעם גוט געדענקט. ער איז טאקי באלד געלאפען אפזוכען די בוימלעך מיט די ווייסע קארשען. אזוי ווי ער האט זיי דערזעהן האט ער פון זיי געגעסען. און האט טאקי באלד אנגעהויבען שפירען א דערלייכטערונג. ווען ער איז צומארגענס אין דער פריה אויפגעשטאנען האט ער דערזעהן אויף זיין גאנצען קערפער א נייע שעהנע יונגע הויט, אזוי ווי ביי א קינד. נאכהער האט ער אנגעהויבען זאמלען די ווייסע קארשען מיט צו נעמען, און האט זיך מיט אלעם צוגעגרייט צו פארלאזען דעם וויסטען אינזעל.

אויפ'ן דריטען טאג האט דער בחור דערזעהן פון דערווייטענס א שפיץ פון א זעגעל בוים, האט ער פארשטאנען אז דארט מוז פאהרען א שיף. ער האט געמאכט פייער, האט עטליכע מאהל אויסגעשאסען און האט אלעם געטהון וואס נאר מעגליך, יענע שיף זאל באמערקען אז דא געפינט זיך א מענש. זיינע צייכענס זיינען איהם געראטען. די שיף האט דאס באמערקט און זי האט אנגעהויבען צו דערנעהענטערען זיך צו דעם אינזעל. ס'האט ניט לאנג געדויערט, און די שיף איז צוגעקומען צו דעם וויסטען אינזעל. דאס איז געווען א איטאליענישע שיף. דארט איז שוין געווען מעהר אידען ווי גוים. די שיף האט איהם אויפגענומען אהן באצאהלען, ווייל ער האט געקאנט די איטאליענישע שפראך האט ער דעם שיפס-קאפיטאן דערצעהלט וואס מיט איהם האט פאסירט. אלע האבען אויף איהם גרוים רחמנות באקומען, זיי האבען איהם דערקוויקט מיט עסען און טרינקען, און ער האט אבגעדייזט קיין איטאליען.

אין א גרויסע איטאליענישע שטאדט האט זיך דער בחור איינגעארדעט, און ער האט זיך אויסגעגעבען פאר א רופא וואס היילט אלערליי צרעת מיט היימישע רפואות. די זאך איז מפורסם געווארען זעהר שטארק. ווייל די רפואות האבען אומעטום גוט און געשווינד

זמן גדול קרוב לשנתים ימים מעת שנסע מעיר לוד. האמנם כי שם הציעו לפניו הרבה שידוכים, אבל לא אבה לעבור על הבטחתו להרב אחובו רבי חגי ראש הישיבה, שהבטיח לו שלא יעשה שידוך אחר. ותמיד היה מחזר בפיו דברי רבו האחרונים, שתגם שאין ממש בקידושין כאלו, מכל מקום איזה קנין והתקשרות יקרא לזה. וגם היה לו אמתה גדולה בברכת והבטחת רבו, שבודאי השגחה העליונה תביאהו בחזרה במצב טוב, לכן לא רצה לשמוע מכל שידוך, ואמר שהוא בעל אשת בארץ ישראל. והיה ממתין ומצפה לישועה גדולה על פי איזו סבה, אשר יבין כי באה העת לחזור לארץ ישראל במצב טוב.

## (לה)
## איך באה ישועה הגדולה לתלמיד העני.

ויתי היום, והנה נתפרסם בארץ איטליא שהקיסר חולה על מחלת צרעת, וגם שכל רופאי המלך לא מצאו לו מזור ותרופה. גם זאת נתפרסם פקודת הקיסר, שהרופא אשר תעלה בידו לרפא מחלת הקיסר, ינתן לו במתנה חצי המלכות. כאשר הגיעה השמיעה לאזני אותו התלמיד, אז הבין שזאת היא סבה לישועתו הגדולה, שיחזור לעירו במצב טוב ובכבוד. ויכתוב אגרת אל הקיסר שיש ביכולתו לרפא מחלת המלך בשלמות. מובן מעצמו שפקודת הקיסר יצאה דחופה להביא אותו הרופא אל היכל המלך. הוא לקח עמו רפואה האמיתית ויסע אל העיר אשר בה היכל המלך.

הקיסר קבל את פני התלמיד הרופא

---

גענצליך אויסגעהיילט אלערליי צרעת. ער האט אנגעהויבען זאמלען געלד און איז רייך געווארען. דאס האט אזוי געדויערט גאנץ לאנג, ביז עס איז שוין באלד נאהענט געווען צו גאנצע צוויי יאהר, זינט ער איז אוועק פון דער היים. בייטאג איז ער געווען דאקטאר און ביינאכט האט ער תורה געלערענט. מען האט איהם דארט פארגעשלאגען פיעל שידוכים. אבער ער האט ניט געוואלט ברעכען זיין ליעבען רבינ'ס אנזאג. און רבי חגי'ס לעצטע ווער־טער האבען טאקי ניט אויפגעהערט קלינגען אין זיינע אויערען. אז אויב אפילו דאס איז ניט קיין ריכטיגע קידושין, אבער דאך איז עס ניט ווייניגער ווי א קנין. און אויך וואס רבי חגי האט איהם פארזיכערט, אז די השגחה עליונה וועט איהם געוויס צוריק ברענגען אין א גוטען באשטאנד. דארורך האט ער אלע שידוכים ענטזאגט, און ער האט געווארט ביז וואנען ער וועט שוין אליין פארשטעהן דעם גוטען באשטאנד וואס ער דארף באקומען פאר זיין גרויס פלאגעניש.

## (35)
## די גרויסע ריכטיגע הילף איז אנגעקומען צו דעם בחור.

דאן איז געהערט געווארען א קלאנג, וועלכעס איז מפורסם געווארען אלע מאהל שטארקער, אז דער איטאליענישער קעניג ליידעט פון א צרעת, וועלכעס די דאקטוירים קענען איהם ניט אויסהיילען. און דער קייזער האט באקאנט געמאכט זיינס א באפעהל. אז וועלכער דאקטאר עס וועט איהם אויסהיילען פון זיין צרעת, וועט ער איהם שענקען א האלבע מלוכה. דער בחור איז פון דעם געוואהר געווארען. האט ער שוין פארשטאנען אז דאס וועט איהם טאקי ברענגען די ריכטיגע ישועה, און ער וועט דורך דעם קומען צו א גרויסען גוטען באשטאנד, דורך וועלכען ער וועט קענען אהיים קומען בכבוד גרול. ער האט באלד אוועקגעשריבען א בריעף צום קייזער, אז ער קען זיך אונטערנעהמען איהם גענצליך אויסהיילען פון זיין צרעת. זעלבסטפארשטענדליך אז מען האט באלד נאך דעם בחור געשיקט. ער האט מיטגענומען די ריכטיגע רפואה און איז צום קייזער אבגעפאהרען.

בכבוד גדול, כי יען שהיה מלומד בהרבה שפות עשה רושם טוב, ומצא חן ושכל טוב בעיני כל רואיו. כמובן התנהג כדרך הרופאים. נכנס עם המלך לחדר מיוחד להתבונן במחלתו, והבטיחו כי בעוד שלשת ימים הצרעת תעלם ממנו כלה, ועוד יתכסה בעור חדש ויפה כעור ילד קטן. הקיסר עם כל מרבית ביתו שמחו על דבריו. ואך רופאי המלך שלא יכלו לרפאותו לא האמינו לדבריו, והביטו עליו בשחוק על שפתם. התלמיד הרופא התחיל ליתן רפואות שלו להקיסר, והוא הרגיש מיד ביום הראשון שמחלתו נשברה, כי הכאב עבר חלף לו. וביום השלישי לא היה עוד כל רושם מן מחלת הצרעת, כי כל גופו נתכסה בעור חדש ויפה כעור ילד קטון.

כאשר ראו שהקיסר נרפא באמת עשו להתלמיד הרופא כבוד גדול בהיכל המלך. ולבסוף אמר לו הקיסר: „ידידי אהובי יקירי! בלי ספק אתה שמעת הבטחתי, כי חצי המלכות ינתן לזה אשר ירפא את הקיסר. ועתה עליך לברור לך איזה חצי המלכות טוב בעיניך לקחתו. וכאשר אני רואה חכמתך בטוח אני כי תדע ותבין איך לנהל המלוכה. ומלבד כל זאת אם עוד אינך בעל אשה תברור לך אחת מבנותי היפות לאשה, כי כלנו אוהבים אותך מאד.“

אמנם אך תורתו ויראתו הקודמת לחכמתו עמדה לו לעמוד בנסיון גדול הזה. ויען התלמיד הרופא ויאמר אל הקיסר: „אדוני המלך! ראשית דבר אני נותן תודה רבה אל הקיסר על חסדו עמדי. אבל אינני רשאי להעלים דבר מאת הקיסר, כי יהודי אנכי מעיר לוד אשר במדינת פלשתינא, ויש לי שם אשה גם. אבותי עודם בחיים, ואני מתגעגע לראותם בקרוב. ואך מן השמים נסבב שאבוא לארץ הזאת בשביל לרפא את

---

ביים קייזער איז דער בחור אויפגענומען געוואָרען בכבוד גדול. ער האָט געמאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק און האָט נושא חן געווען ביי יעדען, ווייל מען האָט געזעהן אז ער קען רעדען אויף עטליכע שפּראַכען, איז קענטיג געווען אז ער איז אַ הויך געבילדעטער מענש. ער איז אריינגעקומען צום קייזער, האָט איהם באַטראַכט, און האָט איהם פאַרזיכערט, אז צייט דריי טעג וועט ער זיין פאָלקאָם געזונד, נאָך מיט אַ שעהנערע הויט ווי פריהער. אַלע האָבען זיך זעהר פאַרוואונדערט אויף זיינע רייד, און די גרויסע דאָקטוירים וואָס זיינען דערביי געווען האָבען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען איהם אָנגעקוקט, ניט גלויבענדיג זיינע הבטחות. אַבער ער האָט זיך געטהון וואָס ער האָט געדאַרפט טהון; און באַלד נאָך די ערשטע רפואה האָט שוין דער קייזער אָנגעהויבען שפּירען אַ בעסערונג. און אוים'ן דריטען טאָג איז שוין גאָר ניט געווען צו דערקענען, אז אויף דעם קערפּער איז אַמאָהל אַ צרעת געווען, ווייל אַ שעהנע יונגע הויט האָט באַדעקט דעם קייזער'ס קערפּער, אַזוי ווי ביי אַ ניי־געבוירען קינד.

ס'איז ניט צו באַשרייבען דעם כבוד וואָס דער בחור האָט באַקומען פון קייזער, פון די קעניגען און פון אַלע הויפּסלייטע. אום ענדע האָט דער קייזער צו איהם געזאָגט: „מיין טייער פריינד! אַזוי ווי דו ווייסט אַז איך האָב צוגעזאָגט אַ האַלב קעניגרייך צו דעם וואָס וועט מיך אויסהיילען. אַלזאָ קלויב דיר אוים וועלכע העלפט קעניגרייך דיר געפעלט בעסער, און אויב דו ביזט נאָך ניט פאַרהייראַט קענסטו דיר אויסקלויבען איינע פון מיינע פּרינצעסענס פאַר אַ פרוי“.

דער בחור האָט געענטפערט צום קייזער: „אדוני המלך! ערשטענס דאַנק איך זעהר דעם קייזער פאַר זיין גנאָדע. אַבער איך מוז דעם קייזער זאָגען די וואַהרהייט, אַז איך בין אַ איד פון שטאָדט „לוד“ אין פּאַלעסטינאַ, איך האָב שוין דאָרט אַ פרוי. מיינע עלטערן זיינען אויך דאָרט אין „לוד“. און דאָס איז גאָר פון הימעל אַזוי צוגעגרייט געוואָרען, איך זאָל פאַרלאָזען מיינע עלטערן און מיין פרוי, אַהערצוקומען היילען דעם קייזער, וועלכעס קיינער

הקיסר. ועתה כי מלאתי שליחותי חפץ אני לחזור לנסוע לעיר מולדתי. ובאם טוב בעיני הקיסר לתת לי מתנה, אינני רוצה חצי המלכות. ורק שתי בקשות אני מבקש מאת הקיסר. אחת, שהקיסר יבטיח לי שלא ילחץ את בני עמי היושבים במדינות המלך על ידי גזירות רעות, רק יהיה להם זכות שוה כמו שאר אנשי מדינותיך. והשנית אני מבקש עבורי. כי כאשר מלכי פלשתינא ואיטליא הם משפחה אחת ויש בלתי ספק התקשרות של נימוסי המלכות ביניהם, לכן בקשתי שיצא דבר מלכות שהעיר לוד עיר מולדתי תנתן לי במתנה להיותה אחוזת נחלתי, ושאשיג מן הממלכות תואר הכבוד של שר גוברנטור להיות לי משפט הממשלה בעירי כרצוני. ועל דבר נסיעתי לעיר מולדתי אבקש שהקיסר ישלחני לארצי עם אניה כבודה המיוחדת לשרי המלכות, מן צבא המלך וינתן לי מאה אנשי חיל ללות אותי לעיר לוד, ואחרי כן אשלחם בחזרה על אותה האניה. וכל זה יהיה נעשה בהוצאות אוצר הממשלה."

ויאמר אליו הקיסר: „הלא אם יהודי אתה, אוכל לאמר עליך שאתה כמו אלישע הנביא, אשר ריפא לשר צבא נעמן מצרעתו. ועל דבר הבקשות שלך אוכל לענות לך אדות בקשה הראשונה. כי מעת ישבתי על כסא המלכות עוד לא יצאה ממני גזרה רעה מיוחדת על עם ישראל. ואני מבטיחך כי כך אתנהג תמיד, לתת זכות שוה לכל נתוני מלכותי בלי הבדל דת ולאום. ועל דבר בקשתך השנית, האמנם כי נפלאת היא בעיני אשר מן חצי המלכות תברור לך רק עיר אחת שהוא דבר קטון. וזאת תזכירני עוד ממופתי אלישע הנביא, כי אחר שריפא לשר הצבא נעמן לא חפץ לקחת ממנו

---

איז ניט אומשטאנד דאס צו באווייזען. אצינד אז איך האב שוין מיין מיסיאן ערפילט, דארף איך צוריק אהיים פאהרען אין מיין געבורטס שטאדט. און אויב דער קייזער וויל מיר טהון א גנאדע צו געבען עפעס א מתנה. פארלאנג איך ניט קיין האלבע קעניגרייך. נאר איך פארלאנג פון קייזער צוויי זאכען. ערשטענס, זאל דער קייזער מיר צוזאגען, ניט צו לאזען פארפאלגען די מענשען פון מיין פאלק וואס געפונען זיך אין קייזער'ס קעניגרייך. צווייטענס, פארלאנג איך, אזוי ווי די קעניגרייכען פון פאלעסטינא און פון איטאליען זיינען פארוואנדערט און פארקניפט איינער מיט'ן צווייטען. זאל ווערען באשטימט פון דיביידע רעגירונגען אז די שטאדט „לוד" ווערט מיר געגעבען אלס מיין אייגענשאפט, איך זאל האבען דעם טיטול גובערנאטאר פון שטאדט „לוד". און דער קייזער זאל מיך אהיים שיקען מיט א באזונדערע שיף פאר מיר, און זאל מיר מיטגעבען הונדערט זעלנער. וועלכע זאלען מיך באגלייטען, ביז איך וועל אהיים קומען, נאכהער וועלען די זעלנער צוריק פאהרען מיט די זעלבע שיף".

דער קייזער האט געגעבען אזא ענטפער צום בחור: „אויב איהר זייט א איד, קען איך אייך זאגען אז איהר זענט דער צווייטער „אלישע" דער נביא, וואס האט אויסגעהיילט דעם גרויספירשט נעמן פון א שרעקליכען צרעת. אצינד וועגען אייערע צוויי בקשות, קען איך אייך ענטפערען אויף די ערשטע בקשה, אז זינד איך בין ארויף אויפ'ן טראהן, האב איך נאך ניט ארויסגעגעבען קיין אויסנאהם גזרה באזונדער פאר'ן אידישען פאלק. און איך פארזיכער אייך, אז איך וועל זיך אימער אזוי פיהרען, אלע מיינע אונטערטאנען זאלען האבען א גלייכע רעכטע.

און וועגען די צווייטע בקשה, איז אפילו מיר א וואונדער פאר וואס איהר פאדערט נאר אזא קליינינקייט, פון א האלבע קעניגרייך אויף איין שטאדט. דאס דערמאנט מיך אויך וועגען אייער גרויסען נביא „אלישע" וואס ער האט פון דעם גרויספירשט „נעמן" אויך ניט געוואלט קיין מתנות נעמען. דארום וועט אייערע קליינע פאדערונג געווים גענצליך ערלעדיגט ווערען. אבער דאס מוז געדויערען א קליינע צייט, ביז וואנעט די זאך וועט געזעצליך

מאומה. אמנם תוכל להיות בטוח שבקשתך הקטנה הזאת אמלא עם שאר בקשות הקטנות אשר שאלת ממני. אבל דבר זה אין ביכולת להיעשות כרגע, רק אחר איזה זמן קצר שאשלח הצעה הזאת למלכות רומי. ואחר שיעשה כתב חוזה אדות זה בין שתי הממלכות, אז יכתב ויחתם כדת המלכות שהעיר לוד ניתנה לך במתנה לאחוזת נחלה עד עולם, ושאתה מושל היחידי שם בתואר הכבוד של שר גוברנטור. ובמשך קצר הזה אתה תשב פה, ויוכן עבורך אניה כבודה מבית המלכות עם מאה אנשי צבא שיסעו עמך ללותך לעיר לוד, כיאות לשר המלך".

אחרי כן הובא עבור התלמיד הרופא בגדי שרי מלכות, כיאות לשר גוברנטור, וגם הרבהזהב ניתנה לו במתנה. ובמשך חודש ימים נגמר הכתב חוזה כתוב וחתום מן שתי הממלכות, גם הוכנה אניה כבודה עם מאת אנשי צבא ללותו. אחר שנעשה כל ההכנות נקרא התלמיד — גוברנטור לבית המלך לקחת ממנו ברכת הפרידה. ויפצר בו הקיסר שיקח גם מתנות יקרות לאות מזכרת עולם, ולא היה ביכולתו להשיב פניו ריקם לסרב נגד רצון הקיסר ויקח המתנות. ויפרד ממנו באהבה רבה ובכבוד גדול.

(לו)

תלמיד העני נעשה מושל העיר ונושא את בת זוגתו.

כאשר ישב התלמיד על האניה, נשא עיניו לשמים ויודה להשם יתברך על חסדו הגדול עמדו, ואמר על עצמו על דרך הכתוב כי במקלי עברתי את הים הזה ועתה הייתי למחנה גדולה. וישמח בלבו גם על העתיד, כי ראה שכל דברי רבו רבי הגי נתקיים כדברי נביאות, אשר אמר שהשגחה העליונה תביאהו בחזרה במצב

---

אדורכגעפיהרט ווערען צווישען די צוויי רעגירונגען, פון וועלכע עס וועט אריינגעשיקט ווערען צו אייך א דאקומענט כתוב וחתום פוןביידע רעגירונגען, אז די שטאדט „לוד" באלאנגט איינגאנצען צו אייך, און אז איהר באקומט דעם טיטול גובערנאטאר פון שטאדט „לוד". און איבער די קליינע צייט, וואס איהר וועט נאך פארווייליען אין דיזען לאנד, וועט שוין צוגעגרייט ווערען פאר אייך א שיף מיט הונדערט זעלנער, וועלכע וועלען אייך אהיים אבפיהרען מיט גרויס כבוד, אזוי ווי עס פאסט פאר א גובערנאטאר".

נאכדעם האט מען געבראכט פאר'ן בחור בגדי מלכות, וואס פאסט פאר א גובערנאטאר מיט א גאלדענע שווערד. און ווען ס'איז פארטיג געווארען דער דאקומענט כתוב וחתום פון ביידע רעגירונגען, אז די שטאדט „לוד" באלאנגט שוין צו איהם, און אז ער איז באטיטולט געווארען מיט'ן טיטול גובערנאטאר, איז שוין דאמאלסט געוועזן צוגעגרייט פאר איהם א שעהנע שיף מיט הונדערט זעלנער. דער בחור איז גערופען געווארען צום קייזער נעמען אבשייד. דער קייזער האט איהם אנדערש ניט אבגעלאזט, נאר אז ער זאל צונעמען די קייזערליכע מתנות, וועלכע זיינען פאר איהם צוגעגרייט געווארען. ער האט דאס געמוזט צוליעב טהון דעם קייזער און ער האט אבגערייזט פון דארט בכבוד גדול.

(36)

דער ארימער ישיבה בחור פאהרט שוין אהיים אלס גובערנאטאר און האט חתונה מיט זיין ריכטיגען זיוג.

ווען דער בחור איז שוין געזעסען אויף דער שיף אלס גובערנאטאר, האט ער אויפגעהויבען זיינע הענר צום הימעל, און האט געדאנקט דעם אויבערשטען פאר זיין גרויסען חסד, אויף וועלכען ער האט געזאגט אזוי ווי דער פסוק „כי במקלי עברתי את הים הזה ועתה הייתי למחנה גדולה". בלויז מיט מיין שטעקען בין איך אריבערגעפאהרען דיזען ים, און אצינד

טוב. ולכך היה בטוח כי גם שאר דבריו אשר אמר, שבת היחידה של דודו העשיר היא זיווג שלו מן השמים, כמו כן יתקיימו. אבל החליט בדעתו שכאשר יבוא לעיר לוד אל יפרסם תיכף מי הוא, רק ימתין על שעת הכושר לזה.

כמובן כבר באה לעיר לוד ידיעה מן רומי שיבוא אליהם שר גוברנטור חדש, ושיקבלוהו בכבוד גדול. וכאשר היה התלמיד-גוברנטור סמוך לעיר לוד דרך שלשת ימים, שלח ידיעה להעיר' כי בעוד שלשת ימים יבוא. וינקו ויפארו את העיר כראוי. ויהי ביום השלישי יצאו לקראתו כל בית פקודת השוטרים אשר בעיר, עם כל אנשים חשובים בכלי זמר, לקבל את פני הגוברנטור החדש, ויבא העירה בכבוד גדול. ולא עלתה על דעת איש לחשוב שזה הוא בן הישיבה העני.

ויהי בערב ויאמר הגוברנטור שרוצה לנסוע לטייל בעיר לראות סדרי העיר. ויסע במרכבה כבודה עם שוטרים רכבים כמנהג גוברנטור. והנה נזדמן לו הדרך לטייל באותו הרחוב אשר דר בו דודו העשיר. ויכיר מרחוק את הבית. אבל התפלא על מה שראה שם לפני הבית הרבה אנשים עומדים נכנסים ויוצאים. ובפנים הבית היה נראה אור גדול. כאשר היה לפני הבית שמע בפנים קול מנגנים בכלי זמר. ויפקוד הגוברנטור להעמיד המרכבה ושלח לשאול מה היא אספת אנשים כאן. והוא עשה עצמו כאילו אינו מכיר רק שפת אטלקית. ובאה אליו התשובה שבבית הזה נעשה התונה, כי בת בעל הבית אשר שמו כך וכך תכנס מיד לחופה. ויפקוד הגוברנטור לאמר שימתינו עליו

---

בין איך געוואָרען רייך מיט אַ גרויסע מתנה. ער האָט שוין געזעהן אַז דאָס נביאות פון זיין רבי'ן איז מקוים געוואָרען, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז די השגחה עליונה וועט איהם צוריק ברענגען אין אַ גוטען באַשטאַנד, דאַדורך איז ער געווען זיכער, אַז אויך דאָס אַנדערע נביאות, וואָס זיין רבי האָט איהם געזאָגט, אַז ער איז זיכער, אַז די בת יחידה פון זיין רייכען פעטער איז זיין ריכטיגער זיוג מן השמים, וועט אויך מקוים ווערען. אָבער ער האָט ביי זיך אָנגעפאַסט, אַז ווען ער וועט אַריינקומען אין שטאָדט „לוד" זאָל ער זיך ניט באַלד אויסגעבען ווער ער איז, נאָר ער זאָל וואַרטען אויף אַ גינסטיגען מאָמענט.

אַז דער בחור-גובערנאַטאָר איז שוין געווען ניט ווייט פון שטאָדט „לוד" האָט ער געגעבען אַ ידיעה צו דער שטאָדט, אַז דער נייער גובערנאַטאָר קומט אָן אין דריי טעג אַרום. עס פאַרשטעהט זיך אַז וועגען אַ נייעם גובערנאַטאָר איז שוין פריהער געווען אַ ידיעה, אַז ער וועט קומען און אַז מען זאָל איהם אויפנעמען מיט פּאַראַד. מען האָט די שטאָדט אויפגעפּוצט שעהן און צוגעגרייט די פּאָליסלייט זאָלען אכטונג געבען אויף אָרדענונג. אויפ'ן דריטען טאָג זיינען אַלע גרויסע לייט פון שטאָדט מיט מוזיק אַקעגען געגאַנגען, און זיי האָבען אויפגענומען דעם נייעם גובערנאַטאָר מיט אַ גרויסען פּאַראַד. קיינעם איז ניט איינגעפאַלען, אַז דאָס איז אַ איד, און נאָכדערצו אַז דאָס איז דער אָרימער ישיבה בחור.

אין דעם זעלבען אָוועגט איז דער בחור-גובערנאַטאָר אַרויסגעפאָהרען שפּאַצירען, אַזוי ווי אַ גובערנאַטאָר דאַרף פאָהרען אין אַ קייזערליכען וואָגען, מיט רייטער פּאָליציי פון ביידע זייטען, צו זעהן וואָס טהוט זיך עפּעס אין שטאָדט. איז אויסגעקומען ביים שפּאַצירען ער זאָל פּונקט פאַרבייפאָהרען פאַר דעם הויז פון זיין רייכען פעטער. ער האָט דאָס הויז באַלד דערקענט. און דאָרט האָט ער געזעהן אַז אינוועניג איז זעהר ליכטיג, עס הערט זיך שפּילען און פאַר די טהיר אין דרויסען שטעהן נייגעריגע מענשען. האָט זיך דער גובערנאַטאָר אָבגעשטעלט, און האָט געהייסען פרעגען, וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט זיך געמאַכט גלייך ער קען ניט דיידען אידיש, ער האָט נאָר גערעדט איטאַליעניש. האָט מען איהם געענטפערט, אַז דאָ קומט פאָר אַ חתונה ביי אידען, וואָס זייערע נעמען זיינען אַזוי און אַזוי. האָט ער גע־

עם החופה, כי הוא רוצה לראות מנהגי היהודים איך שעושים חתונה. ותיכף יצאו החוצה אביה ואמה של הכלה. אם הכלה בקשה רשיון לנשק את יד הגוברנטור, ותנשק את ידו ובקשה אותו ליכנס לביתה ולראות כלילת בתה היחידה.

כאשר בא הגוברנטור לבית החתונה ראה שהחתן עומד תחת החופה מוכן לקדש את הכלה, ורק ממתינים על כניסת הכלה. ותיכף באו לבית השושבינים שהובילו את הכלה להכניסה תחת החופה. הגוברנטור הכיר את הכלה ואת כל הנאספים אבל אין אחד מהם יכל להכירו, כי כל דבריו היו רק על ידי מליץ. ויפקוד הגוברנטור לבקש מאת הכלה שתמתין ותשב מעט על כסא, כי הוא חפץ לדבר עמה דבר מה. מיד הציגו שני כסאות עבור הכלה ועבור הגוברנטור וישבו שניהם. כל הנאספים הביטו באימה ובתמהון לבב ולא הבינו מה לפניהם.

אז הוציא הגוברנטור מצלחתו נייר כתוב. ועשה עצמו כאלו קורא איזה בקשה מן הנייר. ויצו לאמר להכלה, כי היום הגיש אליו אחד מן מאת אנשי הצבא שבאו עמו, כתב בקשה לעשות משפט. באשר שהוא היה החתן של אותה הכלה שקדשה ככר בטבעת כמנהג ישראל עוד לפני שנתים ימים, ועתה בא אחר לקדשה. ויצו הגוברנטור לשאול את הכלה אם אמת הדבר, וגם אם עדיין היא עומדת בדיבורה והבטחתה לקחת את החתן הראשון. הכלה ענתה כי אמת הדבר, וכי היא מצדה אין ברצונה לשנות דיבורה והבטחתה, אף אם החתן הראשון עובד עתה בחיל הצבא, אבל הלא היא לא תוכל ללכת נגד רצון הוריה.

ויהי כאשר שמעה אם הכלה המדובר

---

הייסען זאגען מען זאל אויף איהם ווארטען, ער וויל זעהן ווי אזוי ס'געהט צו א חתונה ביי אידען. די עלטערען פון די כלה זיינען באלד ארויסגעקומען. די מוטער פון די כלה האט גענומען ערלויבעניש, זי האט געגעבען דעם גובערנאטאר א קוש אין האנד און זי האט איהם פארבעטען אין שטוב אריין.

ווען דער גובערנאטאר איז אריינגעקומען האט ער שוין געטראפען דעם חתן שטעהן אונ־טער די חופה, און מען האט נאר געווארט מען זאל אריינפיהרען די כלה. און באלד איז אריינ־געפיהרט געווארען די כלה מיט כלי זמרים כמנהג ישראל. דער גובערנאטאר האט די כלה באלד דערקענט, אבער דעם גובערנאטאר האט קיינער ניט דערקענט. האט דער גובערנאטאר געהייסען בעטען די כלה, אז איידער זי געהט צו דער חופה זאל זי זיך זעצען אויף א שטוהל, ווייל ער וויל זי עפעס פרעגען. די כלה האט זיך געזעצט אויף איין שטוהל און דער גובער־נאטאר האט זיך אויך געזעצט אויף א שטוהל. דערנאך האט דער גובערנאטאר ארויסגע־נומען פון טאש עפעס א פאפיער און אריינקוקענדיג אין דעם פאפיער, האט ער געהייסען זאגען די כלה, אז ער האט היינט דערהאלטען א ביטע פון א זעלנער, וואס געפינט זיך צווישען זיינע הונדערט זעלנער, אז אזוי ווי ער איז דער ריכטיגער חתן פון די כלה, ווייל ער האט זי נאך מיט צוויי יאהר צוריק מקדש געווען, אלזא האט זי ניט דאס רעכט חתונה צו האבען מיט אן אנדערען חתן. דערביי האט דער גובערנאטאר געהייסען פרעגען די כלה, זאל איהם געבען א ריכטיגען ענטפער, צו די מעשה, איז אמת, און אויב זי וויל ניט ברעכען איהר צוזאג צום ערשטען חתן. די כלה האט געענטפערט, אז די מעשה איז טאקי אמת, און אז פון איהר זייט וואלט זי ניט געוואלט ברעכען איהר ווארט, זאגאר ער איז היינט א זעלנער, אבער זי קאן דאך ניט געהן דאגעגען איהרע עלטערען.

אז די מוטער האט דערהערט, ווענען וואס דא האנדעלט זיך איז זי אוועקגעפאלען אין חלשות. ווען זי איז צו זיך געקומען האט זי קוים ארויסגעמורמעלט די ווערטער: „וואס־א זעלנער זאל איך געבען מיין איינציגע טאכטער פאר א מאן!" האט דער גובערנאטאר גע־

ביניהם נתעלפה ונפלה באין אונים. וכאשר הושיבו את רוחה צעקה בקול חלש: „אוי, ואבוי! מה אני שומעת האם אתן את בתי לאיש מאנשי הצבא ? הה!“ ויצו הגוברנטור לאמר לה שלא תצטער, וכי בעבורה יעשה אותו לשר על כל אנשי הצבא, ולא יהיה עוד איש צבא פשוט. אבל האם צעקה מרה, שאין ברצונה ליתן לבתה איש צבא להתן אף אם יעשה לשר. אז קם הגוברנטור מכסאו ואמר בקול נוגש, לא על ידי מליץ כי אם בשפת יהודית בזה הלשון: „אם כן שלא תחפץ לקחת חתן, לא איש צבא פשוט, וגם לא שר הצבא, אין עתה עצה אחרת כי אם שהגוברנטור עצמו יהיה החתן שלה!“ כל הנאספים נבהלו מפניו ונסוגו אחור באין מלה בלשונם.

אחר זה התחיל הגוברנטור לדבר עם הכלה בשפת יהודית ויקרא אותה בשמה. ואמר לה דבריו האחרונים שאמר לו רבו רבי חגי בעת הפרידה, כי הלא אף אם אין ממש בקידושין כאלו, אבל מכל מקום הרי זה איזה קנין והתקשרות. וישאל אותה אם זוכרת הקידושין בפני שני העדים אש ומים, ואם עתה מכרת מי הוא זה העומד לפניה. הכלה קמה מכסאה משתאה ומחרשת ומבטת עליו בתמהון, רק הרכינה לו ראשה והושיטה לו ידה בדברי שלום.

לאט לאט נודע לכל הנאספים מה שנעשה, ומי הוא זה הגוברנטור. אז אמרו כלם שעתה רואים כי זה הוא זיוג מן השמים. החתן שעמד תחת החופה כאשר שמע חדשות הזאת נסג אחור ויצא מבית החופה בהחבא. ובמהירות הבזק נתפשט הקול בעיר לוד מחדשות הזאת. ויבואו מיד אביו ואמו וכל משפחתו של הגוברנטור. וגם נתנו מהר ידיעה מזה להאש הישיבה רבי חגי שמיהר ובא גם הוא לבית. כלם נפלו על פניו וינשקו אותו בדמעות. עוד באותו הלילה נכנס הגוברנטור לחופה עם בת

---

הייסען איהר זאָגען, אז אויב זי שעהמט זיך מיט א פּראָסטען זעלנער, וועט ער איהם מאַכען באַלד פאַר אַן אָפיציער. אָבער די מוטער האָט געהאַלטען אין איין שרייען, אז זי וויל ניט קיין זעלנער, און זי וויל אויך ניט קיין אָפיציר. דאַן האָט זיך דער גובערנאַטאָר א שטעל אויף געטהון, און ער האָט שוין גאָר א געשריי געטהון אויף אידיש: „אויב אַזוי! אויב ניט קיין זעלנער און ניט קיין אָפיציר, מוז ער שוין זיין דער גובערנאַטאָר זעלבסט“. דער גאַנצער עולם פון שטוב זיינען געבליבען ערשטוינט, ווען מען האָט דאָס געזאָלט איינפאַלען אז דאָס איז טאַקי דער חתן.

דער גובערנאַטאָר האָט באַלד אָנגעהויבען ריידען צו דער כלה אויף אידיש, און אָנרופענדיג זי ביים אידישען נאָמען, האָט ער צו איהר געזאָגט די לעצטע ווערטער פון זיין רבי'ן, וואָס האָבען איהם אימער נעקלונגען אין די אויערען, אז אויב דאָס איז ניט געווען קיין ריכטיגע קידושין, איז עס דאָך ניט ווענינער ווי א קנין. ער האָט זי אויך געפרעגט, צו זי געדענקט נאָך אז זיי האָבען זיך געגעבען די הענד פאַר די צוויי שטומע עדות, דאָס פעסעל וואַסער מיט דעם פייער וואָס האָט זיך געברענט אויפ'ן קוימען. די כלה איז געבליבען זיצען א פאַרצווייפעלטע, און זי האָט קיין וואָרט ניט געקענט ענטפערען.

ביסלעכווייז האָט זיך דער גאַנצער עולם באַרוהיגט, יעדער האָט שוין פאַרשטאַנען ווער דער גובערנאַטאָר איז, אַלע האָבען שוין געזאָגט אז געוויס איז דאָס פון הימעל א באַשערטער זיווג. דער חתן וואָס איז געשטאַנען אונטער דער חופּה האָט באַלד זיך אָבגעטראָגען. שנעלבליץ איז די ידיעה פאַרשפּרייט געוואָרען אין דער גאַנצער שטאָדט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. מען האָט באַלד געשיקט נאָך זיינע עלטערען און אויך נאָך דעם ראש ישיבה רבי חגי. זיי האָבען זיך אַלע דערקענט און צוקושט זיך מיט טרעהרען און מיט גרויס פרייד. און טאַקי

זיגו שנכרז לו מן השמים. הראש ישיבה רבי חגי היה מסדר הקידושין והעיר לוד צהלה ושמחה!

רבי יצחק נהנה מאד מן אותו סיפור המעשה. ואמר לרבי יהודה כי במקרה כזה יוכל כל איש לראות ולהבין השגחת הבורא איך הוא מסבב סבות בעניני זווגים שיסתיים הדבר כמו שנכרז בשמים, ועל זה כתוב „בית והון נחלת אבות ומהשם אשה משכלת“.

עוד אמר רבי יצחק הן מלבד שסיפור מעשה הזה סיפור נאה בפשטיות, אמנם אני רואה בזה סמל עם ישראל בגלות והחזרתם לארץ ישראל ביד רמה. רבי חגי ראש הישיבה רמז על הקב״ה. תלמיד העני רמז על עם ישראל. הכלה רמז על השכינה הקדושה. אם הכלה רמז על מדת הדין. חתן השני רמז על שאר האומות. לוד רמז על ארץ ישראל. ואם לא יזכו ישראל להגאל באופן של אחישנה, אלא באופן של בעתה, אז יגאלו באופן שיהיה נראה שהיא על פי דרך הטבע, והגאולה תתנוצץ מעט מעט, כמו שדרשו החברים על הפסוק „מי זאת הנשקפה כמו שחר יפה כלבנה ברה כחמה“ שאור הגאולה יתגדל ויתחזק לאט לאט יותר ויותר, עד שיסכימו כל האומות להחזיר ארץ ישראל לעם ישראל, כמו שהסכימו על העיר לוד שתנתן לתלמיד הישיבה. וכעין כל המאורעות שאירע לתלמיד העני יארע לעם ישראל קודם שתתחיל להתנוצץ אור הגאולה.

---

אין דער זעלבער נאכט האט דער גובערנאטאר מקדש געווען זיין כלה. רבי חגי איז געווען דער מסדר קידושין. והעיר „לוד“ צהלה ושמחה.

רבי יצחק האט זעהר הנאה געהאט פון דער סיפור המעשה. זאגענדיג, אז ביי אזא מעשה זעהט יעדער די השגחת הבורא אין ענינים פון זיוג, אזוי ווי דער פסוק זאגט „מהשם אשה משכלת“.

נאך דעם האט רבי יצחק געזאגט. מען דארף פארשטעהן, אז אויסער דעם וואס די מעשה איז א גאנץ שעהנע, איז גאר די גאנצע געשיכטע דער סימבאל פון אידישען פאלק אין גלות, און פון זייער ווידערקערונג קיין ארץ ישראל מיט שטאלץ. רבי חגי, דער ראש ישיבה באווייזט אויפ׳ן אויבערשטען. דער ארימער ישיבה בחור באווייזט אויפ׳ן אידישען פאלק. די כלה באווייזט אויף די הייליגע שכינה. די מוטער פון די כלה באווייזט אויפ׳ן מדת הדין. דער אנדערער חתן באווייזט אויף פרעמדע פעלקער. די שטאדט לוד באווייזט אויף ארץ ישראל. און אויב די גאולה וועט ניט קענען זיין פריהער פאר די אויסגעזעצטע צייט, דאן וועט די גאולה זיין אויף אזא ארט אז עס וועט זיך דאכטען אלס א נאטירליך ערשיינונג, אז אלע פעל־קער וועלען איינשטימען אבצוגעבען ארץ ישראל צום אידישען פאלק, אזוי ווי דא איז אבגע־געבען געווארען די שטאדט לוד צו דעם ארימען תלמיד, און אויך אזעלכע עהנליכע צרות ווי דער ארימער תלמיד איז אויסגעשטאנען, וועלען אידען ליידען אין גלות, ביז די ליכטיגקייט פון דער גאולה וועט אנהויבען שיינען.

## (לז)

## ההורים שמתו באים מן גן העדן לחופת היתום שלהם.

רבי אחאי מן החברייא קדישא, כשנסתלק נשארו ממנו שתי בנות יתומות קטנות בלי אב ואם, כי אשתו מתה עוד קודם. ורבי אבין שמתו כל בניו בקטנותן, לקח לביתו אותן שתי היתומות של רבי אחאי לגדלן כבנותיו. כאשר נתגדלו היה רבי אבין מבקש עבורן שידוכים טובים להשיאן בכבוד כאשר יאתה לבנות רבי אחאי.

כאשר הגיע יום כלילת היתומה הראשונה, היה רבי אבין בעצמו מסדר הקידושין. ויהי כאשר לקח את הכוס יין לידו לומר הברכות תחת החופה, נפל הכוס מידו לארץ. רבי אבין נתבהל מעט, אבל חשבו הדבר למקרה טבעי, יען כי היה המון גדול אצל החופה אמרו שעל ידי דחיפה בידו מאיזה איש נעשה זאת. מזגו לו פעם שנית את הכוס, גם עשו מקום מרווח סביבו, ורבי אבין תפס היטב בידו את הכוס. ושוב קרה מקרה, שידו של רבי אבין התחילה להזדעזע, עד שהיין נשפך מעט מעט מן הכוס. ולאחר שהוסיפו בו יין עוד אירע כך. אז אמר רבי אבין: „הן אני רואה שאינני כדאי להיות מסדר קידושין של בת רבי אחאי. האמנם שאינני מבין מה חטאי ומה פשעי אבל מסתמא כך צריך להיות". ובכן היה רבי אבין מכבד לאחר שיאמר הברכות על הכוס, ועלה בידו.

בשעת הסעודה היו כל הנאספים שמחים בשמחת חתן וכלה, ואף רבי אבין

---

## (37)

## די טויטע עלטערן קומען פון גן עדן צו דער חופה פון זייער יתום.

רבי אחאי, אויך איינער פון די „חברייא קדישא" אז ער איז נפטר געווארען, איז געבליבען צוויי מיידלעך יתומות, אהן פאטער און מוטער, ווייל זיין פרוי איז נאך פריהער געשטארבען. און רבי אבין, וואס זיינע קינדער זיינען יונגערהייט אויסגעשטארבען, האט ער גענומען צו זיך די צוויי מיידלעך יתומות, וואס זיינען געבליבען פון רבי אחאי, ער זאל זיי מגדל זיין, אזוי ווי זיינע אייגענע קינדער. ווען זיי זיינען גרויס געווארען האט רבי אבין געזוכט פאר זיי שידוכים, ער זאל זיי חתונה מאכען בכבוד, אזוי ווי עס פאסט פאר רבי אחאי'ס טעכטער.

ווען רבי אבין האט חתונה געמאכט די עלטערע יתומה, איז ער אליין געווען דער מסדר קידושין. ווען ער האט גענומען דעם כוס וויין אין האנד צו זאגען די ברכות אונטער די חופה, האט ער אראפגעלאזט דעם כוס וויין אויף דער ערד. ער איז געווארען אביסעל איבערגעשראקען, נאר מען האט דאס אנגענומען פאר נאטירליך, ווייל ס'איז געווען א גרויסער עולם ביי דער חופה, האט מען גערעכענט, אז דורך א שטויס אין האנד פון די ארומיגע מענשען איז דאס געשעהן. האט מען אנגעגאסען נאך אמאהל דעם כוס, און רבי אבין האט שוין געהאלטען פעסט דעם כוס אין האנד, און אויך האט מען געמאכט גרוימער ביי דעם ארט וואו רבי אבין איז געשטאנען. האט ווידער עפעס נייעס פאסירט. רבי אבין'ס האנד האט אנגעהויבען טרייסלען, אזוי אז דער וויין האט זיך צוביסלעך ארויסגעגאסען פון כוס, און וואס מען האט דערגאסען האט זיך ווידערהאלט דאס זעלבע. האט רבי אבין געזאגט: „איך זעה אז איך בין ניט ווערטה צו זיין דער מסדר קידושין ביי רבי אחאי'ס טאכטער, איך ווייס אפילו ניט מיט וואס איך האב מיך פארזינדיגט, נאר מסתם איז ריכטיג אזוי". אלזא האט ער מכבד געווען אן אנדערען צו זאגען די ברכות, און ס'איז אדורכגעגאנגען.

ביי דער סעודה זיינען אלע פארזאמעלטע געווען פרעהליך, אזוי ווי אויף א חתונה, אבער רבי אבין איז געזעסען טרויעריג און פארזארגט, ווייל ער האט פארשטאנען אז די פאסירונג

ישב מלא תוגה בלב דואג, כי הוא הבין שלא היה זה מקרה פשוט תחת החופה, וכי יש בזה ענין נסתר. בלילה התגלה אליו רבי אחאי בחלום ואמר לו זה הפסוק „ולא נטשתני לנשק לבנותי“. ויהי בבקר נעצב רבי אבין עוד יותר, כי הבין שרבי אחאי לא היה שבע רצון מן החופה. אמנם סבת הדבר לא הבין, יען כי לפי דעתו טוב הוא השידוך מכל הצדדים.

וילך רבי אבין אל רבי אבא ויספר לו את כל אשר קרהו. אמר לו רבי אבא: „כמדומה לי שאני מבין סוד הדבר. ואם תעשה חקירה ודרישה תראה שהאמת כדברי. ועליך לזכור דברי רבי שמעון בן יוחאי שהיה מגלה לנו הסוד, שכאשר נעשה חתונת יתום, עוקר הקב"ה מן גן העדן נשמת אב ואם של היתום שירדו לעולם הזה, להיות אצל החופה ולשמוח בשמחת זרעם. חגם שאין חשק להנשמות לרדת מן גן העדן לעולם חשקר הזה, אף לא על זמן קצר כזה, אבל כן הוא המשפט בגן העדן, והם מוכרחים לעשות כך. ועתה על פי זה הסוד שמסר לנו רבי שמעון ב"י יש להבין, שרבי אחאי בא מן גן העדן להיות אצל החופה של היתומה שלו, ושמח בשמחתה. אבל היה לו תרעומות עליך, כי חפץ לנשק את בתו חכלה ולא יכל, כיון שהיה חופת נדה. בלי ספק שזו היא סבת כל המקרה. וגם תבין בזה מה שאמר לך רבי אחאי בחלום את הפסוק „ולא נטשתני לנשק לבנותי“. ולכן תהא זהיר, שכאשר תזכה להשיא יתומה שניה שלו, תראה לתשמר שלא תהיה חופת נדה, ולא יקרה עוד מקרה כזה.

כאשר בא רבי אבין לביתו עשה בענין

---

ביי דער חופה האט עפעס א באהאלטענע באדייטונג. ביינאכט איז רבי אחאי געקומען צו רבי אבין אין חלום, און האט איהם געזאגט דעם פסוק „ולא נטשתני לנשק לבנותי“. דאס הייסט, דו האסט מיך ניט געלאזט א קוש טהון מיין טאכטער. אין דער פריה איז רבי אבין ארומגעגאנגען נאך מעהר פארזארגט, ווייל ער האט שוין פארשטאנען, אז דאס האט פאסירט ווייל רבי אחאי איז עפעס אומצופרידען געווען פון דער חופה. אבער וואס די אורזאכע איז האט ער ניט פארשטאנען, ווייל דער שידוך איז לויט זיין פארשטאנד גוט פון אלע זייטען.

צוליעב דעם האט זיך רבי אבין געזעהן מיט רבי אבא, און האט איהם דערצעהלט די גאנצע פאסירונג. האט רבי אבא צו איהם אזוי געזאגט: „איך פארשטעה יא וואס דארט איז פארגעקומען. אויב דו וועסט מאכן א חקירה ודרישה, וועסטו זעהן אז דער אמת איז אזוי ווי איך זאג. און דו דארפסט דאך וויסען וואס רבי שמעון בן יוחאי האט אונז מגלה סוד געווען, אז ווען א יתום האט חתונה, רייסט דער אויבערשטער ארויס אין גן עדן די נשמות פון דעם יתום'ס עלטערען, זאלען אראבקומען אויף דיזער וועלט צו דער חופה, און זאלען זיך משמח זיין אין זייער קינד'ס שמחה. די נשמות האבען אפילו קיין חשק ניט אראב צו קומען אויף דיזער פאלשער וועלט, אפילו אויף אזא קליינער צייט אויך ניט. אבער אזוי איז דער געזעץ אין גן עדן, און זיי מוזען אזוי טהון. און לויט דעם סוד וואס רבי שמעון בן יוחאי האט אונז ערקלעהרט קענסטו שוין פארשטעהן, אז רבי אחא איז געקומען פון גן עדן צו זיין ביי דער חופה פון זיין יתומה, ער האט זיך משמח געווען, אבער ער האט געמוזט האבען חלישת הדעת, ווייל ער האט געוואלט א קוש טהון זיין טאכטער די כלה, און ער האט ניט געקענט, איבער דעם ווייל ס'איז געווען א „חופת נדה“. דאס איז געוויס די אורזאכע וואס ער האט פאראיבעל געהאט אויף דיר, און דאס איז דער פשט פון יענעם פסוק וואס ער האט דיר געזאגט אין חלום. דארום זאלסטו שוין זיין געווארענט ווען דו וועסט חתונה מאכען די צווייטע יתומה זיינע, זאלסטו זעהן און גערענקען צו פאר־היטען, עס זאל אזא זאך מעהר ניט פארקומען“.

ווען רבי אבא איז אהיים געקומען האט ער געמאכט א חקירה ודרישה. און ער האט

זה חקירת ודרישה, ומצא כי נכון הדבר כמו שאמר לו רבי אבא.

(לח)

גודל שכרה של צדקה.

מעשה ברבי ייסא, אחד מן החברייא קדישא, שהיה דר בשכנתו אביון גדול צנוע ובייישן, ולא שאל מעולם שיתנו לו צדקה. פעם אחת נפל למשכב ממחלת רעב עד שנתעלף ונעשה גוסס, רחמנא ליצלן. שמע רבי ייסא בת קול מן השמים שהכריז: „אוי, ואבוי! לאנשי עיר כאלה, שלא נמצא בהם מי שישיב נפשו של אותו העני, שהיא עומדת לפרוח השמימה קודם זמנה!"

כאשר שמע רבי ייסא כך, רץ מהר לאותו העני שנתעלף, ויזלף בפיו טפות חזקות שהן טובות ומועילות לחזק את הלב ולהחיות את הנפש, ועל ידי זה נשאר בחיים. ומאז והלאה השתדל רבי ייסא לשים עין על אותו העני שיתכלכל בטוב ויתחזקו כחותיו. גם ביקש ומצא עבורו פרנסה שיתפרנס בכבוד.

לאחר שאותו העני נעשה בריא בשלמות היה מספר, שבעת חליו בקשה נשמתו עבורו, כי מוטב לו שימות קודם זמנו משיחיה עוד בדחקות כזאת. ואם היה נסתיים כך יכול היתה זאת להיות לפוקה ולמכשול עבור אנשי העיר שיענשו קשה מן השמים. אבל הסכימו בשמים להכריז בת קול שישמע רבי ייסא, כדי לזכותו במצוה גדולה הזאת, להחיות ולקיים נפש מישראל, למען יזכה רבי ייסא לשכר גדול בעולם הבא.

---

אויסגעפונען אז די מעשה איז אמת, פונקט אזוי ווי רבי אבא האט געזאגט.

(38)

דער שכר פון צדקה.

רבי ייסא, פון די חברייא קרישא, האט נעבען איהם געוואהנט א שכן א גרויסער אביון, און נאך דערצו זעהר א שעמעוודיגער, וואס האט קיינמאהל ניט געמאהנט מען זאל איהם צדקה געבען. דער ארימאן איז אמאהל זעהר קראנק געווארען, פשוט הונגער קראנקהייט, אזוי וויט אז ער איז געווארען א גוסס. האט רבי ייסא דערהערט אזוי ווי א בת קול פון הימעל: „וועה. וועה! צו אזעלבע שטאדטסלייט. וואס געפינט זיך ניט קיינער ווער עס זאל דערהאלטען דאס נפש פון דעם ארימאן, וועלבעס האלט ביי ארויס פליהען אין הימעל פאר דער צייט!".

אזוי ווי רבי ייסא האט דאס דערהערט, איז ער געשווינד אריינגעלאפען צו דעם פאר־הלש'טען ארימאן און האט איהם אריינגעשפריצט אין מויל אזעלבע שטארקע טראפענס, וואס האבען איהם צוריק דערהאלטען ביים לעבען. און פון דאמאלסט אן האט ער שוין גוט אויפ־געפאסט אויף דעם ארימאן, ער זאל צוריק באקומען זיינע קרעפטען, און אויך האט ער שוין געזעהן צו שאפען פאר דעם בבבוד'ן ארימען א שטענדיגע פרנסה.

ווען דער ארימאן איז געזונד געווארען האט ער דערצעהלט, אז זיין נשמה האט שוין בעסער געוואלט ער זאל אבשטארבען, איידער צו ליידען אזא דחקות. און דאס וואלט געווען פאר דער שטאדט א גרויסער אומגליק, איבער דעם וואס א שווערע שטראף וואלט אויסגעגאר־סען געווארען אויף אלע שטאדטסלייט. נאר מען האט אבער געוואלט מיט דעם בת קול אז רבי ייסא זאל דאס דערהערען, און ער זאל זובה זיין צו אזא גרויסע מצוה, צו דערהאלטען א מענש ביים לעבען, דורך וועלבען רבי ייסא וועט זובה זיין צו א גרויסען שבר אויף יענער וועלט.

(למ)
## גודל כחה של צדקה.

מעשה ברבי יצחק מן החברייא קדישא, שפגע פעם אחת באיש עני שלא היתה לו רק מטבע אחת קטנה שהיתה המחיר של חצי ככר לחם. וחצי ככר לא חפצו למכור לו. ויאמר העני אל רבי יצחק: „מבקש אני מכם שתחיו את נפשי ונפש בני ביתי העטופים ברעב". ויענהו רבי יצחק: „איך אוכל להחיותכם אם אין בידי כי אם מטבע אחת קטנה. שמחירה רק על חצי ככר לחם." ויאמר העני: „אם כן טוב הדבר, כי גם אני יש בידי מטבע קטנה כזאת, ואם אשיג מכם עוד מטבע כזאת איכל לקנות ככר לחם שלם, כי חצי ככר אין רוצים למכור". ויתן לו רבי יצחק את המטבע שלו, וירץ העני בלב שמח לקנות ככר לחם עבור בני ביתו הרעבים.

באותו לילה הראו לו לרבי יצחק בחלומו, באשר שהוא מטייל על חוף הים, ונפלו עליו שודדים שחפצו להשליכו הימה, ובתוך כך ראה כי רץ למקום ההוא אותו העני שנתן לו מטבע הקטנה על חצי ככר לחם, וזה העני התגבר על השודדים, וחטף את רבי יצחק מידם ומסר אותו בידי רבי שמעון בן יוחאי.

ויהי בבקר כאשר נתעורר רבי יצחק, נפל בפיו הפסוק של תהלים „אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו השם". פתרון החלום הוא, להראות לו שהיתה מוכנת גזרה של סכנת נפשות עבורו, ובזכות של צדקה שהחיה נפשות עניים רעבים. נתבטלה הגזרה וינצל מן הצרה. וגם הועילה לו בזה זכות התורה שלמד אצל רבו שמעון בן יוחאי.

---

(39)
## דער כח פון צדקה.

רבי יצחק האט אמאהל אנגעטראפען אויף אן ארימאן, וועלכער האט ביי זיך נים געהאט מעהר ווי א האלבע מטבע, וואס מען האט געקענט קויפען פאר אזא גאנצע מטבע א לעבעל ברויט. האט דער ארימאן געזאגט צו רבי יצחק'ן: „איך בעט ביי אייך איהר זאלט דער־האלטען ביים לעבען מיך מיט מיין בני בית". האט דער רבי יצחק געענטפערט: „ווי אזוי קען איך דערהאלטען ביים לעבען דיך מיט דיין בני ברית, אז איך פארמאג אצינד ביי מיר נים מעהר ווי א האלבע מטבע, וואס מען קען קויפען פאר א גאנצע מטבע א לעבעל ברויט". האט דער ארימאן געזאגט: „אויב אזוי קען שוין אויך גוט זיין, ווייל איך פארמאג אויך אזא האלבע מטבע, און קיין האלב ברויט וויל מען מיר נים פארקויפען, און אז איך וועל צו קריגען נאך אזא האלבע מטבע וועל איך לויפען און קויפען א גאנץ לעבעל ברויט". האט רבי יצחק אוועקגעגעבען דעם ארימאן די האלבע מטבע, וואס ער האט ביי זיך געהאט, און דער ארימאן איז אוועקגעלאפען א פרעהליכער איינקויפען א גאנץ לעבעל ברויט.

ביינאכט האט מען געוויזען רבי יצחק'ן אזא חלום. אז ער האט שפאציהט ביים ברעג פון א ים, זיינען איהם באפאלען שלעכטע מענשען רויבער, און האבען איהם געוואלט אין ים אריינווארפען. איז געקומען צו לויפען דער זעלבער ארימאן, וואס האט ביי איהם גענומען בייטאג די האלבע מטבע, און ער האט איהם ארויסגעריסען פון די שלעכטע מענשענס הענד. און האט איהם איבערגעענטפערט אין די הענט פון רבי שמעון בן יוחאי.

ווען רבי יצחק איז אויפגעקומען פון שלאף, איז איהם געפאלען אויפ'ן געדאנק צו זאגען דעם פסוק פון תהלים „אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו השם". דאס הייסט, וואויל איז דעם וואס האט שכל צו דערהאלטען דאס לעבען פון ארימאן, פאר דאס ווען עס וועט קומען א שלעכטער טאג, וועט ער פון אויבערשטען געראטעט ווערען.

## (מ)
## גודל זכותה של צדקה.

מעשה ברבי חייא ורבי יוסי שהלכו פעם אחת בדרך רחוקה. ויפגשו בין ההרים שני אנשים יהודים שהלכו לפניהם באותו הדרך שהם היו הולכים. ויראו והנה איש אחד בא לקראת אותן שני האנשים, ויבקש מהם לאמר: „אחי! רחמו עלי ותנו לי לחם לאכול. כי תעיתי בדרך במדבר. וזה שני ימים שלא טעמתי טעם אכילה.“ וימהר אחד מן שני האנשים ויוציא מאמתחתו כל המאכלים והלחם שהיה לו ויתנם לאותו איש הרעב. ומגודל רעבונו אכל בתאוה יתרה עד שכמעט בלע הכל במבט עינו. כאשר ראה זאת איש השני היה מתמה על חברו נותן לחמו ואמר לו: „מה זה אתה עושה, שנתת כל לחמך לאיש זר? ! האם משוגעת נכנס בך ! הלא מאין תקח אתה לחם לאכול ? ואולי תחשוב שאני אתן לך מחלקי, הלא טועה אתה בזה, לא תשיג ממני מאומה, יען כי יש לו אוכל רק עבורי בלבד, וחיי קודמים“. על זה ענה לו רעהו, שלא ידאג מאומה, וכי הוא לא יבקש ממנו לחם. והנה בתוך כך אותו איש הרעב אכל ושתה לשובע, ולא השאיר כי אם מעט שיריים. ואף גם מעט השיריים שהשאיר לקח לו וילך לדרכו. ובעל האוכל ראה ולא עיכב בידו.

כאשר ראה רבי חייא דבר הגדול שעשה איש ההוא אמר לרבי יוסי: „נראה כי בשמים חפצו יותר לזכות לאיש ההוא באותה מצוה הגדולה מלזכות אותנו בזה, ולא אבין מדוע כך“. ויענהו רבי יוסי: „הן יכול להיות שנגזרה רעה על איש ההוא, ונסתובב מן השמים שהוא יזכה

## (40)
## דער זכות פון צדקה.

רבי חייא און רבי יוסי זיינען אמאהל געגאנגען אין א וויטען וועג. האבען זיי געטראפען צווישען בערג צוויי מענשען, וועלכע זיינען געגאנגען פריהער אויף דעם זעלבען וועג. זיי האבען געזעהן אז צו די צוויי מענשען איז צוגעקומען א דריטער פערזאן, וועלכער האט צו זיי געזאגט: „ברידער! איך בעט אייך האט רחמנות אויף מיר און גיט מיר ברויט צו עסען, ווייל איך בין פארבלאנדזעט געווארען אין דער וויסטערניש, און שוין צוויי טעג וואס איך האב ניט וואס צו עסען“. האט איינער פון די צוויי ארויסגענומען דאס גאנצע עסענווארג וואס ער האט געהאט, און האט עס אוועקגעגעבען דעם דריטען פערזאן, וועלכער האט זיך זעהר שטארק צוגעכאפט צום עסען און טרינקען. דער אנדערער פון די צוויי מענשען האט געפרעגט דעם ברויט געבער: „וואס טהוט זיך מיט דיר וואס דו גיסט אוועק דיין גאנץ עסענווארג א פרעמדען מאן?! דאס איז דאך פשוט א משוגעת! פון וואנעט וועסטו זעלבסט עסען? פיליכט דענקסטו, אז איך וועל דיר געבען פון מיין עסענווארג, האסטו א גרויסען טעות, דו קענסט פון מיר גאר ניט באקומען, ווייל איך דארף פאר מיר זעלבסט דאס עסענווארג וואס איך פארמאג“. אויף דעם האט דער חבר איהם געענטפערט. אז ער וועט ניט מאהנען ביי איהם קיין עסען. דער דריטער פערזאן האט זיך אנגעגעסען צו דער זאט, און דאס ביסעל עסענווארג וואס איז געבליבען האט ער אויך גענומען צו זיך און איז זיך אוועקגעגאנגען זיין וועגס. און דער מאן וואס האט איהם אוועקגעגעבען דאס עסענווארג האט זיך גאר ניט וויסענדיג געמאכט.

ווען רבי חייא האט געזעהן די גרויסע זאך וואס דער מענש האט געטהון, האט ער געזאגט צו רבי יוסי: „עס ווייזט אויס, אז דער אויבערשטער האט בעסער געוואלט מזכה זיין יענעם איד מיט אזא גרויסע מצוה, איידער מיר זאלען טהון די מצוה“. האט רבי יוסי איהם געענט־

במצוה הגדולה הזאת, לבעבור ינצל בזכות זה מן גזרת הרעה."
ויהי אחרי שנפרד מהם איש הרעב הלכו שני האנשים הלאה לדרכם, ורבי חייא ורבי יוסי הלכו גם הם אחריהם באותו הדרך. באמצע הדרך ראו שזה האיש שנתן לחמו לאיש הרעב נעשה עיף מחמת רעב, כי לא היה לו מה לאכול, וישב תחת עץ לנוח מעט. אמר לו רעהו: „עתה אתה ראה אשמתך! הלא הזהרתיך לבל תתן לאיש זר לחמך, כי חייך קודמים. ועתה הנך מוכרח לסבול חרפת רעב, כי אני לא אוכל לתת לך מלחמי מאומה. ואם אינך בכח ללכת יחדו עמדי, הנני מוכרח לעזוב אותך, ולא אוכל להמתין עליך כי נחפז אני לדרכי." כאשר אמר כן עשה, וילך לו לדרכו בלבדו.
כאשר שמע רבי חייא המדובר כיניהם, אמר לרבי יוסי: „עתה הוא היושר שגם אנחנו נשב פה לנוח ונאכיל אותו מלחמנו". ענהו רבי יוסי ואמר: „על דעתי לבלתי נעשה עוד מאומה ונעשה עצמנו כלא יודעים דבר, רק נמתין ונראה את הנולד. כי אולי מוטב עבורו שיסבול עוד צער של רעב, כדי להגדיל זכותו, יען כי לפי מבינתי נסתבב לו סבה בהשגחה פרטית להגדיל זכותו מן השמים. ואין ספק אצלי שנגזרה עליו גזרת מיתה, ובזכות הצדקה שעשה עם איש הרעב, וגם כעבור שעתה הוא בעצמו סובל יסורי רעב, יעשו לו איזה נס משמים להנצל מצרה הנשקפה לו."
והנה זה לאחר שעזב אותו חברו ונשאר לבדו עיף ויגע, כשישב לו תחת עץ לנוח נפלו עליו חבלי שינה, ושכב עצמו לישון. אמר רבי יוסי לרבי חייא: „הן גם אנחנו נשב לנוח תחת עץ לא רחוק ממקום ההוא, למען נוכל לראות אולי איזה חדשות יולד שם".
לא ארכה העת ויראו, והנה נחש שרף

---

פערט: „עס קען זיין אז אויף דעם מאן איז עפעס נגזר געוואָרען א שלעכטע גזרה, האָט מען פון הימעל געוואָלט איהם מזכה זיין מיט דער גרויסער מצוה, כדי ער זאָל באַשירעמט ווערען פון די שלעכטע גזרה".
רבי חייא מיט רבי יוסי זיינען ווייטער נאָכגעגאַנגען נאָך די ערשטע צוויי מענשען. האָבען זיי געזעהן אז דער איד וואָס האָט אוועקגעגעבען זיין עסענוואַרג איז מיד געוואָרען געהענדיג, ווייל ער איז הונגעריג געוואָרען, און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אונטער א בוים אָפּרוהען זיך. האָט דער אַנדערער חבר געזאָגט צו איהם: „נו אַצינד זעה אז דו ביזט דיר אליין שולדיג, איך האָב דאָך דיך געוואָרענט זאָלסטס דיין עסענוואַרג ניט אוועקגעבען, אַצינד מוזטו ליידען הונגער, ווייל איך קען דיר פון מיין חלק גאָר ניט אוועקגעבען, און איך קאָן מיך ניט אַנידערזעצען אויף דיר צו וואַרטען, איך מוז אַליין ווייטער געהן".
ווען רבי חייא האָט דאָס דערהערט, האָט ער געזאָגט צו רבי יוסי: „ס'איז ניט מעהר ווי רעכט, אז מיר זאָלען דעם איד געבען עסען פון אונזער עסענוואַרג". האָט רבי יוסי געזאָגט: „מיין מיינונג איז, מיר זאָלען זיך דערווייל גאָר ניט וויסענדיג מאַכען. לאָמיר וואַרטען און זעהן וואָס דאָ וועט פּאַרקומען. ס'איז פיליייכט גלייכער אז דער איד זאָל נאָך אַביסעל ליידען הונגער, כדי זיין זכות זאָל זיין גרעסער. ווייל לויט מיין מיינונג, איז געוויס אויף דעם איד דאָ אין הימעל א גזרה פון שטאַרבען. און דורך די צדקה וואָס ער האָט דאָ געטהון, און דורך די יסורים וואָס ער וועט ליידען הונגער, וועט איהם געוויס דאָ עפּעס א נס געשעהן".
דער אַנדערער חבר איז טאַקע אַליין אוועקגעגאַנגען ווייטער זיין וועגס, און דער וואָס האָט זיך אַנידערגעזעצט אָפּרוהען איז אַנטשלאָפען געוואָרען. האָט רבי יוסי געזאָגט צו רבי חייא: „לאָמיר זיך אַנידערזעצען פון וויטענס אביסעל אונטער א בוים, אזוי אז מיר זאָלען קענען זעהן וואָס דאָ וועט פּאַרקומען".
עס האָט ניט לאַנג גערויערט, האָבען זיי געזעהן ווי א ברענעדיגער שלאַנג איז אַנגעקומען

מתהלך קרוב למקום ההוא שישן שם האיש העיף. נבהל מאד רבי חייא ואמר לרבי יוסי: „אוי לי לאותי יהודי, כי נחש השרף בודאי ימית אותו!" אבל רבי יוסי לא פחד מאומה ויאמר לרבי חייא: „אל תירא, הלא סכנת. מות לא תוכל לשלוט עליו, יען כי כתוב „וצדקת תציל ממות."

באותו שעה נשאו עיניהם ויראו, כי מן אותו העץ ששכב תחתיו איש ההוא זוחל ויורד נחש, למען ינשך את האיש הישן. אבל באותו רגע קפץ נחש השרף על הנחש השני והרגו כרגע. אחר כך החזיר נחש השרף את ראשו והלך לו משם ואיננו. בכן אמר רבי יוסי לרבי חייא. „עתה ראה כי צדק דיברתי מה שאמרתי שאין טוב להקטין זכותו, כי אם להגדילו."

וכך המתינו שם רבי חייא ורבי יוסי, עד שאותו היהודי ננער משנתו. אז קרבו אליו ויראו לו את הנחש המת, למען ידע להודות להקב"ה על הנס הגדול שנעשה לו. אחר כך נתנו לו לאכול ולשתות. ויקומו משם שלשתם וילכו יחדו בדרך אחד, ועסקו בדברי תורה על הפסוק„וצדקת תציל ממות."

(מא)

רוח הקודש והבטה למרחוק של רבי אלעזר ב"ר שמעון.

רבי אלעזר בן רבי שמעון השיג ידיעה שחותנו רבי יוסי שוכב על ערש דוי. קרא רבי אלעזר אליו את חברו רבי אבא ועוד חברים מן החברייא קדישא, ללכת יחדו לבקר את חותנו החולה. וילכו כלם רגלי. כאשר היו באמצע הדרך. והיום היה יום חם, הגיעו ליער קטן שבו היו עצים גדולים ויפים, והארץ מכוסה בירק

---

אויף דעם פּלאַץ וואו דער איד איז געשלאָפן. האָט רבי חייא זיך דערשראָקן און האָט גע־זאָגט צו רבי יוסי: „וועה צו דעם מענש! דער ברענענדיגער שלאַנג וועט דאָך געוויס איהם טויטען!". אָבער רבי יוסי האָט זיך גאָר נים געשראָקען, און ער האָט געזאָגט צו רבי חייא: „שרעק זיך ניט, ס'קען קיין סכנה נים זיין ווייל עס שטעהט דאָך אין פּסוק „וצדקה תציל ממות".

אזוי ווי זיי האָבען גערעדט האָבען זיי דערזעהן, ווי פון יענעם בוים וואו דער איד שלאָפט, קריכט אראָפּ א שלאַנג, און איז גרייט צו בייסען דעם איד. אָבער דער ברענענדיגער שלאַנג איז באַלד ארויפגעשפּרינגען אויף דעם אנדערען שלאַנג, און האָט איהם באַלד דער'הרג'ט. דערנאָך האָט זיך דער ברענענדינער שלאַנג אויסגעדרעהט און איז זיך אוועקגעגאַנגען. האָט רבי יוסי געזאָגט צו רבי חייא: „אצינד זעה אז איך בין גערעכט געווען, וואָס איך האָב גע־זאָגט, אז מען זאָל זיין זכות נים מאַכען קלענער, נאָר נאָך גרעסער".

רבי חייא מיט רבי יוסי האָבען שוין דאָרט אָפּגעוואַרט ביז דער איד איז אויפגעקומען פון שלאָף. דאַן האָבען זיי איהם געוויזען דעם טויטען שלאַנג, עד זאָל זעהן און לויבען דעם אויבערשטען פאַר דעם גרויסען נס וואָס איהם איז געשעהן. דערנאָך האָבען זיי דעם איד שוין געגעבען עסען און טרינקען, און אַלע דריי זיינען צוזאַמען פון דאָרט אוועקגעגאַנגען, און אויפ'ן וועג האָבען זיי מחדש געווען דברי תורה אויף דעם פּסוק „וצדקה תציל ממות".

(41)

דער קלאָהרער רוח הקודש און דער ווייטערער קוק פון רבי אלעזר בן רבי שמעון.

רבי אלעזר בן רבי שמעון האָט באַקומען אַ נאַכריכט, אַז זיין שוועהר רבי יוסי ליגט צו בעט אַ קראַנקער. האָט רבי אלעזר גערופען צו זיך זיין חבר רבי אבא מיט נאָך עטליכע פון די „חברייא קדישא", זאָלען אַלע צוזאַמען געהן מבקר חולה זיין דעם שוועהר זיינעם. געגאַנ־גען זיינען זיי אַלע צופוס. אַ טאָג איז גראַדע געווען אַ הייסער, און אַזוי ווי זיי זיינען

דשא, ונחל קטן עם מים זכים שוטף ועובר בין השיחים, אמר רבי אלעזר לחבריו: „חברים ! טוב לנו לנוח כאן מעט ולשבת בצל העצים אצל הנחל, שהאויר קר וזך. ותהיה לנו כאן הרחבת הדעת לעסוק בדברי תורה.״ כלם ניאותו לדבריו, וישבו שם לנוח, וחידשו הרבה חידושי תורה ונהנו מן האויר הקר והזך.

ויהי כאשר ישבו וישיחו ביניהם, ויראו פתאם והנה נחש גדול רץ ועובר לפניהם. כאשר ראה אותו רבי אלעזר צעק עליו ואמר: „נחש, נחש ! חזור לך מדרך הזה שאתה רץ לנשך, יען כי איש ההוא שאתה נשלח לנשכו עשה תשובה על העבירה שעבר עליה!״ רבי אבא עם שאר החברים נבהלו ונשתוממו על מקרה הזה. ויאמר אליהם רבי אלעזר שישבו על מקומם וישתקו ויביטו במתינות על הדשות אשר יקרה כאן, ואל יפחדו כלל.

הנחש נבהל מזעקת רבי אלעזר ונשאר עומד על מקומו. אמנם כעבור איזה רגעים התחיל שוב הנחש לזחול ולסבב עצמו אנה ואנה במקום אחד. ובכן צעק עליו רבי אלעזר פעם שנית ואמר: „נחש, נחש! אני יודע ומבין תנועתך ותביעתך ולכן תדע שבאותה המערה הנמצאת ביער הקטן הזה שוכב וישן שם גוי אחד שהוא גזלן ורוצח, וזה מקרוב שגזל מן יהודי אחד כים מעות, גם הכהו ופצע אותו, על כן לך שמה. ותחת אותו יהודי החוטא שעשה תשובה, תשוך בארסך לאותו גוי הגזלן והרוצח״. כאשר שמע הנחש כך התחיל לדלג ולקפוץ בשמחה, וברח משם ויעלם.

---

צוגעקומען צו א וועלדעל מיט פיעל שעהנע בוימער. די ערד איז געווען באוואקסען מיט שעהן גראז, און א לויטער טייכעל וואסער האט אויך דארט אדורך געפליסט און געשלענגעלט זיך צווישען די בוימער. האט רבי אלעזר געזאגט: „חברים! ס'איז גלייך מיר זאלען זיך דא אונטער'ן שאטען פון די בוימער אנידערזעצען, אביסעל אפרוהען זיך ביי דעם טייכעל וואסער, און צו שמועסען עפעס דברי תורה״. זיי האבען זיך אלע אנידערגעזעצט, געשמועסט דברי תורה, און זיי האבען זעהר הנאה געהאט פון די קיהלע זויבערע שמעקענדיגע לופט.

אזוי ווי זיי זיינען געזעסען און געשמועסט צווישען זיך, האבען זיי פלוצלינג דערזעהן, ווי א גרויסער בייזער שלאנג לויפט פארביי פאר זיי. האט רבי אלעזר א געשריי געטהון: „שלאנג, שלאנג! געה צוריק פון דעם וועג וואו די לויפסט בייסען, ווייל דער מענש וואס דו האסט געקראגען א באפעהל איהם צו בייסען, האט שוין תשובה געטהון אויף די עבירה וואס ער האט עובר געווען״. רבי אבא מיט די אנדערע חברים זיינען געווארען דערשראקען, און האבען זיך פארוואונדערט אויף דער פאסירונג. האט רבי אלעזר צו זיי געזאגט, זיי זאלען בעסער גאר שווייגען נאר צוקוקען געלאסען וואס דא וועט פארקומען, און זיי זאלען זיך גאר נים שרעקען.

דער שלאנג איז פון רבי אלעזר'ס ווערטער געבליבען שטעהן. האט זיך א ווײלע נים געריהרט פון ארט. אבער באלד האט דער שלאנג ווידער אנגעהויבען באוועגען זיך, און האט זיך געדרעהט אהין און צוריק. דאן האט ווידער רבי אלעזר א געשריי געטהון: „שלאנג, שלאנג! איך פארשטעה וואס דו דרעהסט זיך און וואס דו ווילסט. אלזא זאלסטו וויסען, אז אין דער הייל וועלכע געפינט זיך אין דיזען וועלדעל, דארט ליגט און שלאפט א גוי א גזלן א רוצח, וואס האט אוועקגערויבט פון א איד א בייטעל געלד, נאכדעם וואס ער האט איהם גוט צוקלאפט און צובייסט. געה, לויף דארט אהינצו, און אנשטאט דעם איד דער בעל תשובה, זאלסטו בעסער אריינלאזען דיין גיפט אין יענעם גוי דעם מערדער״. דער שלאנג האט אזוי ווי אנגעהויבען שפרינגען און טאנצען פאר פרייד, און איז פארשוואונדען געווארען.

אחר כך אמר רבי אלעזר לחבריו: „תדעו כי אם לא הייתי עתה כאן, אז בודאי היה אותו הנחש ממלא את שליחותו להמית לאותו היהודי. אכן כאשר נודעתי שלאחר שניתנה השליחות לאותו הנחש היה יהודי ההוא מתרהר בתשובה, וקיבל על עצמו לבלתי יעשה עוד עבירה ההיא, ולזאת התחזקתי נגדו והייתי בכח לגזור עליו שלא יוציא לפועל את שליחותו להמית אותו היהודי".

אז שאלו חבריו לרבי אלעזר שיאמר להם מאין נודע לו כל זאת. ויענה אותם רבי אלעזר: „הן סודות כאלה וכן סימנים מכל מיני בריות שבעולם למדני אבי. אנכי ראיתי איך שהנחש רץ לפנינו, שהיה בוער כאש בכעס וחימה, וזנבו אחז למעלה, גם סנפורי עורו היו מוצגים למעלה כמו ראשי חרבות, אבל פתאם בא לקראתו רוח שנברא מן הרהורי תשובת של אותו יהודי החוטא, וזה הרוח התיצב לקראתו ושכך מעט אכזריותו, במה שהודיעו שהוא נברא מן הרהורי תשובת של אותו איש שהוא רץ להמיתו. אמנם הנחש עוד היה ביכולתו להוציא שליחותו לפועל, להמית אותו היהודי, ולא ישמע לדברי אותו הרוח. אבל כאשר גזרתי עליו שלא ימלא שליחותו היה נאלץ לעמוד במקומו. ומה שהתחיל אחר כך עוד להתנועע ולסובב עצמו במקומו, הוא לפי שהיה תובע קרבן אחר להמית לבעל עבירה אחר, יען כי כך הוא דרכו של נחש, שבאם רק ניתנה לו שליחות להמית למי, הרי הוא לא ינוח ולא ישקוט עד שימות לאחר ולא יחזור ריקם. ולכן נתתי לו, חלף אותו היהודי, שימית לאותו גוי שהוא גזלן ורוצח."

---

נאכדעם האט רבי אלעזר געזאגט צו זייגע חברים: „איהר זאלט וויסען אז ווען איך וואלט אצינד דא ניט געווען, וואלט דער שלאנג געוויס אויסגעפיהרט זיין שליחות צו טויטען יענעם איד. אבער אזוי ווי איך האב זיך דערוואוסט, אז נאכדעם וואס איז איבערגעגעבען געווארען דאס שליחות צו דעם שלאנג, האט יענער איד מהרהר בתשובה געווען, און האט אויף זיך גענומען ער זאל שוין מעהר די עבירה ניט טהון. דאדורך האב איך אויסגענוצט מיין קראפט גוזר צו זיין אויפ'ן שלאנג, ער זאל ניט אויספיהרען דאס טויטע שליחות".

האבען די חברים געפרעגט רבי אלעזר'ן פון וואנעט ער ווייסט דאס אלעס. האט רבי אלעזר זיי געענטפערט: „אזעלכע סודות און אויך סימנים פון אלערליי באשעפענישען האט מיין פאטער מיך אויסגעלערענט. איך האב געזעהן ווי דער שלאנג איז פארבייגעלאפען, איז ער געווען פול מיט א ברענענדיגען כעס, דעם זנב זיינעם האט ער געהאלטען אין דער הויך, די שיבען אויף זיין הויט זיינען אויך געווען אויפגעשטעלט. אבער פלוצלינג איז איהם אנטקעגען געקומען א גייסט, וואס איז באשאפען געווארען פון דעם הרהור תשובה, וואס יענער איד האט אויף זיך גענומען, און דער גייסט האט זיך אנטקעגען געשטעלט דעם שלאנג, און האט איהם אביסעל קאלט געמאכט, מיט דעם וואס ער האט זיך פארגעשטעלט אז ער איז באשאפען גע־ווארען פון יענעם איד'ס תשובה טראכטען. אבער דער שלאנג האט נאך א ברירה געהאט ניט צו קוקען אויף קיין זאך, נאר אויסצופיהרען דאס שליחות, יענעם איד צו טויטען. נאר אז איך האב אויף איהם גוזר געווען, ער זאל דאס ניט טהון, האט ער געמוזט בלייבען שטעהן. אבער ער האט זיך ווידער אנגעהויבען דרעהען אהין און אהער, ווייל ער האט געמאהנט מען זאל איהם געבען אן אנדערען בעל עבירה צו טויטען. אט אזוי איז די געוואהנהייט פון שלאנג, אויב נאר ס'איז איהם איבערגעגעבען א שליחות וועמען צו טויטען, מוז ער שוין יעמאנדען טויטען, צוריק געהן לעדיג וועט ער שוין ניט, דאדורך האב איך איהם איבערגעגעבען צו טויטען יענעם גוי, וואס איז א גזלן א רוצח".

עוד שאלו החברים לרבי אלעזר: „מאין נודעת שאותו הגוי הוא גזלן ורוצח, ושהוא נמצא כאן במערה?" ויאמר להם רבי אלעזר: „ענין הדבר הוא, שזה הרוח שנברא מן הרהורי תשובה ידע גם הוא זה הסוד, שאי אפשר להפטר מן שליחות הנחש בלא כלום. ולזאת לחש באזני עצה הזאת, ששם במערה נמצא גוי רוצח וגזלן, וכי עלי מוטל לגזור על הנחש שתמורת אותו היהודי יקח לכפרה את זה הגוי הרוצח". דברי רבי אלעזר היו לפלא בעיני החברים. וישבו וחדשו דברי תורה על הפסוק „ואתן אדם תחתיך".

אחר כך אמר רבי אלעזר להחברים: „הן מבין אני בהשערה ברורה שהנחש כבר עשה מלאכתו, נלך ונבקש את המערה ונחזה מה שעשה שם הנחש". הלכו בקשו ומצאו את המערה תחת ההר אשר ביער. נכנסו בה ומצאו את הגוי הרוצח מת, והנחש מדלג עליו וסביביו כאלו היה מחפש אצלו איזה דבר או להנקם בו לנשכו יותר. אז קרא רבי אלעזר להנחש ואמר לו: „נחש, נחש! עתה אני רואה כי טוב עשית, ותחת אותו היהודי שעשה תשובה הרגת את הרוצח הזה. ועתה ברח לך למקומך, כי נצרך לנו לבדוק ולחפש מה שנמצא אצל אותו הרוצח. ואני גוזר עליך מכאן והלאה שלא תנשך ליהודי". הנחש כפף את ראשו לפני רבי אלעזר והלך לו.

לאחר שהנחש הלך משם קרב רבי אלעזר עם חבריו לבדוק את גוית המת. וימצאו אצלו שני כיסים עם מעות. כיס אחד גדול עם כמה מיני מטבעות כסף שגזל מן יהודי אחד. ועוד כיס קטן שבו היה רק דינרי זהב בלבד. ויקח רבי אלעזר אצלו שני הכיסים, ואמר לחבריו שהוא

---

האבען די חברים ווייטער געפרעגט רבי אלעזר'ן, פון וואנעט ער איז געוואהר געווארען פון דעם גוי אלס גזלן און רוצח. האט רבי אלעזר זיי געענטפערט: „דער גייסט וואס האט זיך אנטקעגען געשטעלט דעם שלאנג האט אויך געוואוסט פון דעם סוד, אז פון דעם שלאנג וועט מען נים קענען פטור ווערען מיט גאר נישט, האט דער גייסט מיר איינגערוימט אין אויער דעם סוד פון יענעם גוי, אז ער איז א גזלן און א רוצח, און וואו ער געפינט זיך, און ער האט מיר געגעבען די עצה, איך זאל גוזר זיין אויפ'ן שלאנג, אז דער גוי זאל זיין דעם איד'ס כפרה". די חברים האבען זיך פארוואונדערט אויף רבי אלעזר'ס רייד, און זיי האבען געזאגט דברי תורה אויף דעם פסוק „ואתן אדם תחתיך".

נאכדעם האט רבי אלעזר צו זיינע חברים געזאגט: „איך פארשטעה אז דער שלאנג האט שוין אבגעטהון זיין שטיקעל ארבייט, לאמיר געהן אויסגעפונען די הייל, וועט מען זעהן וואס דער שלאנג האט דארט געמאכט". זיי זיינען געגאנגען און האבען געפונען די הייל אונטער א בארג אין דעם וועלדעל. דארט האבען זיי געזעהן אז דער גוי איז שוין טויט, און דער שלאנג שפרינגט און טאנצט ארום אויף דעם טויטען קערפער. האט ווידער רבי אלעזר צום שלאנג געזאגט: „שלאנג, שלאנג! דו האסט גאנץ גוט געטהון וואס דו האסט דערהרג'ט דעם מערדער, אזוי ווי איך האב דיך געהייסען, אנשטאט יענעם איד וואס איז געווארען א בעל תשובה. אצינד געה צוריק פון וואנעט דו ביזט געקומען, ווייל מיר דארפען דעם גוי אונטערזוכען. און איך בין אויף דיר גוזר, זאלסט קיינמאהל קיין איד נים בייסען". דער שלאנג האט אראבגעבויגען דעם קאפ און ער איז זיך אוועקגעגאנגען זיין וועגס.

אזוי ווי דער שלאנג האט זיך אבגעטראגען פון דארט, איז רבי אלעזר מיט זיינע חברים צוגעגאנגען אונטערזוכען דעם טויטען קערפער. זיי האבען ביי איהם געפונען צוויי בייטלען מיט געלד. איינער איז געווען א גרויסער בייטעל מיט פארשידענע געלדער, וואס ער האט אוועקגערויבט פון א איד, און נאך א קלענערען בייטעל, וואס איז געווען פול מיט בלויז גאלד־דענע רענדלעך. רבי אלעזר האט צוגענומען ביידע בייטלען, זאגענדיג אז ער שפירט דאס

מרגיש ששני הכיסים נגזלו מן שני יהודים. אחר כך יצאו מן המערה, וישבו לנוח עוד באותו היער, וחזרו לדבר ולחדש דברי תורה באותו הפסוק „ואתן אדם תחתיך”.

והנה כאשר ישבו החברים ודברו דברי תורה ראו מרחוק איש יהודי הולך בדרך שלפני היער. וזה היה אותו היהודי שהגוי גזל ממנו את הכיס עם המעות. והוא היה מוכה ופצוע מן הידים ידי עשו ועיף בלי כח. ולבעבור עייפות שלו נכנס אותו היהודי בתוך היער, וישב לו תחת עץ להקר ולנוח. והוא לא ראה את רבי אלעזר עם שאר החברים. לאחר שישב לו התחיל אותו היהודי לבכות ולקונן על מזלו המר, וישפך את לבו לפני הקב"ה, וכך אמר:

„רבונו של עולם! גלוי וידוע לפניך שאין אני דואג כל כך עלי, לא על דבר פצעי גויתי, ולא על דבר הפסד ממוני. ואני מצדיק עלי את הדין, כי מסתמא הייתי ראוי לעונש הזה. אמנם איכה אשא אותן שתי הצרות אשר בלעדי הנה. צרה אחת, שלקחתי לביתי את אבי ואמי הזקנים לכלכלם לעת זקנתם, ועתה מה אעשה בבואי לביתי בידים ריקניות. צרה שניה, שבתוך הכיס מעות שלי שנגזל ממני היה מונח בו כיס קטן עם ארבע מאות זהובים, אשר איש עני הפקיד אצלי להיות לו לנדן עבור בתו שצריך להשיאה, ועתה מה יעשה אותו העני. ועל אותן שתי הצרות נמס לבי בקרבי, ואני קורא אליך „מאין יבא עזרי” אנא הושיעה נא!” כך צעק ובכה אותו העני.

כאשר שמעו החברים קול צעקת בכי התקרבו למקום הקול והאזינו דבריו על מה הוא מקונן. אז קרב אליו רבי אלעזר להרגיע את רוחו. והודיע לו שהקב"ה

---

דער בייטעל מיט גאָלדענע רענדלעך איז אויך אידיש געלד. נאָכדעם האָבען זיי זיך ווידער אַנידערגעזעצט אין זעלבען וועלדעל אָפּרוהען.

אזוי ווי זיי זיינען געזעסען און געשמועסט דברי תורה, אַלץ אויף דעם פסוק „ואתן אדם תחתיך” איז אָנגעקומען אויף דעם זעלבען וועג וואָס געהט נעבען דעם וועלדעל, דער איד, וואָס דער גוי האָט ביי איהם אוועקגערויבט דעם בייטעל געלד. ער איז געוועזען זעהר מיעד צוקלאַפּט און צובייזלט פון די ידים ידי עשו, האָט זיך דער איד אַנידערגעזעצט אָפּרוהען אונטער אַ בוים אויף דער אַנדערער זייט פון דעם וועלדעל, און ער האָט אָנגעהויבען זעהר שטאַרק וויינען און קלאָגען אויף זיין ביטער מזל. ער האָט זיך אויסגערעדט זיין ביטער האַרץ פאַר'ן אויבערשטען און האָט אזוי געזאָגט:

„רבונו של עולם! פאַר דיר איז באַוואוסט און אַנטפּלעקט, אַז איך קלעהר שוין ניט אזוי ווייט פאַר מיר זעלבסט, ניט וועגען מיין צוקלאַפּטען קערפּער, און ניט וועגען דעם שאָדען פון מיין געלד. איך פאַרשטעה אַז מסתם בין איך ווערטה אַזאַ שטראָף. אָבער ווי אזוי איז מעגליך איבערצוטראָגען די צוויי צרות. איין צרה, וואָס איך האָב צו מיר גענומען מיין אַלטע אָרימע פאָטער און מוטער צו שפּייזען זיי אויף דער עלטער, אַצינד וואָס וועל איך קענען טהון, אַז איך וועל אַהיים קומען מיט לעדיגע הענד! צווייטע צרה, וואָס אין דעם אוועקגערויבטען בייטעל געלד איז געלעגען אַ קלענער בייטעלע מיט פיער הונדערט גולדען, וואָס אַן אָרימאַן האָט מיר געגעבען צו באַהאַלטען, ער זאָל האָבען דערמיט חתונה צו מאַכען זיין טאָכטער. אַצינד וואָס וועט דער אָרימאַן טהון! אָט אויף די צוויי גרויסע צרות בלוטיגט מיר מיין האַרץ, און איך שריי דעם פסוק „מאין יבוא עזרי”, פון וואַנעט קען קומען מיין הילף!” אזוי האָט דער איד געהאַלטען אין איין שרייען און וויינען.

רבי אלעזר מיט זיינע חברים האָבען דערהערט אַז אימיצער וויינט און שרייט, זיינען זיי נאָכגעגאַנגען נאָכ'ן קול, און האָבען דערזעהן דעם איד זיצען און וויינען, האָבען זיי זיך צוגעהערט אויף וואָס דער איד וויינט און קלאָגט. דאַן איז רבי אלעזר צוגעגאַנגען און האָט

עשה לו נס גדול שהגזלן נהרג על ידי נחש, ושוכב מת במערה הנמצאת ביער הזה, והכים מעות אשר גזל נמצא אצלו ולקחו ממנו. היהודי הנגזל, נתן סימנים על הכים. וגם נמצא בכים הגדול כים קטן עם ארבע מאות זהובים, הכל כמו שאמר אותו היהודי הנגזל, והחזירו לו את הגזלה. יהודי הנגזל שמח מאד ונתן הודיה להקב"ה על הנס הגדול, וגם להחברים נתן תודה ותשואת הן.

גם חפץ היהודי הנגזל לראות את הגזלן מת. וינהג אותו רבי אלעזר אל תוך המערה לראות נקם בהגזלן. היהודי הכיר מיד את הגזלן, ואמר כן יאבדו. ומרוב שמחה נשק ידי רבי אלעזר ולשאר החברים. אחר כך אמר היהודי אל החברים: „כאשר אני רואה שאנשי מופת אתם, אבקש מכם עוד ישועה אחת, והוא, ראו נא איך שזה הגזלן והרוצח פצע אותי בסכין. לכן מבקש אני שתתפללו בעדי ותתברכוני שארפא מן אותו הפצע". ויתפלל עליו רבי אלעזר ויברכהו ברפואה שלימה. ומיד הרגיש היהודי שכאב הפצע עבר, ונרפא.

אחר כך אמר רבי אלעזר לאותו היהודי: „הן עתה כאשר נעזרת על ידינו שבאה לידך הגזלה ונרפאת מן הפצע, אני מבקש ממך דבר שתעשה השליחות בשלימות כאשר אצוה אותך. והוא, כי נמצא אצל הגזלן עוד כים אחד עם זהובים אדומים, שגם זה מעות של יהודי. וכך היה המעשה, בנו של אותו גוי הגזלן, שנהרג על ידי הנחש, נסע באניה יחד עם סוחר יהודי אשר שמו שמעון. ושם באניה גנב בן הגזלן את הכים מן אותו היהודי, ולא נודע הגנב. וכאשר יצא הגנב מן האניה הפקיד את הגנבה אצל אביו הגזלן הזה. ועתה שבא לידי אותו הכים הנגנב, אני מבקש ממך שתוליך את הכים הזה ליד יהודי אחד שהוא אביו של היהודי שמעון

איהם בארוהיגט. ער זאל וויסען אז דער אויבערשטער האט איהם א נס געטהון, וואס דער גוי דער רויבער איז געביסען געווארען פון א שלאנג און ליגט שוין א טויטער, און דעם גע־רויבטען בייטעל געלד האבען זיי פון איהם צוגענומען. דער איד האט זיי געזאגט סימנים אויפ'ן בייטעל געלד, און ס'איז אויך אויסגעפונען געווארען אז אינוועניג איז געלעגען דאס אנדערע בייטעלע מיט די פיער הונדערט גולדען. דער איד האט זיך זעהר דערפרעהט און האט געלויבט דעם אויבערשטען פאר דעם גרויסען נס. רבי אלעזר האט נאך אויך דעם איד צוגעפיהרט וואו דער מערדער איז געלעגען טויט. דער איד האט דעם גוי באלד דערקענט. ער האט געקושט די הענד פון רבי אלעזר מיט זיינע חברים. ער האט אבער געזאגט, אז אצינד דארף ער נאך א הילף, אז דער שניט מיט א מעסער וואס ער האט געקראגען פון דעם רויבער, זאל איהם ניט שאדען, און ער זאל פון דעם שניט געהיילט ווערען. האט רבי אלעזר איהם געגעבען זיין ברכה און האט אויף איהם תפלה געטהון ער זאל האבען א רפואה שלמה, איז ער באלד גענצליך געהיילט געווארען.

נאכהער האט רבי אלעזר געזאגט צו דעם איד: „אצינד אז דו האסט שוין צוריק דיין געלד באקומען, דיין שניט איז שוין אויך אויסגעהיילט געווארען, פארלאנג איך פון דיר איין זאך, זאלסט טהון דאס שליחות בשלימות. דאס שליחות באשטעהט אין דעם. אזוי ווי איך האב געפונען ביי דעם מערדער נאך א בייטעל מיט בלויז גאלדענע רענדלעך, וועלכעס איז אויך אידיש גערויבטע געלד. פאסירט האט די זאך אזוי, א זוהן פון דעם טויטען גוי רער רויבער איז געפאהרען אויף א שיף צוזאמען מיט א אידישען סוחר, וואס זיין נאמען איז שמעון. און דארט אויף דער שיף האט דער יונגער גוי ארויסגע'גנב'ט פון איד דעם בייטעל גאלדענע רענדלעך. און ווען ער איז אראפ פון דער שיף האט ער דעם געגנב'טען בייטעל רענד־לעך איבערגעגעבען צו זיין פאטער, דער זעלבער רויבער. אלזא פארלאנג איך פון דיר, זאלסט דעם בייטעל געלד אוועקטראגען צו יענעם איד, וואס איז דעם שמעון'ס פאטער. איך זאג

בעל הגנבה. וגם נותן אני לך סימן, שכאשר תבא לבית אביו תמצא אותו שהוא אבל יושב שבעה על אשתו שמתה לפני איזה ימים. ואתה תמסור את הכים ליד אביו, ותאמר לו שבעוד איזה ימים יבא אליו בנו שמעון, ויחזיר לו הגנבה, הכים עם זהובים אדומים". היהודי הבטיח לרבי אלעזר שילך וימלא השליחות בשלימות. נשק ידי רבי אלעזר עם כל החברים ויפרד מהם לדרכו, שלם בגופו ושלם בממונו.

רבי אבא עם שאר החברים התפלאו מאד על רבי אלעזר, בדבר האותות ומופתים אשר ראו ממנו בדרך הזה. ויאמר אליו רבי אבא שנפשו שוקקה מאד לדעת ולהבין, מאין נודע לרבי אלעזר כל ענינים האלה כאילו ראה אותם עין בעין. ויאמר אליהם רבי אלעזר סוד הדבר, כי רוחו אשר בקרבו ראה כל זאת בחוש ההשגה כאילו רואה כל הדברים עין בעין בחוש הראות. יען כי גופו נזדכך, ואין חומריות גופו כחומר גוף איש אחר, ולכך אין גופו מעכב ומונע לרוחו מלראות על ידי השגת המוח כל הנעשה במרחק. וזהו על דרך שנזכר בכתוב „וראו כל בשר יחדו". וזה הענין שכתוב אצל משה רבנו „ויראהו השם את כל הארץ. והרבה חידושי תורה נתחדש ביניהם בענין ראיית כל בשר, ולאו דוקא ראיית כל עין.

אחר כל אלה הלכו לקיים מצות בקור חולים של חותן רבי אלעזר. אבל בדרך נקראו ללכת אל הלויה של צדיק אחר ששמו גם כן רבי יוסי, ונקרא רבי יוסי דפקיעין שעמד אחר מותו לתחיה על ידי תפלת וזעקת הינוקא שלו. וכאשר רבי אלעזר עם שאר החברים באו אצל חותנו רבי יוסי, מצאוהו יושב על מטתו לאחר מחלתו. ודרש להם הפסוק „רפאנו השם וארפא" כי כאשר השם יתברך הוא בעצמו הרופא, אז נוכל להיות בטוח שהרפואה בתוקפה ובשלימות. ואין לדאוג

---

נאך אפילו א סימן אויך, אז דו וועסט טרעפען דעם פאטער זיצען שבעה נאך זיין ווייב, וואס זי איז פאר עטליכע טעג געשטארבען, זאלסטו אוועקגעבען דעם בייטעל געלד צו דעם פאטער זיינעם, און זאלסט איהם זאגען, אז אין עטליכע טעג ארום וועט זיין זוהן שמעון קומען צו איהם, זאל ער אבגעבען צו זיין זוהן דעם בייטעל מיט די גאלדענע רענדלעך". דער איד האט צוגעזאגט צו רבי אלעזר, אז ער וועט דאס שליחות אויספיהרען פינקטליך. ער האט זיך צוקושט און געזעגענט מיט אלע חברים און איז אוועק שלם בגופו שלם בממונו.

רבי אלעזר'ס חברים האבען זיך ווידער שטארק פארוואונדערט אויף רבי אלעזר'ן און רבי אבא האט צו איהם געזאגט, אז ער קען ניט אויסהאלטען וואס ער פארשטעהט ניט, ווי אזוי איז רבי אלעזר פון דעם אלעם געוואהר געווארען אזוי פינקטליך. האט רבי אלעזר געזאגט צו רבי אבא מיט די איבעריגע חברים, אז זיין גייסט האט דאס אלעם געזעהן אזוי פינקטליך, אזוי ווי מען זעהן מיט'ן געוועהנליכען אויג. און אזוי ווי זיין גוף איז ניט פאר־גרעבט, נאר ער איז אויסגעלייטערט, דארורך איז זיין גוף ניט קיין שטערונג צו דעם זעהעניש וואס זיין גייסט זעהט ארער באגרייפט, אזוי ווי דער פסוק זאגט „וראו כל בשר יחדו". און זיי האבען וועגען דעם ענין פיעל דברי תורה געוועז.

נאכהער זיינען זיי אלע געגאנגען ווייטער מבקר חולה זיין רבי אלעזר'ס שוועהר, אבער אויפ'ן וועג זיינען זיי גערופען געווארען צו א לויה פון אן אנדערען צדיק רבי יוסי דפקיעין. וואס ער איז דערנאך צוריק לעבעדיג געווארען. און ווען רבי אלעזר מיט זיינע חברים זיינען אנגעקומען צו זיין שוועהר רבי יוסי, האבען זיי איהם שוין געטראפען זיצענדיג אויפ'ן בעט, אזוי ווי נאך א קראנקהייט. און ער האט געדרש'נט דעם פסוק „רפאני השם וארפא" אז ווען דער אויבערשטער שיקט די רפואה, איז מען פון דער קראנקהייט זיכער געהיילט, און מען

שהמחלה תשוב עוד אל זה החולה. ורפואה כזאת נקראת רפואה שלמה.

(מב)

הינוקא של רבי יוסי דפקיעין מחיה בזעקתו לאביו שמת.

רבי אלעזר ורבי אבא עם עוד חברים, כאשר הלכו לבקר את החולה רבי יוסי חותנו של רבי אלעזר, באה להם הידיעה ממחלת רבי יוסי על ידי יונה. וכך היה המעשה. בעת שהיו מטיילים בשדה ודברו חידושי תורה, פרחה ובאה לפניהם יונה שהיתה מנהמת ומקשקשת בכנפיה. וידבר רבי אלעזר אל היונה ואמר לה: „יונה כשרה, יונה טובה! הלא את תמיד ציר אמונים, תחזרי ותלכי ותאמרי אליו, שאל יפחד כלל, כי יעשה לו נס מן השמים וביום השלישי ירפא ממחלתו. ואני עם החברים שלי נבא בקרוב אליו בתור אורחים, ואז נשמח כלנו יחד.“

אחר עת קצרה שוב פרחה ובאה היונה לפניהם, שהיתה מנהמת ואומרת לרבי אלעזר, שאינה משמחת כל כך, יען כי האמנם שרבי אלעזר פעל בשמים שחותנו ירפא, אבל נחוץ היה ליתן למלאך המות קרבן אחר ששמו גם כן רבי יוסי, הלא הוא רבי יוסי דפקיעין. לאחר שפרחה היונה משם שאל רבי אבא לרבי אלעזר מה טובה של אותה היונה? ורבי אלעזר השיבו שתי הידיעות שהביאה לו היונה. מיד פרח ובא שמה גם עורב שחור, אשר צרח וקשקש בכנפיו. ויצעק רבי אלעזר על העורב ואמר: „הלא ידעתי שליחותך אשר דרכך תמיד להודיע. לך

---

דארף ניט איבערקלעהרען אז אפשר וועט די קראנקהייט ווידער צוריק קומען, און אזא רפואה הייסט רפואה שלימה.

(42)

דער אינגעלע פון רבי יוסי דפקיעין מאכט צוריק לעבעדיג זיין פאטער דורך זיין תפלה.

רבי אלעזר און רבי אבא מיט נאך חברים, ווען זיי זיינען געגאנגען מבקר חולה זיין דעם רבי יוסי, וועלכער איז געווען רבי אלעזר..ס שוועהר. האט דאן רבי אלעזר באקומען די נאכריכט דורך א טויב. ווען די חברים זיינען געווען אויף א שפאציר, איז געקומען צו פליהען א טויב פאר רבי אלעזר. זי האט געברומט און געקלאפט מיט די פליגעל. האט רבי אלעזר גערעדט צו דער טויב און האט אזוי געזאגט: „כשר'ע טויב, געטרייע טויב! דו ביזט דאך שטענדיג א עהרליכער שליח, געה צוריק און זאג איהם, ער זאל גאר ניט קיין מורא האבען. עס וועט איהם א נס געשעהן, און אויפ'ן דריטען טאג וועט ער שוין זיין געזונד. און איך מיט מיינע חברים וועלען בקרוב קומען צו איהם צו גאסט, דאן וועלען מיר זיך אלע פרעהען צוזאמען“.

א שטיקעל צייט דערנאך איז ווידער געקומען צופליהען די טויב, און ברומענדיג, האט זי מודיע געווען צו רבי אלעזר, אז זי איז ניט אזוי פרעהליך. ווייל אמת טאקע אז רבי אלעזר האט גע'פועל'ט אין הימעל, דאס זיין שוועהר זאל געזונד ווערען, אבער מען האט פאר דעם געמוזט געבען דעם מלאך המות אן אנדער קרבן, וואס זיין נאמען איז אויך רבי יוסי, דאס איז דער וואס מען רופט איהם רבי יוסי דפקיעין. אז די טויב איז אוועקגעפלויגען האט רבי אבא געפרעגט רבי אלעזר'ן וואס איז דא עפעס פאר א מעשה מיט די טויב. האט רבי אלעזר דערצעהלט צו רבי אבא די אלע נאכריכטען וואס די טויב האט געבראכט..באלד איז ווידער אנגעקומען צו פליהען א שווארצע קראה, וועלכע האט געקוויטשעט און געקלאפט מיט די פליגעל. האט רבי אלעזר צו דער קראה געזאגט: „איך ווייס שוין גוט צו וואס פאר א

לדרכך כי כבר נודעתי מזה."

אז אמר רבי אלעזר אל החברים שהלכו עמו: „חברים ! דעו שעלינו ללכת לגמול חסד של אמת עם החכם רבי יוסי דפקיעין שנסתלק, והוא גם ממשפחתנו, ואני רואה שלא נמצא שם במקומו אנשים כאלה שיהיו ראוים להביאו לקבורה." ויטו כלם מן הדרך שהלכו בו אל דרך אחר המוביל למקום הנפטר. כאשר באו שמה קבלו אנשי המקום אותם בכבוד גדול, וכל החברים נכנסו לבית הנפטר להכין ההלויה והקבורה.

רבי יוסי דפקיעין השאיר שני ילדים, בן קטן שלמד תורה, ובת קטנה. גם אמם כבר מתה. ואותו בן קטן היה בר חכים, וקראו לו בשם ינוקא. ויראו החברים שזה הינוקא אינו מניח לכל איש שיקרב אל מטת אביו, רק הוא בלבדו עמד אצל המטה, ובכל פעם הניח ראשו על ראש אביו בבכי ויללה. גם נשא עיניו לשמים והתחיל לזעוק ולטעון בזה הלשון: „רבונו של עולם ! הלא כתבת בתורתך הקדושה מצות שלוח הקן, לא תקח האם על הבנים, שלח תשלח את האם וגו'. אבל לקחת את האם ולעזוב את הבנים על הפקר זה אסור לעשות. ועתה רבונו של עולם ! הלא אתה תקיים מצוה הזאת שכתבת בתורתך. שני אפרחים אני ואחותי נשארנו יתומים מן אמנו, ואבינו נשאר תחת האם להגן עלינו ולשמור אותנו שלא נהיה הפקר. ועל פי מצות שלוח הקן היה מותר לך רק לקחת אותנו האפרחים, אבל לא את אבינו. ואם תאמר שבתורה כתוב רק שלח תשלח את האם, ולא את

---

שליחות דו ביזט שטענדיג גרייט אנצוזאגען. נעה דיר ריין ווענס, איך האב שוין פריהער פון דעם געוואוסט".

נאכהער האט רבי אלעזר צו די חברים געזאגט: „חברים! לאמיר געהן גומל חסד של אמת זיין צו דעם חכם רבי יוסי דפקיעין, וואס ער איז נפטר געווארען. ער איז אונזערס א קרוב, און אויך זעה איך דארט ניט עס זאל זיך געפונען אזעלבע מענשען, וואס זיינען ראוי זיין רעכטס צו טהון". באלד האבען זיך די חברים אראפגעדרעהט פון דעם וועג צו אן אנדערען וועג וואס פיהרט צו רבי יוסי דפקיעין. ווען זיי זיינען אהינצו אנגעקומען האט די גאנצע שטאדט זיי עמפפאנגען מיט גרויס כבוד, און אלע חברים זיינען אריינגעגאנגען אין דעם הויז וואו רבי יוסי דפקיעין האט געוואהנט און זיי האבען אנגעהויבען צו צוגרייטען די לויה מיט די קבורה.

נעבליבען איז פון רבי יוסי דפקיעין צוויי יונגע קינדער, א חרד אינגעלע מיט א שוועס־טערל. די מוטער זייערע איז נאך מיט א שטיק צייט פריהער געשטארבען. דער אינגעלע איז געווען זעהר א קלוג קינד, מען האט איהם גערופען „ינוקא", ער האט קיינעם ניט צוגעלאזט צום בעט וואו זיין פאטער איז געלעגען טוידט, נאר ער אליין איז געשטאנען נעבען בעט. ער האט אלעמאהל ארויפגעווארפען זיין קעפעל אויפ'ן פאטער'ס קאפ מיט א גרויס געוויין. ער האט אנגעהויבען טענה'ן צום הימעל און אזוי געשריגען: „רבונו של עולם! דו האסט דאך געשטעלט אין דיין הייליגע תורה די מצוה פון „שליח הקן". אז ווען מען געפינט א נעסט מיט יונגע פויגעלעך, זאל מען די מוטער אוועקשיקען, און די יונגע פויגעלעך מעג מען צונעמען. אבער אויב צונעמען די מוטער פון די פויגעלעך, און לאזען די יונגע פויגעלעך הפקר, ראס טאר מען ניט טהון. אצינד רבונו של עולם! זיי אליין מקיים דעם דין פון די הייליגע תורה. צוויי יונגע פויגעלעך זיינען מיר געבליבען פון אונזער מוטער, איך מיט מיין אינגערע שוועס־טערל, איז אונזער פאטער געבליבען דער באשיצער אונזערער, איז לויט דער דין תורה האסטו געדארפט אונז ביידע צונעמען, ניט אונזער פאטער. און אפשר וועסטו זאגען א תירוץ, אז אין די תורה שטעהט נאר „שלח תשלח את האם", דארום געהט דער דין תורה אן נאר ביי א מוטער. אבער ניט ביי א פאטער. אויף דעם קען איך דיר ענטפערען, אז וויל אונזער מוטער איז מיט א צייט פריהער געשטארבען איז דאך דער פאטער אנשטאט די מוטער, ער איז

תאב. אבל הלא לאחר מיתת אמנו נשאר אבינו במקום האם, הוא אבינו והוא גם אמנו. ואם לקחת מקודם את אמנו מן האפרחים שלה, ונשאר אבינו במקומה, איה מצות שלוח תקן אם גם את אבינו תקח מעל קן האפרחים, ואני עם אחותי נשאר הפקר בלי מגן ושומר!"

רבי אלעזר עם שאר החברים לא יכלו להתאפק, מבכי בשמעם זעקת הינוקא אשר בכה מרה, ויבכו גם הם עמו.

פתאם נשתתק הינוקא, ויראו כמו עמוד אש בא באותו החדר של הנפטר, ויתיצב לפני מטת הנפטר להיות מחיצה מפסקת בין מטת המת עם הינוקא, ובין רבי אלעזר והחברים עם שאר האנשים שנמצאו שם. כל שאר האנשים נבהלו וברחו החוצה מפחד. וגם החברים בקשו לצאת, ויאמר אליהם רבי אלעזר: „אל תפחדו מאומה ואל תברחו מכאן, כי כנראה יהיה נעשה כאן איזה נס גדול, יען כי דברי הרעש של הינוקא והטענות עם הדמעות שלו בקעו את הרקיעים".

מיד היה נשמע להם קול מתוך עמוד האש לאמר: „אשריך רבי יוסי! שזכית לבן חכם כזה שטענותיו כלפי שמיא עם דמעות עיניו בקעו את הרקיעים ובאו לפני כסא הכבוד. ובשביל זה נעשה עליך משפט חדש, ויצא הפסק להוסיף על שנותיך כ"ב שנה. כדי שתוכל ללמוד תורת עם הינוקא שלך שהוא בן יקיר וחביב לפני הקב"ה.

אחרי כן נעלם משם עמוד האש. ויראו החברים שרבי יוסי פתח עיניו, והינוקא עמד עוד אצל המטה, נסמך ראשו על ראש אביו כאלו היה נתעלף. אמר רבי אלעזר אל החברים: „אשרי חלקנו! שזכינו לראות

---

ביידע, ער איז אונזער פאטער און אויך אונזער מוטער. און אז דו רבונו של עולם האסט פריהער אראפגענומען אונזער מוטער פון איהרע יונגע פויגעלעך, און אונזער פאטער איז געבליבען אויך אונזער מוטער, היינט וואו איז דער דין תורה, אז דו האסט ווידער אונזער פאטער אויך אראבגענומען פון די נעסט, און מיר צוויי יונגע קינדער זיינען געבליבען אויף הפקר".

רבי אלעזר מיט די איבעריגע חברים האבען זיך ניט געקאנט איינהאלטען פון געוויין, און זיי האבען אויך מיט געוויינט מיט דעם „ינוקא".

אין מיטען געוויין האבען זיי געזעהן, אז פלוצלינג איז אזוי ווי א פייערדיגער זייל אריין אין שטוב, און האט זיך אנירערגעשטעלט צווישען דעם בעט מיט'ן טויטען רבי יוסי און דער ינוקא, און צווישען רבי אלעזר מיט די איבעריגע חברים און מיט דער גאנצער עולם מענשען וואס האבען זיך דארט געפונען..אלע מענשען זיינען באלד ארויסגעלאפען פאר שרעק. אבער רבי אלעזר האט געזאגט צו זיינע חברים: „שרעקט אייך ניט, עס ווייזט אויס, אז דא וועט עפעס א גרויסער נס געשעהן. ווייל די קלוגע שטורעמדיגע ווערטער פון דעם „ינוקא" מיט זיינע הייסע ביטערע טרעהרען האבען אלע הימלען געשפאלטען". ,

באלד האט רבי אלעזר מיט די חברים דערהערט א קול פון דער פייערדיגע זייל מיט דיזע ווערטער: „וואויל איז דיר רבי יוסי! וואס די קלוגע טענות און געשרייען פון דיין יונג שעפעלע, מיט זיינע הייסע טרעהרען, זיינען ארויפגעגאנגען און געשטעלט זיך פאר'ן כסא הכבוד. מען האט אין הימעל באלד געמאכט א נייעם משפט, און ס'איז געבליבען מען זאל דיר מוסיף זיין צוויי און צוואנציג יאהר, כדי דו זאלסט לערנען תורה מיט דיין טייער שעפעלע, וואס איז זעהר געליעבט ביים אויבערשטען".

נאכדעם איז די פייערדיגע זייל פארשוואונדען געווארען. האבען די חברים געזעהן אז רבי יוסי האט געעפענט זיינע אויגען. און דער ינוקא איז נאך אלץ אזוי געשטאנען נעבען בעט אנגעלענט אויפ'ן פאטער, זיין קעפעל איז געלעגען אויפ'ן פאטער'ס קאפ, אזוי ווי עד וואלט געווען פארחלש'ט. האט רבי אלעזר געזאגט צו די חברים: „וואויל איז אונז, וואס

בעינינו את הנס של תחיית המתים". ואל רבי יוסי אמר: „אשרי חלקך רבי יוסי! וברוך יוצרך ובוראך שהראה בך את הנס של תחיית המתים על ידי הטענות המוחכמות ודמעות עיניו של הינוקא בר חכים שלך". ורבי יוסי נשא שתי ידיו לשמים ונתן הודיה להקב"ה על חסדו הגדול שעשה עמו.

הינוקא שהיה ישן במצב התעלפות לקחוהו ונשאוהו בנחת בחדר אחר, ושמו עין עליו עד שנתעורר מעצמו. מי יוכל לתאר ולספר גודל השמחה והנשיקות של הינוקא לאביו. בראותו כי אביו חזר לתחיה.

רבי אלעזר עם חבריו ישבו שם עד יום השלישי, ושמחו כלם יחד מאד, וחדשו הרבה חידושי תורה. וכאשר בקשו מאת רבי יוסי שיספר להם מה שראה בעולם העליון, אמר להם שאין לו רשות לספר זאת. אך דבר אחד הגיד להם. שכאשר הינוקא שלו הרעיש בזעקתו וטען טענותיו לפני רבון העולמים, והזכיר הפסוקים של מצות שלוח הקן, רעדו שלש מאות אלף כסאות מבני הישיבה שלמעלה וכלם קמו ממקומותם ובקשו רחמים עלי שאחזור לתחיה. והקב"ה עשה רצון הצדיקים, ככתוב „רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם." וביום השלישי הלכו לקיים מצות בקור חולים אצל רבי יוסי חותנו של רבי אלעזר, ומצאוהו שנרפא ממחלתו.

---

מיר האָבען זוכה געווען צו זעהן תחית המתים מיט אונזערע אויגען". און צו רבי יוסי האָט רבי אלעזר געזאָגט: וואויל איז דיין חלק רבי יוסי! און געלויבט איז דער היילינער באַשעפער, וואָס האָט ביי דיר באוויזען תחית המתים דורך די קלוגע שטורעמדיגע טענות מיט דעם געוויין פון דיין קלוגען „ינוקא". רבי יוסי האָט אויפגעהויבען ביידע הענט צום הימעל, און געלויבט דעם אויבערשטען פאַר זיין חסד וואָס ער האָט מיט איהם געטהון.

דעם שלאָפענדען און פארחלש'טען „ינוקא" האָבען זיי פּאַמעליך אריין געטראָגען אין אַן אַנדער חדר, און האָבען אויף איהם אויפגעפּאסט, ביז ער איז פון זיך זעלבסט אויפגעקומען. מילא ווער קען אויסמאָהלען און ווער קען זיין אימשטאַנד צו באַשרייבען די גרויסע פרייד מיט דעם קושען, וואָס דער ינוקא האָט אויסגעקושט זיין פאָטער מיט הייסע ליעבענדע טרעהרען, ווען ער האָט דערזעהן אַז זיין פאָטער איז לעבעדיג געוואָרען.

רבי אלעזר מיט די חברים זיינען דאָרט אָפּגעזעסען ביז דעם דריטען טאָג. זיי האָבען זיך זעהר שטאַרק משמח געווען, און פיעל חידושי תורה איז דאָרט אויפגעטהון געוואָרען. רבי יוסי האָט פאַר זיי געזאָגט, אַז ער האָט ניט קיין רשות צו דערצעהלען וואָס ער האָט דאָרט אַלץ געזעהן. נאָר דאָס איינע האָט ער יאָ דערצעהלט, אַז ווען דער „ינוקא" זיינער האָט אַזוי געשטורעמט מיט זיינע טענות פאַר'ן רבונו של עולם, און האָט ארויסגעבראַכט דעם פּסוק פון דער מצוה שלוח הקן, האָבען אַ ציטער געטהון דריי הונדערט טויזענד שטוהלען מיט גרויסע לייט פון דער ישיבה של מעלה, און זיי אַלע האָבען זיך אויפגעשטעלט און געבעטען רחמים פאַר מיר. איך זאָל צוריק לעבעדיג ווערען. און דער אויבערשטער האָט געטהון דעם רצון פון זיינע צדיקים. אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט: „רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם". אין דריטען טאָג זיינען זיי געגאַנגען מבקר חולה זיין רבי אלעזר'ס שוועהר, און זיי האָבען איהם געטראָפען געזונדטערהייט.

## (מג)
## הינוקא של רב המנונא סבא מתרעם על חכמי ישראל

מעשה שהלכו רבי יצחק ורבי יהודה בדרך, ובאו אל המקום שנקרא „כפר סכנין”, אשר שם היה דר הצדיק הגדול רב המנונא סבא. ואז כבר לא היה רב המנונא סבא בחיים, ונשארה האלמנה שלו עם בן יחיד קטן, שהלך בכל יום אל הישיבה ללמוד תורה, והוא היה בר חכים וקראוהו בשם „ינוקא”. כאשר בא הינוקא לבית בעת צהרים אמרה לו אמו: „בני מחמדי! כאשר בא אלינו שני אורחים חשובים מן חכמי ישראל, קרב אליהם ותן להם שלום ויברכוך”.

הינוקא התחיל לגשת אליהם, אבל טרם עוד שהתקרב להם נסוג אחור מהם, ולא קרב אליהם. כאשר ראתה אמו כך שאלה אותו: „מדוע בני מאנת לגשת אליהם ?” ויענה לה הינוקא : „לא אחפץ לגשת אליהם, יען כי לא קראו היום קריאת שמע בשחרית. ואני למדתי, מי שאינו קורא קריאת שמע בשחרית. הרי הוא בנידוי כל אותו היום”.

כאשר שמעו שני הכמים דברי הינוקא התפלאו מאד על דבריו. נשאו ידיהם לשמים וברכו אותו, ונתנו הודיה להקב"ה על שנשאר מן רב המנונא בן קדוש כזה. ואמרו אל הנאספים: „הן דברי הינוקא כנים כי כך היה המעשה, שלא קרינו היום קריאת שמע בשחרית. וסבת הדבר היה שהוכרחנו היום לקום בבקר השכם, ולהשתדל אצל אנשים לאסוף ממון על מלבושים ועל סעודה לצורך הכנסת כלה על התונה של שני יתומים עניים, וכאשר היה חסר כל זה, לא היה ביכולת לעשות

---

## (43)
## דער אינגעלע פון רב המנונא סבא, וואס מען האט איהם גערופען „יניקא” קריטיקירט צוויי גרויסע חכמים.

רבי יצחק און רבי יהודה זיינען אמאהל געגאנגען אין וועג. זיינען זיי אנגעקומען אין דעם דארף „כפר סכנין” וואס דארט האט געוואהנט דער גרויסער צדיק „רב המנונא סבא”. דאמאלסט האט שוין „רב המנונא סבא” ניט געלעבט, נאר ס'איז געבליבען די אלמנה זיינע מיט א בן יחיד'ל. וועלכער איז געגאנגען אלע טאג אין חדר אריין תורה לערנען. ווען דער אינגעלע איז מיטאג צייט אהיים געקומען פון חדר, האט די מוטער זיינע צו איהם געזאגט: „זעהסטו מיין קינד, ס'איז דא געקומען צוויי טייערע געסט, גרויסע לייט, גרויסע צדיקים, געה גיב זיי שלום, וועלען זיי דיך בענטשען”.

דער אינגעלע איז צוגעגאנגען צו די געסט. אבער איידער נאך ער איז צוגעגאנגען נאהענט צו זיי, האט ער זיך צוריק גערוקט פון זיי. האט די מוטער איהם געפרעגט: „וואס איז דער מעהר מיט דיר מיין קינד, פארוואס האסטו ניט געוואלט צוגעהן צו זיי ?” האט דער אינגעלע געענטפערט: „איך וויל ניט צוגעהן נאהענט צו זיי, ווייל זיי האבען היינט עובר קריאת שמע געווען. און איך האב געלערנט, אז אויב איינער איז עובר קריאת שמע, איז ער אין חרם דעם גאנצען טאג”.

די צוויי חכמים האבען געהערט וואס דער „ינוקא” זאגט, האבען זיי זיך שטארק פאר־וואונדערט. זיי האבען אויפגעהויבען זייערע הענד און האבען איהם געבענטשט. דערנאך האבען זיי צוגעגעבען: „די מעשה איז טאקע אמת, נאר די אורזאכע דערפון איז וואס מיר האבען זיך געמוזט היינט גאנץ פריה אויפהויבען, און ארומלויפען שאפען געלד מיט מלבושים אויף א סעודה פאר הכנסת כלה, וואס ארימע יתומים האבען געראפט חתונה האבען, און אזוי ווי דאס אלעס האט געפעהלט, האט ניט געקענט זיין די חתונה. זיינען מיר דאך געווען

החתונה, והיינו עוסקים במצוה, והלכה היא שכל העוסק במצוה פטור מן המצוה".

אחר כך שאלו את הינוקא, מאין נודע לו שלא קראו היום קריאת שמע בשחרית. ויענה להם, שזאת הרגיש והכיר על ידי ריח הבגדים שלהם כאשר נגש אליהם.

כאשר שני החכמים רבי יצחק ורבי יהודה ישבו לאכול, ראה הינוקא שרבי יהודה כאשר נטל ידיו לאכילה אמר ברכת על נטילת ידים קודם הנטילה, כמו בכל המצות שצריך לומר הברכה קודם קיום המצוה, כדי שתהיה הברכה עובר לעשייתן. התיצב עוד הינוקא נגדם ואמר: „כנראה לא שמשתם את רב שמצות נטילת ידים אינה שוה לשאר שמעיה החסיד שהיה מברר הלכה זו, המצות, וצריך ליטול ידיו ואחר כך לברך. כיון שקודם הנטילה אין הידים נקיות אסור לברך."

## (מד)
## להתרחק מבית שקרה בו אסון, וגם להתרחק ממכשפים.

מעשה שהלך רבי יצחק אצל אביו בעת שהיה דר במעון הקיץ בנאות דשא לשאוף אויר צח וקר. וירא בדרך איש אחד שהיה מצדד והולך, והיה נשמר מלכת בדרך הישר כהליכת כל האנשים, והוא היה נושא חבילת קנים על כתפו. חפץ רבי יצחק ליכנס עמו בדברים וישאלהו, לאיזה צורך הוא נושא חבילת הקנים, אם מסחרו הוא בזה. אבל האיש לא ענהו והלך הלאה לדרכו. רבי יצחק הלך אחריו באותו הדרך וירא שאיש ההוא נטה מן הדרך ונכנס במערה. רבי יצחק הלך

---

אַן עוסק במצוה. און דער דין איז, אַז אויב מען איז אַן עוסק במצוה, איז מען פּטור צו טהון אַנ'אַנדערע מצוה".

זיי האָבען געפרעגט דעם „ינוקא" פון וואַנעט ער ווייסט דאָס, אַז זיי האָבען היינט עובר קריאת שמע געווען. האָט דער „ינוקא" זיי געענטפערט, אַז דאָס האָט ער דערקענט דורך דעם ריח פון זייערע מלבושים, ווען ער איז צוגעקומען נעהענטער צו זיי".

ווען די צוויי חברים האָבען זיך געזעצט עסען, האָט דער אינגעלע געזעהן, אַז רבי יהודה, ווען ער האָט זיך געוואַשען צום עסען, האָט ער געמאַכט די ברכה על נטילת ידים בעפאָר דעם וואַשען, אַזוי ווי ביי אַלע מצות וואָס דער דין לויטעט. מען זאָל מאַכען די ברכה בעפאָר מען איז מקיים די מצוה. האָט דער אינגעלע ווידער זיך זיי אַנטקעגענגעשטעלט און האָט געזאָגט: „עס ווייזט אויס אַז איהר זייט ניט קיין תלמידים פון „רב שמעיה החסיד", ווייל ער האָט באַשטימט דעם דין, אַז ביי די מצוה פון נטילת ידים זאָל מען מאַכען די ברכה על נטילת ידים נאָכ'ן וואַשען, ווייל ווען די הענט זיינען ניט ריין פאַר'ן וואַשען טאָר מען דאָך ניט מאַכען קיין ברכה".

## (44)
## אַ הויז פון אומגליקען דאַרף מען אויסמיידען.
## פון כשוף מאַכערס רפואות דאַרף מען זיך דערווייטערען.

רבי יצחק איז אַמאָהל געגאַנגען צום זומער וואָהנונג פון זיין פאָטער, האָט ער געזעהן אַז אַ מענש געהט עפּעס אין דער זייט נעבען דעם גלייכען וועג, ניט ווי אַלע מענשען געהן, און ער טראָגט אַ פּעקעל שטעקעלעך אויף די פּלייצעס. האָט רבי יצחק איהם געפרעגט, נאָך וואָס ער טראָגט דאָס פּעקעל שטעקעלעך, צו האַנדעלט ער דערמיט. אָבער דער מענש האָט איהם גאָר ניט געענטפערט און איז געגאַנגען ווייטער. רבי יצחק איז איהם נאָכגעגאַנ־גען, האָט ער געזעהן אַז דער מאַן געהט אריין אין אַ הייל, איז רבי יצחק איהם נאָכגעגאַנגען.

אחריו ונכנס גם כן לאותה המערה. שם במערה ראה רבי יצחק שיוצא עשן מן קרקעת המערה, ואיש ההוא נעלם שם, כי נכנס במערה אחרת שהיתה מערה בתוך מערה. כאשר נשאר שם רבי יצחק בלבדו נפל עליו אימה ופחד. חזר לאחוריו ויצא מן המערה וישב לו אצל הדרך לנוח מעט.

בעת ההיא עברו שם באותו הדרך שני חברים שלו, רבי יהודה ורבי חזקיה מן החברייא קדישא. כאשר ראה אותם רבי יצחק קרב אצלם ויספר להם מה שראה בתוך המערה. ויאמר אליו רבי יהודה: „יתברך וישתבח יוצרנו בוראנו שנצלת מן סכנה גדולה, יען כי אותה המערה היא אחיזת העיר „סרוניא". ושם באותה המערה יושבים רק אנשים מצורעים מעיר „סרוניא" שהם גם כן מכשפים. ובכלל עיר „סרוניא" הוא מקום שדרים בו הרבה מכשפים. ודרכם הוא ללכת למקומות שוממים ששם נמצאים הרבה נחשים, והם לוכדים ביותר את הנחשים השחורים שהם גדולים ואשר חיו עשר שנים, ובהם עושים כל מיני כשפים. וכאשר אותן נחשים השחורים טבע שלהם שכאשר איש נוגע בהם ביד ערומה נעשה מצורע, ולפי שקשה להמכשפים להשמר לבלתי יגעו בהם ביד ערומה, לכן הרבה מהם נעשים מצורעים, ואין ביכולתם לדור בעיר „סרוניא" ועשו להם מדור במערה היא. והרבה אנשים באים אצלם שמבקשים מהם לעשות להם כשפים, ומשלמים להם במיטב בעד מלאכתם הטמאה".

כאשר שמע רבי יצחק כך, נתן הודיה להקב"ה על שניצל מהתקרבות אלה הטמאים. ושלשת החברים הלכו משם יחדו בדרך אחד. כאשר הרחיקו משם פגעו באיש יהודי שהיה מנהג חמור, ועל

---

אין דער הייל האָט רבי יצחק געזעהן אז עס געהט ארויס א רויך פון דער ערד, און דאָרט איז דער מאן פארשווינדען געוואָרען אין א זייטיגע הייל. אזוי ווי רבי יצחק איז געבליבען איינזאם אין דער הייל האָט ער מורא באַקומען און איז צוריק אַרויסגעגאנגען פון דאָרט. אין דרויסען האָט ער זיך אנידערגעזעצט אביסעל אָפּרוהען זיך.

אין דער זעלבער צייט זיינען דאָרט פארביי געגאַנגען זיינע צוויי באַקאַנטע חברים פון די „חברייא קדישא" רבי יהודה און רבי חזקיה. אז רבי יצחק האָט זיי דערזעהן איז ער צו־געגאַנגען צו זיי, און האָט זיי דערצעהלט וואָס ער האָט אין דער הייל געזעהן. האָט רבי יהודה געזאָגט: „געלויבט זאָל זיין דער אויבערשטער, וואָס דו ביזט באַשירעמט געוואָרען פון א גרויסע סכנה. ווייל די הייל באַלאַנגט צו דער שטאָדט „סרוניא", און דאָרט אין דער הייל האַלטען זיך אויף בלויז קרעציגע מענשען, וועלכע זיינען אויך גרויסע כשוף מאַכערס, און אויך פיעל מענשען פון דער שטאָדט סרוניא זיינען מכשפים. זיי לאָזען זיך אַוועק אין די וויסטע געגענדען, וואו עס געפונען זיך פארשידענע שלאַנגען, און זיי כאַפּען אַמיינסטענס נאָר די שווארצע שלאַנגען, וועלכע זיינען עלטער פון צעהן יאָהר, און מיט די שווארצע שלאַנ־גען מאַכען זיי אַלערליי כשוף. און די שווארצע שלאַנגען האָבען אַן איינגענשאַפט אז מען דיהרט זיי אָן מיט די בלויזע האַנד ווערט מען קרעציג. און אזוי ווי פיעל פון די מכשפים קענען ניט זיין אזוי גוט פאָרזיכטיג, זאָלען ניט אָנריהרען די שווארצע שלאַנגען מיט די בלויזע הענד. דאַרורך ווערען פיעל פון זיי קרעציג. זיי קענען ניט זיין אין שטאָדט, האַלטען זיי זיך אויף אין דיזער הייל, און מענשען קומען דאָ אַהער צו דער הייל, אז די מכשפים זאָלען פאַר זיי מאַכען כשוף, און מען באַצאָהלט זיי דערפאַר".

רבי יצחק האָט געלויבט דעם אויבערשטען וואָס ער איז באַלד באַשירעמט געוואָרען פון דעם אומריינקייט, און אַלע דריי חברים זיינען צוזאַמען פון דאָרט אַוועקגעגאַנגען. אזוי ווי זיי זיינען אַבגעגאַנגען א שטיקעל וועגס, האָבען זיי באַגעגענט א איד, וואָס האָט געפיהרט אַן עזעל, אויף וועלכען ס'איז געלעגען צוגעבונדען א קראַנק איינגעל. האָבען זיי געפרעגט

החמור היה שוכב נער חולה נאגד אל החמור. וישאלו החברים את האיש, אנה מנהג את החמור עם הנער, ומה שקרה להנער. ויספר להם האיש, מעשה שהיה כך היה. זה הנער החולה הוא בנו. והוא היה דר תמיד בעיר בין יהודים, וזה הנער היה הולך בחדר ללמוד תורה. אבל לבעבור שפרנסתו בעיר היתה בדוחק, נתפתה לאחרים שיעצוהו לעקור דירתו מן העיר ויתישב בכפר הסמוך לעיר, והוא מקום שערביים דרים בו. שמע לעצתם והתישב שם בכפר ההוא בבית ערבי שעמד ריקם, והערבי השכיר לו הבית בזול לדור בו. שם באותו כפר היה דר איזה זמן, והנער היה הולך בכל יום העירה ללמוד תורה. ויהי היום שזה הנער בא מן העיר, וכאשר רק נכנס לבית נשב פתאם על פניו רוח חזק, ויגזק מן אותו הרוח שנעקם אצלו פיו ועיניו, וכן ידיו נתפתלו אצלו, גם לשונו בפיו נחלשה, וכמעט שניטל ממנו הדבור. וכאשר נודע הדבר לשכניו הגוים נתנו לו עצה לפנות עם החולה אל המערה שאצל העיר „סרוניא“, כי שם נמצאים אנשים שיכולים לרפאות מחלות כאלה, והוא שמע לעצתם והולך שמה עם הנער.

וישאל רבי יהודה אותו, אם לא ידע ולא שמע שכבר קרה פעם אחת באותו הבית מקרה אסון כזה. ויענהו האיש, כי אמת הדבר ששמע מדברים על אותו הבית שכבר קרה בו מקרה אסון כזה וימת החולה מזה. ויכול להיות שבעבור אותו הרינון עמד הבית ריקם, כי יש אמרו שזה פגע רע מעשה שדים, ולכך השכיר לו הערבי את הבית בזול. אבל כאשר היה הרבה אומרים שאיש ההוא

---

דעם איד, וואו ער גערט, און וואס עפעס איז געשעהן דעם אינגעל. האט דער איד זיי דער־צעהלט אזא מעשה, אז דער קראנקער אינגעל איז זיין זוהן. און אז ער האט שטענדיג גע־וואהנט אין שטאדט צווישען אידען, און דער אינגעל פלעגט געהן אין חדר, תורה לערנען. אבער אזוי ווי ער האט אין שטאדט נים געהאט בריוות פרנסה, האט ער זיך געלאזט איבער־ריידען ער זאל ארויס פון שטאדט, און זאל זיך באזעצען אין דארף נעבען דער שטאדט צווישען גוים. האט ער זיך באזעצט אין יענעם דארף אין א הויז וואס איז געשטאנען לעדיג, און דער גוי׳אישער בעל הבית האט איהם פארדינגען דאס הויז בילינ פאר א וואהנונג. דארט אין דעם הויז האט ער שוין אבגעוואהנט א שטיק צייט, און דער אינגעל פלעגט געהן אין שטאדט אריין לערנען תורה. האט זיך געמאכט אמאהל ווען דער אינגעל איז אהיים געקומען פון שטאדט, האט עפעס אזוי ווי א ווינד פלוצלינג איהם א בלאז געטהון אין פנים אריין, און ער איז דערפון גע׳ניזק׳ט געווארען, ס׳איז ביי איהם אויסגעדרעהט געווארען דאס מויל מיט די אויגען. די הענד זיינען ביי איהם אויך אויסגעדרעהט געווארען, און דאס לשון איז איהם איינגאנצען אבגענומען געווארען און האט אויפגעהערט צו ריידען. האבען די גוי׳אישע שכנים איהם געגעבען אן עצה, ער זאל אהער קומען מיט דעם חולה צו דער הייל פון די שטאדט „סרוניא“, און אז אין דער הייל געפונען זיך אזעלכע מענשען וואס וועלען דעם אינגעל געווים געזונד מאכען. פאלגט ער די עצה, און פיהרט איהם צו דער הייל.

רבי יהודה האט געפרעגט דעם איד, אויב ער האט נים געהערט, אז אין דעם זעלבען הויז האט אמאהל פאסירט אזא אומגליק. האט דער איד געענטפערט, אז ס׳איז אמת דאס ער האט געהערט רעדען אויף דעם הויז, אז אין דיזען הויז איז אמאהל א מענש ניזוק גע־ווארען אויף אזא שטייגער קראנקהייט, און דאדורך איז טאקי דאס הויז געשטאנען לעדיג, ווייל טהייל מענשען האבען געזאגט אז דאס איז געשעהן פון א בייזען רוח, און דאריבער האט טאקי דער גוי איהם פארדינגען דאס הויז גאנץ ביליג. אבער אזוי ווי א טהייל מענשען האבען איהם געזאגט. אז יענער מענש וואס איז געשטארבען איז נים געווען פון קיין אויסער־געוועהנליכע פאסירונג, נאר ס׳איז געווען א נאטירליכע קראנקהייט, און אזוי ווי ער זעלבסט

מת במחלה שעל פי דרך הטבע, ושלא היה מקרה של מעשה שדים, וכן גם הוא בעצמו אינו מאמין במציאות שדים ומזיקים לכן נתרצה לשכור אותו הבית לדור בו.

כאשר שמע רבי יהודה אותו הסיפור, התחיל ליכנס עמו בדברים על דרך מוסר עם וכוח. ראשית הודיע לו שבמערה ההיא לא נמצאים שם רופאים כי אם מכשפים, וליהודי אסור לשאול בעצת מכשפים ואסור להרפא מהם. והשנית שאל אותו, שאם הוא אינו מאמין בשדים ורוחות, מדוע יפנה אל מכשפים, שכל כחם הוא רק מהם. אבל היהודי פנה עורף מהם, ולא חפץ להשיב על דברי רבי יהודה, ואמר שירט לו הדרך שמה, ויפרד מהם ללכת בדרך המוביל אל המערה ההיא.

בתחלה בקשו החברים ללכת אחרי יהודי ההוא. לראות מה שיעשו המכשפים עם נער החולה. אבל רבי יצחק עיכב מלכת אחריו, באמרו כי כאשר זה היהודי אין לו אמונה לדרוש בצדיקים שיעזרו לו בתפלתם, והוא אך למכשפים יפנה, לכן מחויבים הם להתרחק מאיש כזה. ויסכימו כלם לדברי רבי יצחק וילכו משם הלאה לדרכם.

סוף דבר היה שכאשר אותו היהודי בא אל המערה, הניח את החמור עם הנער בחוץ, והוא בעצמו נכנס אל המערה לקרות את המכשפים ולספר להם מה מבקש. ויהי כאשר יצא היהודי לחוץ מן המערה אל הנער, ראה שהוא מוטל מת על החמור. אז לקח את החמור עם הנער וינהג אותם העירה להביא את בנו לקבר ישראל.

כאשר בא לעיר פגש באותם שלשת החכמים שהתוכחו עמו בדרך, ויספר להם מה שקרה לו. אז הוכיחו אותו על פניו

---

איז אויך א קנאפער מאמין אין שדים מיט מזיקים, דערווך האט ער גאר ניט איבערגעקלעהרט און האט גערונגען דאס הויז פאר א וואהנונג.

אז רבי יהודה האט דאס געהערט האט ער געפרואווט אנהויבען א שטיקעל וכוח מיט דעם איד. ערשטענס האט ער איהם געגעבען צו ערקלעהרען, אז אין דער הייל איז גאר דא כשוף מאכערס, ניט קיין דאקטוירים, און א איד טהאר זיך ניט ווענדען צו קיין מכשפים. און אויסער דעם האט רבי יהודה איהם געשטעלט א פראגע, אז אויב ער איז ניט קיין מאמין אין שדים, טא פארוואס זשע ווענדעט ער זיך אצינד צו מכשפים. אבער דער איד האט ניט געוואלט ענטפערען אויף קיין פראגע, ער האט זיך שטארק געאיילט, און איז פון זיי אוועק צו דער הייל.

די דריי חברים האבען אפילו אין אנהויב גערעכענט נאכצוגעהן און זעהן וואס די מכשפים וועלען דארט אויפטהון מיט דעם אינגעל. אבער רבי יצחק האט זיי אבגעהאלטען, זאגענדיג. אז אזוי ווי דער איד האט ניט קיין אמונה ער זאל זיך ווענדען צו צדיקים, נאר ער געהט נאר צו מכשפים, דארפען מיר זיך דערווייטערען פון אזעלכע מענשען. אלע האבען איינגעשטימט דערצו און זיי זיינען פון דארט אוועקגעגאנגען זייער וועגס.

די ענדע איז געווען, אז אזוי ווי דער איד איז צוגעקומען צו דער הייל, און ער האט געלאזט שטעהן דאס עזעל מיט דעם קראנקען אין דרויסען פאר דער הייל, און ער איז אליין אריינגעגאנגען אין דערהייל ארויסרופען די מכשפים, איז אזוי ווי ער איז ארויסגעקומען צוריק פון דער הייל, איז דער אינגעל שוין געווען א טויטער. האט ער צוריק געפיהרט דעם עזעל מיט דעם טויטען אינגעל אין שטאדט אריין, ברענגען איהם צו קבר ישראל.

אין שטאדט האט דער איד אנגעטראפען אויף די זעלבע דריי גרויסע לייט, וואס ער האט

בדברי מוסר. ראשית, מדוע שכר לו דירת בבית שיש עליו רינון של מקרה אסון שלא כדרך הטבע, כי כל יהודי מחויב להתרחק מבתים כאלה, ואסור לכל איש להעמיד על עצמו בקשיות עורף במה שנוגע לענינים כאלה. ועל זה כתוב „אשרי אדם מפחד תמיד ומקשה לבו יפול ברעה". והשנית תוכיחו אותו מדוע הלך לדרוש במכשפים מה שאסרה התורה. כי כל יהודי בכל צרה שלא תבא צריך לפנות אל הצדיקים חכמי הדור שיתפללו עליו, והם בתפלתם ובברכתם יש בכחם להמשיך ישועות הרפואה לחולים.

אז אמר רבי יהודה לשאר החברים: „כנראה שאותה הזכות שלמד הנער תורה היא שעמדה לו שימות טרם שהמכשפים יטמאו בכישופם את נשמתו של הנער."

ורבי חזקיה אמר ודאי כך הוא שאסור לאיש להתרפאות ממכשפים. ואף שנראה שהם מרפאים בעשבים ומקטרים קיטור עשן לרפואה. אבל מלחשים הם בלחש לחשים לצד הטומאה. וכיון שהרפואה באה מכח צד הטומאה נשאר אדם טמא בלב החולה הנרפא. ולאו דוקא רפואה אלא אפילו מברכות של איש טמא ומטמא נצרך להתרחק. וכך אמר רשב"י שדבר זה נלמד מן ברכותיו של בלעם הרשע שהיו קשים לישראל.

ועל זה יתכן המשל מה שאומרים לצרעה: „לא מעוקצך ולא מדובשך".

---

זיי באגעגנט אויפ'ן וועג, און ער האט זיי דערצעהלט וואס האט דארט פאסירט. האבען זיי איהם גוט אויסגעמוסרס'ט. ראשית, פאר וואס ער האט זיך באזעצט אין א הויז וואס איז פארדעכטיגט, אז דארט געשעהט אומגליקען. א איד דארף זיך דערווייטערען פון אזעלכע פארדעכטיגטע וואהנונגען. א איד טאר ניט שטעלען אויף זיך אזוי שטארק ביי אזעלכע ענינים. אויף דעם זאגט דער פסוק „אשרי אדם מפחד תמיד, ומקשה לבו יפול ברעה". דאס הייסט, וואויל איז דעם מענש וואס איז פארזיכטיג ביי יעדער געפאהר, אבער דער מענש וואס מאכט הארט זיין הארץ דער פאלט אריין אין א צרה. און ווייטער האבען זיי איהם באשטראפט, וואס ער האט נאך ערגער געטהון מיט דעם, וואס ער האט זיך געווענדעט צו מכשפים. א איד דארף זיך בעסער ווענדען צו די צדיקים וואס געפונען זיך צו יעדער צייט, וועלכע האבען די קראפט דורך זייערע תפלות און דורך זייערע ברכות, קראנקע געזונד צו מאכען.

רבי יהודה האט געזאגט צו די איבעריגע חברים: „עס ווייזט אויס, אז דער זכות וואס דער אינגעל האט געלערנט תורה, איז איהם בייגעשטאנען, ער זאל פריהער שטארבען, איידער די מכשפים זאלען מיט זייער כשוף מטמא זיין דעם אינגעל'ס נשמה".

און רבי חזקיה האט געזאגט, געוויס איז אזוי, אז א איד טאהר זיך ניט היילען פון מכשפים. אפילו ווען מען זעהט אז זיי נוצען קרייטעכצער און רויכערען מיט די קרייטעכ־צער פאר דעם קראנקען, אלס א רפואה. אבער געוויס זאגען זיי שטילערהייט פארשפרעכונגען' וועלכע באלאנגען צו כשוף. און ווייל די רפואה קומט פון אן אומריינע קראפט, איז אונ־מעגליך עס זאל ניט בלייבען א אומריינע גיפט אין הארץ פון קראנקען. ניט בלויז פון זייערע רפואות דארף מען זיך דערווייטערען, נאר זאגאר ברכות. וועלכע ווערען געזאגט פון א איש טמא, וואס וויל אנדערע אויך מטמא זיין, דארף מען אויך אויסמיידען. אזוי ווי רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט, אז דאס באווייזט אונז די ברכות פון בלעם הרשע, וועלכע האבען געשאדעט צום אידישען פאלק.

און אויף דיזען ענין איז צוגעפאסט דער ביישפיל וואס מען זאגט צו א ביהן: „איך וויל ניט דיין גיפט און אויך ניט דיין האניג".

(מה)

## שלמה המלך פרח על נשר אל הרי חשך.

רבי פנחס מן החברייא קדישא של חכמי הזהר היה מספר לפני חביריו, איך ששלמה המלך כאשר בקש לדעת איזה סוד נעלם מן הכחות הנסתרים אשר בכח הטבע. היה קורא אליו נשר גדול מאד, ושלמה המלך ישב עליו לרכוב כמו על סוס. והנשר פרח עמו ארבע מאות פרסא בשעה אחת. והיה מנהיגו אל המקום שנקרא „תרמוד במדבר". וזה המקום נמצא בין הרים גדולים וגבוהים מאד במדבר, ואצל אותן ההרים נמצאים ההרים שנקראים הרי חשך. ואין זה המקום של ישוב, שיש עיר שנקראת „תרמוד" ויושביה נקראים „תרמודאי". רק זה הוא התרמוד אשר במדבר. וכן הוא נזכר במקראות, תרמוד שבמדבר הרים. ולשם נאספים כל השדים והמזיקים ורוחות רעים.

כאשר היה בא שמה שלמה המלך רוכב על הנשר, היה עומד שם הנשר בגובה האויר, ושלמה כתב פתקא והשליכו שם לארץ, ועל ידי זה ניצל מן השדים והמזיקים ורוחות הרעים שנמצאים שם. והנשר הזה היה לו כח מיוחד שיוכל להביט ולראות בתוך החשכות, ולכן היה יכול לפרוח עם שלמה בחשכות ההרים, ולהגיע אל המקום שנמצאים שם בעומק הארץ שני המלאכים עז"א ועזא"ל, שהם אסורים שם באזיקים אל עמוד ברזל הנצב בעומק התהום ומגיע עד השמים. ואין בריה בעולם יכולה לגשת אל מקום ההוא, ואפילו

(45)

## שלמה המלך פלעגט פליהען אויף א גרויסען אָדלער צו די פינסטערע בערג.

רבי פנחס, פון די חברייא קדישא וואס האָבען מחבר געווען דעם זהר, האָט דערצעהלט פאר זיינע חברים, אז שלמה המלך ווען ער האָט געוואָלט עפעס אויסגעפונען א סוד פון וויסענשאפט, וועגען די פארבארגענע נאטור קרעפטען. פלעגט ער לאָזען רופען צו זיך זעהר א גרויסען אָדלער. און שלמה המלך האָט זיך אויף איהם ארויפגעזעצט רייטען, אזוי ווי אויף א פערד, און דער אָדלער איז געפלויגען מיט איהם ביז צו דעם אָרט „מדבר תרמוד". דאָס אָרט תרמוד געפינט זיך צווישען גרויסע הויכע בערג אין א מדבר. און ביי ענדע בערג איז אויך דא די פינסטערע בערג, וועלכע רופען זיך „הרי חושך". דער תרמוד איז ניט די שטאָדט תרמוד, וועלכע געפינט זיך אין ישוב, און איז באוואוינט מיט מענשען פון א שבט וועלכע רופען זיך „תרמודיאנער". נאָר דאָס איז זעהר א וויסטעניש אין א גרויסע מדבר, וואס ווערט אין פסוק אויך אָנגערופען „מדבר תרמוד". אין דער מדבר תרמוד פארזאמלען זיך אַלע שדים מזיקים און בייזע גייסטער.

ווען שלמה המלך פלעגט דאָרט אהינקומען. רייטענדיג אויף דעם גרויסען אָדלער, פלעגט דער אָדלער בלייבען שטעהן דאָרט הויך אויף דער לופט, און שלמה המלך האָט אָנגעשריבען עטליכע ווערטער אויף א קוויטעלע און האָט עס אראָפגעוואָרפען אויף דער ערד, דאדורך האָבען זיך באלד אַלע מחנות ניט גוטע גייסטער אָפגעטראָגען פון דאָרט, און זיי האָבען ניט געהאַט קיין שליטה עפעס שלעכטס צו טהון צו שלמה המלך. און אזוי ווי דער אָדלער האָט געהאט א באזונדער אייגענשאפט, צו קענען זעהן וואס טהוט זיך אין דער פינסטער, דאדורך האָט דער אָדלער געקאָנט ארומפליהען אין דעם פינסטערען געגענד צווישען די בערג. און אויסגעפונען דאָס אָרט וואו עס געפונען זיך די צוויי אראָפגעפאלענע מלאכים עז"א און עזא"ל, וועלכע זיצען אין א טיעף אָרט פון דער ערד, צוגעשלאָסען מיט אייזערנע קייטען צו א גראָבע הויכע אייזערנע זייל, וועלכע שטעהט טיעף אין דער ערד ביז צום תהום, און איז הויך ביז צום הימעל. קיין באשעפעניש אויף דער וועלט איז ניט אימשטאנד צו צוטרעטען

עופות השמים מפחדות לפרוח שם. מלבד בלעם הרשע שהיה יכול בכח של כשפים לגשת אליהם וללמוד אצלם סודות של כשפים.

כאשר הנשר היה מביט בחשך האפלה וראה שהוא נמצא אצל מקום העמוד עם שלשאות של ברזל, אז ירד למטה והיה מכסה לשלמה המלך בכנפיו, ועמד הנשר על אותן השלשלאות ויקרב אצלם. אז הוציא שלמה טבעת שהיה חקוק עליה שם קדוש, וישם הטבעת בפי הנשר. ומיד היו אומרים המלאכים כל מה ששאל שלמה המלך מהם. ומשם ידע שלמה נסתרות של חכמת הטבע.

שני מלאכים האלה נפלו מן השמים ונענשו להאסר שם באזיקים. יען כי הם היו מקטרגים על שברא הקב"ה את האדם שעתיד לחטוא, וניסה אותם הקב"ה שהפילם לארץ ונתגשמו בגופות של בשר ודם. אז התחילו לחטוא עם בנות הארץ הרבה יותר מן אנשים ילידי אשה, והיו שוטפים העולם בזנות, ולכך הסגירם שם הקב"ה ונאסרו באזיקים שלא יוכלו לצאת משם. ונעשה מקום ההוא קן של שדים ומזיקים ורוחות רעים. וזה החילוק בין בלעם ושלמה המלך. בלעם נגש אליהם בכח הטומאה של כשפים, ושלמה נגש אצלם על ידי שהכניעם בכח של קדושה.

---

צו יענעם געפעהרליכען אָרט, זאָגאר פויגעל האָבען אויך מורא צו פליהען אין יענעם געגענד. אויסער איין בלעם הרשע וואָס ער האָט געקענט דורך כשוף צו געהן נאָהענט צו זיי און לערנען זיך ביי זיי די חכמה פון כשוף.

ווען דער אָדלער האָט דערזעהן אין פינסטערניש אז ער געפינט זיך שוין נעבען דער אייזערנער זייל מיט די אייזערנע קייטען, דאן פלעגט זיך דער אָדלער אראָפּלאָזען און האָט פאַרדעקט שלמה המלך מיט זיינע פליגעל. דערנאָך האָט ער זיך אנידערגעשטעלט אויף די אייזערנע קייטען, ניט ווייט פון די צוויי מלאכים. דאן האָט שלמה המלך ארויסגענומען א פינגערעל, וואָס א הייליגער שם איז געווען אויסגעקריצט דארויף. דאָס פינגערעל האָט ער אַנגעהאַנגען אין דעם אָדלער'ס שנאָבעל. אזוי נאָך האָבען די מלאכים געענטפערט צו שלמה אויף אַלע זיינע פראַגעס. און פון זיי איז שלמה געוואָר געוואָרען די סודות פון די פארבאָרגענע נאַטור קרעפטען.

די אויבענדערמאָנטע צוויי מלאכים זיינען אראָפּגעשליידערט געוואָרען פון הימעל, און נאָכהער זיינען זיי דאָרט צונעשלאָסען געוואָרען אונטער די הרי חשך, בעוויל זיי האָבען זיך אַנטקעגען געשטעלט פראָטעסטירען קעגען דעם הייליגען באשעפער, פאַר וואָס ער האָט באַשאַפען דעם זינדיגען מענש. האָט דער אויבערשטער זיי געפּרואווט און האָט זיי אראָפּ געשליידערט פון הימעל, צו זעהן ווי אזוי זיי וועלען זיך אויפפיהרען. זיי זיינען אויף דער וועלט פארקערפּערט געוואָרען אין א קערפּער פון בשר ודם. און באַלד האָבען זיי אָנגעהויבען זינדיגען מיט די טעכטער פון די מענשען, פיעל מעהר ווי די מענשען וועלכע זיינען געבאָרען געוואָרען פון פרויען. זיי האָבען פארפלייצט די וועלט מיט זנות. און דאַריבער האָט דער אויבערשטער דאָרט אונטער די הרי חשך זיי איינגעשלאָסען, זאָלען ניט קענען מעהר פון דאָרט ארויסקומען אויף די ליכטיגע שיין. און דאַדורך איז יענער געגענד געוואָרען א נעסט פון אַלערליי שדים, מזיקים און בייזע גייסטער. דאָס איז דער אונטערשייד צווישען בלעם הרשע און שלמה המלך. בלעם האָט געקאָנט צוטרעטען צו זיי דורך כשוף. אָבער שלמה המלך האָט געקאָנט צוקומען צו זיי דורך דעם, וואָס ער האָט זיי אונטערטעניג געמאַכט מיט דעם כח פון די קדושה.

## (מו)
## התגלות שלמה המלך לחכמי ישראל בדמות חיגר בעל קבין.

מעשה נפלא איך שפעם אחת הלך בדרך איש חיגר נכה רגלים. ואיש כזה נקרא „בעל קבין" לפי שהולך ברגלים של עץ. ופגש אותו החיגר בשני תלמודי חכמים מחכמי ישראל גדולי הדור שהיו רוכבים על סוסים באותו הדרך. אמר להם זה החיגר: „שלום עליכם רבותי! הן שמעתי עליכם שאתם חכמי הדור בישראל, אנה אתם הולכים?" אמרו לו. למקום פלוני. ואותו היום ערב שבת היה. אמר להם החיגר: „אף על פי שאתם רוכבים ואני נכה רגלים, אם תרצו אתקדם לפניכם שמה, ואני אכין לכם על שבת קודש בכבוד". הם התפלאו עליו ואמרו לו: „הלא אתה נכה רגלים, ואיך תוכל להתקדם לרוץ יותר מן הסוסים שלנו?" אמר להם: „אתם תראו איך שנרוץ כלנו יחד כהרף עין". אז לחש החיגר את השם הקדוש של קפיצת הדרך, ונעשה לכלם קפיצת הארץ, ודלגו חמש מאות פרסאות ברגע אחד, ונמצאו עומדים לפני מערה אחת. אמר להם החיגר: „בואו עמי אל המערה". נכנסו אחריו במערה תוך מערה עד שנכנסו לגן גדול. שם התפשט החיגר מן אותו הגוף שלו ונתלבש בגוף אחר, שהיו פניו מאירים כזוהר הרקיע. ולאחר שאכלו כלם יחד כיד המלך היה אותו החיגר יושב על כסא

## (46)
## שלמה המלך האט זיך באוויזען א לאנגע צייט נאך זיין טויט צו די גרויסע אידישע חכמים אין געשטאלט פון א מענש מיט הילצערנע פיס.

א וואונדערליכע געשיכטע ווערט געבראכט אין זוהר, אז אמאהל איז געגאנגען אויף א וועג א הינקעדיגער מענש. וועלכער האט געהאט ארויפגעזעצטע הילצערנע פיס. דער מאן האט באגעגנט אויפ'ן וועג צווי גרויסע געלערנטע פון די אידישע חכמים, וועלכע האבען געריטען אויף פערד אין דעם זעלבען וועג. האט דער הינקעדיגער צו זיי געזאגט: „שלום עליכם רבותי! איך האב געהערט זאגענדיג אויף אייך אז איהר זייט פון די גרויסע אידישע חכמים, וואו געהט איהר?" האבען זיי איהם געענטפערט, אז זיי געהן אויף יענעם באשטימטען ארט. דאמאלסט איז פונקט געווען ערב שבת. האט דער הינקעדיגער צו זיי געזאגט: „אבוואהל איהר טהוט רייטען און איך טהו הינקען, אויב איהר ווילט וועל איך לויפען פריהער פאר אייך אויף א באשטימט ארט און איך וועל אנגרייטען פאר אייך אויף שבת בכבוד". די חכמים האבען זיך אויף איהם פארוואונדערט און זיי האבען צו איהם געזאגט: „דו ביזט דאך א הינקעדיגער, און ווי אזוי איז מעגליך דו זאלסט נאך ניכער לויפען פאר אונזערע פערד?" האט ער צו זיי געזאגט: „איהר וועט דאך זעהן אז מיר אלע וועלען לויפען, ווי א פייל פון בויגען". דאן האט דער הינקעדיגער שטילערהייד געזאגט א הייליגען שם, וועלכער מאכט דעם מענש לויפען אזוי ווי געפלויגען, און זיי האבען געמאכט א שפרונג פון פינף הונדערט מייל אין איין מינוט, און זיי זיינען געבליבען שטעהן פאר א גרויסע הייל. האט דער הינקעדיגער צו זיי געזאגט: „אצינד קומט אריין מיט מיר אין דער הייל". זיי זיינען אריין אין דער הייל, פון דער הייל זיינען זיי ווייטער אריין נאך אין אן אנדערע הייל, ביז זיי זיינען אריינגעקומען אין א גרויסען הערליכען גארטען. דארט האט דער הינקעדיגער אראפגעווארפען פון זיך דעם הינקעדיגען קערפער, און ער איז אנגעקליידעט געווארען אין אן אנדערען גייסטיגען קערפער. פון וועלכען זיין פנים האט געשיינט אזוי ווי דער לויטערער הימעל. נאכדעם וואס זיי האבען אלע געגעסען א גרויסע סעודה כיד המלך, האט זיך דער הינקעדיגער אנידער געזעצט אויף א קעניגליכען שטוהל פון גינגאלד. און זיינע דריי הונדערט תלמודים.

מלכות של זהב מופז. ושלש מאות תלמודים שלו, שהיו פניהם מאירום ככוכבים, באו וישבו תחת הכסא מסביב לרגליו, והיו קורים ודורשים הרבה פעמים את הפסוק מהתחלת מגלת קהלת, הבל הבלים אמר קהלת וגו׳. אמרו לו החכמים: „מה זאת שאתם עוסקים רק בזה הפסוק. האם לא נמצא פסוקים אחרים במגלת קהלת לעיין בהם?״.

מיד קם אותו החיגר ואחז בידיהם של חכמי ישראל, והכניסם לתוך שבעה היכלות גדולים ויפים, שנעשו מן כסף וזהב ואבנים טובות. ובכל היכל והיכל היה כתוב זה הפסוק הבל הבלים אמר קהלת וגו׳. ובהיכל השביעי היה נשר גדול של זהב, ועטרה של זהב ואבנים טובות בפיו, ודמות יונה באותה עטרה. ועל העטרה כתוב כזה. — כל מי שאינו יודע מה המה ההבלים ומה הוא הסוד שלהם, עליו נאמר והזר הקרב יומת — מיד חזרו החכמים לאחור.

אז אמר להם החיגר: „אתם החכמים גדולי הדור שהלכתי אחריכם עד עתה לדעת מה גדלה חכמתכם. ועכשיו אני רואה שאין עוד אתם במדרגת החכמה כראוי. כי הלא בכח זה הפסוק עשיתי כל הבנין הזה עם אותן ההיכלות, ובכח הפסוק הזה אני פורח בכל העולם, לפעמים בפריחה אחת, לפעמים בשתי פריחות, לפעמים בשלש. לפעמים בארבע, לפעמים בחמש, לפעמים בשש ולפעמים בשבע״. אחר כך נתן להם החיגר ממון הרבה

---

וואס זייערע פנים׳ער האבען געלויכטען אזוי ווי די שטערען, זיינען אריינגעקומען און האבען זיך געזעצט אונטער דער שטוהל ארום זיינע פיס, און זיי האבען געלערענט און גע׳דרש׳נט פיעל מאהל דעם פסוק פון אנהויב קהלת, הבל הבלים אמר קהלת א. ז. וו., האבען די צוויי חכמים איהם געפרעגט: „פאר וואס עפעס זייט איהר עוסק נאר אלץ אין דעם איינעם פסוק, געפינט זיך דען נים נאך אנדערע פיעל גרעסערע פסוקים אין קהלת צום דרש׳נען ?״.

דאן האט זיך דער געוועזענער הינקעדיגער אויפגעשטעלט, האט אנגענומען די צוויי חכמים ביי די הענד, און זיי אריינגעפיהרט אין זיבען גרויסע זעהר שעהנע פאלאצען, וועלכע זיינען געמאכט געווארען פון לויטער זילבער און גאלד מיט ליכטיגע בריליאנטען. און אין יעדען פאלאץ איז געוועז אנגעשריבען דער פסוק הבל הבלים אמר קהלת א.ז.וו.. אין דעם זיבענטען פאלאץ איז געשטאנען א גרויסער גאלדענער אדלער. אין זיין שנאבעל האט דער אדלער געהאלטען א גאלדענע קרוין באזעצט מיט בריליאנטען, און אין רעדמיט פון די קרוין איז געשטאנען א גאלדענע טויב. אויף דער קרוין איז געוועז אנגעשריבען: — ווער עס ווייסט נים די באדייטונג פון די זיבען הבלים אין דעם ערשטען פסוק קהלת און וואס פאר א סוד שטעקט אין זיי,אויף אזא מענש זאגט רער פסוק „והזר הקרב יומת״ — ד״ה אז ווען א פרעמדער מענש קומט דא אריין איז ער חייב מיתה. דאן האבען זיך די צוויי חכמים באלד צוריק ארויס גערוקט פון דעם זיבענטען פאלאץ.

נאכהער האט דער מאן צו זיי אזוי געזאגט: „איהר ווערט גערופען חכמים, די גרעסטע לייט פון היינטיגען דור, איך בין אייך נאכגעגאנגען און האב אלץ געוואלט זעהן ווי גרויס אייער חכמה איז. אבער יעצט זעה איך אז איהר זייט נאך נים אויף דעם הויכען שטאפעל פון חכמה. אזוי ווי איהר זעהט האב איך מיט דער קראפט פון די זיבען הבלים. וואס ווערען נעבראכט אין יענעם פסוק, אויפגעבויערט דעם גרויסען הערליכען בנין מיט די זיבען פאלאצען. און מיט דער קראפט פון דעם פסוק פליה איך אדורך די גאנצע וועלט. אמאהל מיט איין פליה, אמאהל מיט צוויי פליה, אמאהל מיט דריי, אמאהל מיט פיער, אמאהל מיט פינף, אמאהל מיט זעקס און אמאהל מיט זיבען״. מעהר האט דער מאן מיט זיי נים נערעדט. ער האט זיי נעגעבען א מתנה פיעל געלד, און אין איין מינוט האט ער זיי צוריק נעשטעלט אויף דעם

והעמידם במקומם הראשון כהרף עין.
מפורשי הזהר כותבים, שזה שהתראה לחכמי ישראל בדמות חיגר היה שלמה המלך לאחר מותו. ואותן חכמי ישראל הם התנאים אשר נסתפקו בגדלות וקדושת מגלת קהלת. ובא לפניהם שלמה המלך מן גן העדן להראותם שאין להם השגת אפילו בכח פסוק הראשון מן קהלת. ומעת ההיא קבעו החכמים מגלת קהלת להמנות בין המגלות הקדושות.

## (מז)

## מגדל הפורח באויר שהיה לשלמה המלך.

הנשר שפרח עמו שלמה היה משתמש עמו רק לפרוח אל הרי חשך. אבל לפרוח באויר למען דעת עניני העולם, תבל וכל אשר בו, עבור זה היה לו לשלמה מגדל גדול הפורח באויר, שהיה מהלך על הרוח. הגם שלא נודע ולא נזכר במדרשים איך היה נעשה. ובאיזה כח היה מהלך על הרוח, אם ע"י כח טבעי על פי מכונות. כמו שעשה כסא המלכות שלו, או אם ע"י כח שלא על פי טבע. אמנם הסברא נותנת, שאם היה שלמה חכם ומבין איך לעשות כסא מלכות נפלא מאד ע"י מכונות בכחות הנסתרים בטבע של בריאת עולם. ובפרט שאם אנו רואים בזמננו שעושים הרבה מינים מגדלים הפורחים באויר במהירות נפלא ע"י מכונות של כחות הטבע, ונקראים „עראפליין". א"כ מדוע לא נאמר שמגדל הפורח באויר שהיה לו לשלמה, ג"כ היה נעשה ע"י מכונות על פי כחות הטבע

---

ערשטען אָרט וואו ער האָט זיי געהאָט באַגעגענט.
די מפורשים פון זוהר שרייבען, אז דער מאַן וואָס האָט זיך באַוויזען צו די צוויי גרויסע אידישע חכמים אין געשטאַלט פון א הינקעדיגער, דאָס איז געוועזען שלמה המלך א לאַנגע צייט נאָך זיין טויט. און די צוויי גרויסע לייט, דאָס זיינען געוועזען צוויי פון די תנאים וואָס האָבען געצווייפעלט אין דער מגלה קהלת. צו מען זאָל זי רעכענען פאַר הייליג, צו ניט. דאַדורך איז שלמה המלך אַראָפּגעקומען פון גן עדן, און האָט זיי געוויזען אז זיי האָבען קיין באַגריף ניט, אפילו דעם ערשטען פסוק פון קהלת גוט צו פאַרשטעהן, און פון דאַמאָלסט אָן האָבען די תנאים באַשטימט צו רעכענען די מגלה קהלת פאַר הייליג.

## (47)

## דער לופט באַלאָן פון שלמה המלך.

דער אָדלער, וואָס שלמה המלך איז אויף איהם געפלויגען, אזוי ווי ס'איז דערמאָהנט אין פריהערדיגען אַרטיקעל, האָט שלמה באַנוצט נאָר צו פליהען צו די הרי חשך. אָבער צו פליהען ווענען וועלטס זאַכען, געוואָהר צו ווערען וואָס געפינט זיך אויף דער וועלט, אויף דיזען צוועק האָט ער געהאָט א גרויסען לופט־באַלאָן. אָבוואָהל עס ווערט ניט געברענגט אין קיין מדרש ווי אזוי דער לופט באַלאָן איז געווען געמאַכט, אָדער דורך וועלכע קראַפט איז ער געפלויגען, צו איז דאָס געווען דורך נאַטור קראַפט. טעכניק מאַשינעריי, צו איז דאָס געווען דורך אָבער־נאַטור קראַפט. אָבער ס'איז מעהר זעלבסטפאַרשטענליך, אז אויב שלמה המלך איז געווען אזא גרויסער חכם, און האָט באַוויזען צו מאַכען אזא וואונדערליכע קעניגליכע שטוהל, דורך נאַטור־קראַפט פון טעכניק מאַשינעריי. און נאָך דערצו אז מיר זעהן אין היינטיגע צייטען. ווי עס ווערט געמאַכט פאַרשידענע לופט־באַלאָנען, וועלכע רופען זיך „עראָפּליינס". היינט פאַר וואָס זאָל מען ניט באַשטימען, אז דער לופט־באַלאָן פון שלמה

שהם כח האלעקטרין ומאגנעטיזם. או כח דחיקת האויר. אבל מדת גדלו של מגדל הפורח באויר אשר לשלמה אין לגזם, אלא לקיים הגירסא שהיה גדלו ששים אמה ארכו וששים אמה רחבו.

ברוב פעמים כאשר פרח עליו שלמה לקח עמו ארבעה שרים שהיו מיוחדים לפריחה. שר אחד מבני אדם, אסף בן ברכיה שמו. שר שני מן השדים, רמירא"ט שמו. שר שלישי מן החיות היה אריה. ושר רביעי מן העופות היה נשר. וגם מן חיל הצבא שלו לקח עמו. והיה אוכל סעודת הבקר בדמשק, שהוא במזרח העולם, וסעודת הערב במדי שהוא במערב העולם.

ויהי היום שפרח שלמה כמה ימים יחד במרחק רב מאד עם ארבעה השרים וחיל הצבא, וירא ממרחק אי גדול על ים האוקיינוס, ויאמר לפרוח שמה לתור את האי ולראות מה נמצא שם. כאשר באו על האי ראו שהוא מדבר שממה. אבל מצאו עליו טרקלין ישן נושן גדול וגבוה, כלו בנוי מן כסף וזהב. ויתפלאו מאד על יופיו של אותו הטרקלין. ויאמר שלמה שהיה כדאי פריחתו ימים רבים לבוא הנה ולראות בנין נפלא הזה. והיו הולכים ומטיילים סביבות הטרקלין, והתענגו מן ריח פרחים היפים אשר צמחו מסביב הטרקלין. ויבקשו ליכנס בתוכו, אבל לא מצאו לא שער ולא פתח עם דלת שיהיה

---

המלך איז אויך געמאכט געווארען דורך נאטור קראפט פון טעכניק מאשינעריי, אזוי ווי עלעקטריק מאגנעטיזם קראפט, אדער דאמפף קראפט, אדער לופט פרעססינג קראפט. אבער די גרויס פון שלמה המלך'ס לופט־באלאן ווערט יא באצייכענט. אז ער האט געהאלטען זעכציג איילען לאנג און זעכציג איילען ברייט.

אממיינסטענס טהייל ווען שלמה המלך האט געמאכט א שפאציר אויף זיין לופט־באלאן, פלעגט ער מיטנעמען מיט זיך פיער שרים, וועלכע זיינען געווען באשטימט מיט צו פליהען. איין שר איז געווען פון מענשען. זיין נאמען איז געווען אסף בן ברכיה. צווייטער שר איז געווען פון שדים. זיין נאמען איז געווען רמירא"ט. דריטער שר פון חיות איז געווען א לייב. פיערטער שר פון עופות איז געווען אן אדלער. אויסער די פיער שרים פלעגט ער מיטנעמען אביסעל זעלנער און קנעכט. ער איז אזוי גיך געפלויגען אז ער פלעגט עסען די סעודה פון דער פריה אין שטאדט „דמשק" וועלכע געפינט זיך אין מזרח זייט פון דער וועלט. און די סעודה פון אוונט פלעגט ער עסען אין „מדי" וועלכעס איז אויף מערב זייט פון דער וועלט.

האט זיך אמאהל פארגלוסט דעם מלך שלמה ער זאל פליהען עטליכע טעג צוזאמען. איז ער אוועקגעפלויגען מיט זיין געזעלשאפט זעהר וויט, ביז ער איז שוין געווען נאהענט צום גרעסטען ים אוקיינוס. האט ער דערזעהן פון וויט אז עס געפינט זיך א גרויסער אינזעל אויף דעם ים אוקיינוס. האט ער באשטימט צו פליהען אויף דעם אינזעל. כדי צו זעהן וואס פאר א מענשען עס געפינען זיך דארט. אז ער איז אנגעקומען אויף דעם אינזעל האט ער געזעהן אז דאס איז א מדבר, א וויסטערניש וואס קיין לעבעדיגער מענש געפינט זיך דארט נים. אבער זיי האבען דארט געפונען זעהר אן אלטען פאלאץ. ער האט אויסגעזעהן ווי א קייזערליכער פאלאץ, גאנץ גרויס און זעהר הויך, די ווענט געדעקט פון זילבער און גאלד. זיי אלע האבען זיך זעהר שטארק פארוואונדערט אויף דעם שעהנקייט פון דעם פלאץ. און שלמה האט געזאגט אז עס האט זיך איהם געלוינט צו מאכען אזא לאנגע לופט־רייזע, ער זאל זעהן אזא שעהנעם וואונדערליכען פאלאץ. זיי האבען שפאצירט ארום דעם פאלאץ, און האבען געהאט גרויס פארגעניגען פון דעם גוטען געשמאק, וואס די שעהנע בלומען האבען ארויסגעזעצט פון זיך, וועלכע האבען געוואקסען ארום און ארום פון אלע זייטען נעבען די ווענט פון פאלאץ. זיי האבען אנגעהויבען זוכען א טהיר אדער א טויער. זאלען קענען עפענען

ביכלות לפתוח ולכנס בתוכו, ויחר לשלמה על זה ויפלו פניו, על אשר לא תועיל לו חכמתו להבין סוד הנסתר של זה הטרקלין.

ויגש אליו רמירא"ט שר השדים ויאמר: „אדוני המלך! אל תדאג על זה. אני אגזור על שדים שיעלו למעלה מן גג הרטקלין ויחפשו, אולי ימצאו שם דבר אשר ממנו נדע איה פתח הטרקלין". ויאמר אליו שלמה שיעשה ככה. הלכו השדים עלו וחפשו, ירדו ואמרו כי לא ראו שם דבר. ואך זאת מצאו, נשר גדול רובץ על אפרוחיו. ויקרא שלמה אל שר העופות ואמר לו: „לך והביא אותו הנשר לפני".

הלך השר והביא את הנשר לפני שלמה. ויפתח הנשר את פיו וידבר בלשון שיחת העופות, נתן שלום למלך והשתחוה לפניו. אמר לו שלמה: „מה שמך?" השיב הנשר: „שמי אלענא"ד". — „בן כמה שנים אתה?" — „בן ת"ש שנים". — „הראית או שמעת שיש פתח לארמון הזה?" — „זאת לא אדע, אבל יש לי אח גדול ממני מאתים שנה, אולי הוא יודע זאת". אמר שלמה לשר העופות: „הוליך זה הנשר למקומו והביא לפני אחיו הגדול ממנו".

הלך השר והביא את הנשר השני. כאשר ראה הנשר את המלך שלמה השתחוה לפניו, וידבר בלשון שיחת העופות ונתן שלום למלך שלמה. אמר לו שלמה: „מה שמך?" השיב הנשר: „שמי אלעו"ף". — „כמה ימי שני חייך?" — תת"ק שנים"

---

און אריינגעהן אין פאלאץ, אבער זיי האבען גאר ניט אויסגעפונען. שלמה האט געהאט דערפון גרויס קרענקונג, עס האט איהם שטארק פארדראסען, אז ער זאל מיט זיין חכמה ניט קענען אויסגעפינען דעם באהאלטענעם אריינגאנג פון פאלאץ.

דאן האט זיך פארגעשטעלט פאר מלך שלמה רמירא"ט דער שר פון די שדים און האט אזוי געזאגט: „הער קעניג! לאז דער קעניג ניט אזוי שטארק זארגען אויף דעם. איך וועל געבען א באפעהל צו די שדים. זיי זאלען זיך ארויפכאפען אויף דעם דאך פון פאלאץ און זאלען זוכען, פיללייכט וועלען זיי עפעס אויסגעפונען א זאך, דורך וועלכען מען וועט קענען געוואר ווערען, ווי אזוי מען קען אריינקומען אין פאלאץ". שלמה האט איהם ערלויבט אזוי צו טהון. די שדים זיינען ארויף אויפ'ן דאך, האבען זיך אביסעל דארט געזאמט, און זיי זיינען אראפגעקומען מיט אן ענטפער, אז זיי האבען דארט קיין זאך ניט געזעהן. נאר וואס זיי האבען געטראפען אונטערן דאך א גרויסען אדלער, וואס זיצט אויף זיינע יונגע אדלערלעך. שלמה האט געגעבען א באפעהל צום שר פון די עופות און האט איהם געזאגט: געה און ברענג מיר אהער דיזען אדלער".

דער שר איז געגאנגען און האט געברענגט דעם אדלער פאר שלמה. דער אדלער האט אנגעפאנגען ריידען אויף די פויגעל שפראך, וועלכעס איז געווען גוט באקאנט צו שלמה המלך. ער האט געגעבען שלום צו שלמה המלך און האט זיך פאר איהם געבוקט. שלמה האט איהם געפרעגט: „וואס איז דיין נאמען?" דער אדלער האט געענטפערט: „מיין נאמען איז אלענא"ד". — ווי אלט ביזטו?" — „איך בין אלט זיבען הונדערט יאהר". — „צו האסטו געזעהן אדער געהערט אז דער פאלאץ האט א טהיר?" — „דאס ווייס איך ניט, אבער איך האב א ברודער וואס איז עלטער פון מיר מיט צוויי הונדערט יאהר, פיללייכט ווייסט ער דאס". האט שלמה געזאגט צום שר פון די עופות: „געה פיהר צוריק דיזען אדלער אויף זיין ארט און ברענג מיר זיין עלטערען ברודער".

דער שר איז געגאנגען און האט געבראכט דעם צווייטען אדלער פאר שלמה. אזוי ווי דער אדלער האט דערזעהן שלמה המלך, האט ער זיך פאר איהם געבוקט, און האט אויך אנגעהויבען ריידען אויף די פויגעל שפראך, און האט געגעבען שלום צו שלמה המלך. האט שלמה איהם געפרעגט: „וואס איז דיין נאמען?" און דער אדלער האט געענטפערט: „מיין

— „הידעת או שמעת שיש פתח לזה הארמון?“ — „זאת אין אני יודע. אבל יש לי אח גדול ממני ת' שנה. אולי הוא יודע זאת“. ויאמר שלמה אל שר העופות שיוליך זה הנשר למקומו, ויביא לפניו אחיו הגדול ממנו.

הלך השר והביא את הנשר השלישי שהיה זקן מאד. השתחוה נשר הזקן ונתן שלום למלך שלמה. אמר לו שלמה: „מה שמך?“ השיב נשר הזקן: „שמי אלתעמ“ר“. — „בן כמה שנים אתה?“ — „בן אלף וש' שנה“.—„הידעת או שמעת שיש פתח לארמון הזה?“ אמר לו: „אדוני המלך! אני לא ראיתי. אבל אמי ספרה לי שיש לו פתח מצד מערב. ומרוב השנים שעברו עליו כסהו העפר. ואם תרצה תגזור על הרוח שינשב בגבורה ויסיר העפר, אז יתגלה הפתח“. ויצו שלמה לשר העופות שיוליך את הנשר הזקן למקומו.

וישמע שלמה לעצת הנשר הזקן, ויגזור על הרוח שינשב שם בגבורה ויסיר את העפר מסביבות הטרקלין. מיד נשב רוח גדול והסיר את העפר מסביבות הטרקלין ונתגלה הפתח, שהיה שער גדול של ברזל, ונשאר כמו שרוף ובלוי מרוב הזמנים. ועל צד הימין של השער היה קבוע טס של זהב כתוב עליו כזה:

---

נאמען איז אלעו“ף“. — ווי אלט ביזטו?“ — „איך בין אלט ניין הונדערט יאהר“. — „צו איז דיר באקאנט אדער דו האסט געהערט אז דער פאלאץ האט א טהיר?“ דאס ווייס איך נים, אבער איך האב א ברודער וואס איז עלטער פון מיר מיט פיער הונדערט יאהר. פיליינט ווייסט ער דאס“. האט שלמה נעזאגט צום שר פון די עופות: „געה פיהר צוריק דיזען ארלער אויף זיין ארט און ברענג מיר זיין עלטערען ברודער“.

דער שר איז ווידער געגאנגען און האט געבראכט דעם דריטען אדלער. ס'איז קענטיג געוועזן אז ער איז שוין זעהר אלט. דער אדלער האט זיך אויך געבוקט און האט געגעבען שלום צו שלמה המלך. האט שלמה איהם געפרעגט: „וואס איז דיין נאמען?“ און דער אלטער אדלער האט געענטפערט: „מיין נאמען איז אלתעמ“ר“. — „ווי אלט ביזטו?“ — „איך בין שוין אלט טויזענד מיט דריי הונדערט יאהר“. — „פילייכט ווייסטו אדער דו האסט געהערט, אז דער פאלאץ האט ערגעץ א טהיר?“ — „הערר קעניג! איך זעלבסט האב שוין דא קיין טהיר ניט געזעהן, אבער מיין מוטער האט מיר אמאהל דערצעהלט, אז אויף מערב זייט פון פאלאץ איז דא א טהיר אדער א טויער, נאר דורך א צייט פון זעהר פיעל יאהרען איז דארט פארשיט געווארען מיט ערד. דארום אויב דער קעניג וויל. זאל דער קעניג געבען א באפעהל אויפ'ן ווינד, ער זאל דא בלאזען מיט א שטורם, וועט די ערד אוועקגעבלאזען ווערען פון דארט. דאן וועט די טהיר אנטפלעקט ווערען“. האט שלמה באפוילען צום שר פון די עופות, ער זאל דעם אלטיטשקען אדלער צוריק אפפיהרען אויף זיין ארט.

שלמה האט געפאלגט די עצה פון אלטען אדלער. ער האט געגעבען א באפעהל צום ווינד, ער זאל דא בלאזען מיט א שטורם און אוועקבלאזען די ערד. וואס איז זעלבסט פארשיט געווארען ארום דעם פאלאץ. און באלד איז געווארען א שטורם־ווינד און ער האט אוועקגע־בלאזען די פארשיטע ערד ארום דעם פאלאץ. דאן איז אנטפלעקט געווארען דער אריינגאנג אין פאלאץ. דאס איז געווען א גרויסער אייזערנער טויער. וועלבער איז שוין געוועזן אזוי ווי פארברענט דורך דעם זשאווער פון אזוי פיעל לאנגע צייטען. דער טויער איז באשטאנען פון צוויי העלפטען. אויף די רעכטע העלפט פון טויער איז געווען צוגעפאסט א גאלדענע בלעך מיט פאלגענדען אויפשריפט:

„ידעו בני אדם שאנחנו ישבנו בארמון הזה בטובות ובתענוגים גדולים שנים הרבה. וכשבא עלינו הרעב טחננו המרגליות תחת חטים, ולא הועיל לנו. הנחנו הארמון לנשרים. ואנחנו שכבנו על הארץ ומתנו".

על צד השמאל של השער היה גם כן קבוע טס של זהב כתוב עליו כזה: „ידעו בני אדם שלא יכנוס מי שירצה לארמון הזה, ואל ינזק. ואך נביא או מלך רשאי ליכנס. ואם ירצה ליכנס בו יחפור לצד ימין השער וימצא ארגז כסף עם מפתחות. יפתח שער הברזל ויכנס וימצא שער שני של כסף. יפתח ויכנס וימצא שער שלישי של זהב. יפתח ויכנס בתוך הארמון ויראה כמה וכמה חדרים יפים רצופים בלבנים של כסף ושל זהב, וימצא בהם אבנים טובות הרבה, אודם פטדה וברקת, וכמה מיני מרגליות. וכסף וזהב לרוב עד אין מספר".

ויצו שלמה לחפור שם, וימצאו הכל כמו שהיה כתוב על הטס. כאשר בא שלמה לפני שער השלישי של זהב מצא כתוב עליו כזה: מלך זה הארמון ישב כאן על כסא מלכותו בטובות ובתענוגים גדולים, בכבוד ובגבורה. וכל האומות גם אריות ודובים פחדו ממלכותו והודו. ובא זמנו למות בלא עתו, נפל הכתר מעל ראשו וימת".

---

„זאָלען מענשען וויסען אז מיר זיינען דאָ געזעסען אין דעם פּרעכטיגען פּאַלאַץ פיעל יאָהרען מיט אַלעם גוטען און מיט גרויסע פאַרגעניגענס. צום סוף איז געקומען אויף אונז א הונגער, מיר האָבען צומאָלען פּערל אויף מעהל אנשטאַט ווייץ, אָבער דאָס האָט אונז גאָר ניט נעהאָלפען. האָבען מיר איבערגעלאָזט דיזען פּאַלאַץ פאַר די אָדלערס. און מיר זיינען געפאַלען צו דער ערד און אויסגעשטאָרבען".

אויף די לינקע זייט פון טויער איז אויך געווען צוגעפּאַסט א גאָלדענע בלעך מיט פאָלגענדען אויפשריפט: „זאָלען מענשען וויסען", עס זאָל ניט אריינגעהן אין דיזען פּאַלאַץ אבי ווער, ווייל מען קאָן דאָ געניזק'ט ווערען. נאָר א נביא אָדער א קעניג איז ערלויבט דאָ אריין צו קומען. און אויב מען וויל דאָ אריינקומען, זאָל מען גראָבען אין די רעכטע זייט פון טויער. וועט מען געפונען א זילבערען קעסטעל מיט שליסלען. פריהער זאָל מען עפענען דעם אייזערנעם טויער, און געהן ווייטער, וועט מען געפונען א צווייטען זילבערנעם טויער. זאָל מען עפענען און געהן ווייטער, וועט מען געפונען א דריטען גאָלדענעם טויער. זאָל מען עפענען און אריינגעהן אינוועניג אין די חדרים פון פּאַלאַץ. דאָרט איז צו זעהן אז די חדרים זיינען אויסגעפּלאַסטערט מיט זילבערנע און גאָלדענע ציגעל. אויך וועט מען אין זיי געפונען פיעל פאַרשידענע טייערע דימענטען און בריליאַנטען. און אויך די טייערע שטיינער וואָס רופען זיך: אודם. פטדה, ברקת. אויסער דעם געפינט זיך דאָ זעהר פיעל פאַרשידענע פּערעל, און גאָלד און זילבער אָהן א צאָהל".

באַלד האָט שלמה געגעבען א באַפעהל מען זאָל דאָרט גראָבען, און עס איז טאַקי געפונען געוואָרען אַזוי ווי ס'איז געווען באַצייכענט אויף דער גאָלדענער בלעך, אז שלמה האָט באַקומען דאָס קעסטעל מיט די שליסלען, האָט ער אָנגעהויבען אויפשליסען די אַלע טוירען. און ער איז געגאַנגען אַלץ ווייטער, ביז ער איז אָנגעקומען פאַר דעם דריטען גאָלדענעם טויער. דאָרט אויף דעם גאָלדענעם טויער איז געשטאַנען פאָלגענדער אויפשריפט:

דער קעניג פון דיזען פּאַלאַץ איז דאָ געזעסען אויף זיין קעניגליכע שטוהל מיט פיעל גוטעס, און מיט גרויסע פאַרגעניגענס, מיט פיעל כבוד, און מיט גרויס שטאַרקייט. פיעל נאַציאָנען און זאָגאר לייבען און בערען האָבען געציטערט פון זיין קעניגרייך און זיין עקסעלענץ. איז אָבער געקומען די צייט, עד זאָל שטאַרבען איידער ער איז אַלט געוואָרען, איז פּלוצלינג די קרוין אראָפּגעפאַלען פון זיין קאָפּ און איז געשטאָרבען".

ויפתח שלמה גם שער השלישי של זהב. נכנס ומצא כמה וכמה חדרים. ובהם כמה מיני אבנים טובות ומרגליות, כסף וזהב לרוב עד אין מספר. גם מצא שם היכל אחד גדול שהכתלים שלו היו מחופים זהב טהור, ועל כל ארבעה הכתלים היה חקוק כתובת אחר. על כותל אחד היה כתוב כזה: „בן אדם, אל תמהר בשרירות לבך, לאט, לאט לך! כי העולם מזה לזה תנתן". על כותל השני היה כתוב כזה: „בן אדם, לא ישקר בך הזמן! אתה תבלה ותלך מן העולם ותשכב תחת הארץ". על כותל השלישי היה כתוב כזה: „בן אדם, הכן לך צדה לדרך! כי לא תשאר על האדמה ולא תדע יום מותך". על כותל הרביעי היה כתוב כזה: „בן אדם, אל תרבה נקם! כי על דאטפת אטפוך. וסוף מטיפיך להטיף".

מן זה ההיכל הגדול היה פתח לחצר גדול, אשר בו גן נחמד עם עצים יפים. וגם הרבה מיני פרחים צמחו שם, אשר נתנו מהם ריח טוב וחזק. באמצע החצר בין העצים עמד בית גדול סגור ומסוגר. ויחפש שלמה בין המפתחות וימצא מפתח זהב אשר לדלת הבית הזה. כאשר נכנס שלמה באותו הבית ראה שהוא יפה עד מאד, וכתלים שלו מחופים זהב עם ציורים יפים מרהובי עין. ובאמצע הבית ראה. והנה תבנית אדם נורא מאד יושב על כסא שן. כאשר נגש אליו שלמה נרעש

---

שלמה האט געעפענט דעם דריטען גאלדענעם טויער, און איז אריינגעגאנגען אין די חדרים פון פאלאץ. דארט איז געווען זעהר פיעל שעהנע חדרים, אין וועלכע עס האט זיך געפונען פיעל בריליאנטען דימאנטען, אלערליי פערל, גאלד און זילבער זעהר פיעל אהן א צאהל.

צווישען די פיעל חדרים איז געווען איין זאל גאר א גרויסער, וואס די ווענט זיינען באדעקט געווען מיט ריין גאלד. און אויף יעדער וואנט איז געווען אויסגעקריצט אנ'אנדער אויפשריפט. נעמליך: אויף איין וואנט איז געווען אזא אויפשריפט: „דו מענש! זאלסט זיך ניט איילען צו טהון וואס דיין הארץ גלוסט. לאנגזאם, לאנגזאם זאלסטו די זאך איבעררעכענען! ווייל דיזע וועלט ווערט פון איינעם צום צווייטען איבערגעגעבען". אויף א צווייטע וואנט איז געווען דיזער אויפשריפט: „דו מענש! זאלסט זיך היטען אז די צייט זאל ניט פעלשען אין דיר! געדענק דיין סוף וואס קאן זיין צו יעדער צייט, אז דו וועסט קראנק ווערען און מוזען אוועקגעהן פון דער וועלט, און פון אלע דיינע שעהנע וואהנונגען וועסטו ליגען אין דער ערד"! אויף א דריטע וואנט איז געשטאנען פאלגענדער אויפשריפט: „דו מענש! געדענק זאלסט דיר אנגרייטען „צדה לדרך" דאס הייסט מעשים טובים מיט צונעמען ווען מען געהט אויף יענער וועלט. דער מענש קאן דאך ניט בלייבען אימער אויף דער ערד, און דער טאג פון שטארבען ווייסט קיינער ניט". אויף א פיערטע וואנט איז אזוי געשטאנען: „דו מענש! זאלסט ניט זוכען קיין נקמה! ווייל דער וואס האט אמאהל יענעם דערטרונקען, קומט אן אנדערער איהם צו דערטרונקען. און דער סוף איז, אז דער אנדערער וואס האט איהם דערטרונקען וועט קומען א דריטער ווידער איהם דערטרונקען".

פון דעם גרויסען פראכטפאלען זאל איז געווען א טהיר, וואס האט אריין געפיהרט אין א גרויסען הויף. דארט איז געווען זעהר א שעהנער גארטען מיט שעהנע פארשידענע בוימער און שעהנע פארשידענע פלאנצונגען און פיעלארטיגע בלומען זיינען דארט געוואקסען, וועלכע האבען ארויסגעגעבען פון זיך זעהר א גוטען געשמאק, וואס דערקוויקט דאס הארץ. אין מיטען הויף צווישען די בוימער איז ווידער געשטאנען א גרויסער זאל, פארשלאסען פון אלע זייטען. שלמה האט געזוכט צווישען די שליסלען און האט געפונען א גאלדענעם שליסעל מיט וועלכען ער האט געעפענט דעם זאל.

אז שלמה איז אריינגעקומען אין דעם זאל האט ער געזעהן אזא שעהנקייט וואס ער האט נאך קיינמאהל געזעהן. די ווענט זיינען געווען איבערגעדעקט מיט גאלד, און אויסער דעם איז

התבנית והוציא אש ועשן מנחירי אפיו, ויצעק בקול גדול: „בואו מהר בני השטן! כי שלמה בא לאבד אתכם". ונעשה רעש ורעם מכל צדדי הבית.

ויצעק שלמה ויאמר: האתם תפחידו אותי, ואין אתם יודעים שאני שלמה המלך. שהמליכני בורא העולם על כל בריותיו אשר בזה העולם, וגם על השדים והרוחות המליכני, ואתם מורדים בי, לכן איסר אתכם בכל מיני יסורין!" ומיד קרא עליהם שם המפורש ושתקו כלם וברחו בני השטן משם. ויקרב שלמה אל אותו תבנית האדם, וירא שכלו נעשה מן זהב וכסף ונחשת, ובפיו טס זהב קטון שחקוק עליו אותיות שנתנו בו הכח לצעוק ולדבר. ויעקור שלמה מפיו אותו הטס. גם ראה שעל גרונו תלוי בשלשת זהב לוח גדול של זהב משובץ עם הרבה אבנים טובות ועליו כתוב כזה:

אני שדא"ד בן עא"ד מלכתי על אלף אלפי מדינות. ורכבתי על אלף אלפי סוסים, והיו תחת ידי אלף אלפי מלך, והרגתי אלף אלפי גבור. ובשעה שבא אלי מלאך המות לא יכלתי לעמוד נגדו. לכן אתה בן אדם. אל תתיגע הרבה בתענוגי זה העולם, כי סוף כל אדם למות, ולא ישאר

---

אויף זיי געווען זעהר שעהנע בילדער, וואס איז שווער געווען אוועק צו נעמען דאס אויג פון זיי. אבער אין מיטען זאל האט ער דערזעהן א בילד, פונקט אזוי ווי א לעבעדיגער מענש זיצט אויף א גרויסארטיגער שטוהל פון העלפאנטביין. דער מענש האט געהאט א מורא'דיג געשטאלט. אז שלמה איז צוגעגאנגען צו דעם מענש, האט דער מענש פלוצלינג געמאכט א גרויסען שטורם, פייער מיט רויך האט אנגעהויבען ארויסצוזעצען פון זיינע נאזלעכער, און ער האט אנגעהויבען שרייען: „קומט אהער גיך קינדער פון שטן! ווייל שלמה איז דא אריינגעקומען אייך שלעכטעס צו טהון"! און באלד איז געהערט געווארען אין אלע פיער זייטען פון זאל א גרויסער שטורם.

אבער שלמה האט זיך פון די געשרייען מיט דעם שטורמען ניט פארלוירען. שלמה האט זיי אנגעשריגען מיט פאלגענדע ווערטער: „שוין זאל שטיל ווערען! וואס דענקט איהר, אויף מיר א שרעק צו ווארפען! און איהר מאכט אייך ניט וויסענדיג אז איך בין שלמה המלך, וואס דער באשעפער פון דיזע וועלט האט מיך געמאכט קעניגען איבער אלע באשעפענישען פון דיזע וועלט, און זאגאר איבער שדים און גייסטער האט ער אויך מיך גע־מאכט קעניגען. און איהר ווידערשפעניגט קעגען מיר. פאר דעם וועל איך אייך באשטראפען מיט אלערליי יסורין!"

באלד האט שלמה המלך געזאגט איבער זיי דעם הייליגען שם המפורש, דעם אויבער־שטענס הייליגען נאמען, און די חברה לייט זיינען שטיל געווארען, און זיינען פון דארט אנט־לאפען. שלמה איז צוגעגאנגען אונטערזוכען דעם מענשען־בילד, האט ער אויסגעפונען אז דאס בילד איז געמאכט פון גאלד, זילבער און קופער. אין זיין מויל איז געווען אויף דער צונג א גאלדען בלעכעל, אויף וועלכען ס'איז געווען אויסגעקריצט אזעלכע אותיות, וואס האבען איהם געגעבען א קראפט ער זאל קענען ריידען און שרייען. האט שלמה ארויסגעריסען פון דארט דאס גאלדענע טעצעלע, איז ער שוין שטום געווארען. אויך האט שלמה דערזעהן אז אויפ'ן האלדז פון דיזען מענשען־בילד הענגט אויף א גאלדענע קייט א גאלדענער טאפעל, באזעצט מיט טייערע עדעלשטיינער, און אויף איהם שטעהט אזוי אויסגעקריצט:

„איך שדא"ד בן עא"ד האב געקעניגט איבער טויזענדער מדינות. איך האב געריטען אויף טויזענדער פערד. אונטער מיין מאכט איז געווען טויזענד טויזענדער קעניגען. אויס־געהרג'עט האב איך טויזענד טויזענדער גבורים. און ווען דער מלאך המות איז געקומען צו מיר האב איך איהם ניט געקענט ביישטעהן. דארום דארף דער מענש וויסען, ער זאל ניט אזוי פיעל ארבייטען וועגען די תענוגים פון דיזער וועלט. ווייל סיי ווי איז דאך דער סוף

ביד האדם כל דבר מלבד שם טוב".
כאשר קרא שלמה המלך כתובת זה הלוח הוריד דמעות ואמר: „בלתי ספק שכדאי היה הדרך לכאן, כי כל זה לקח טוב עבורי". ויצא שלמה מן הטרקלין בהכנעה ובדאגה. עלה על מגדלו ופרח להיכלו.

(מח)

## היודעים המתים מה שנעשה בין החיים.

בזהר הקדוש נדבר מענין זה בכמה מקומות. ושיטתו כמסקנת הגמרא, שהמתים יודעים מה שנעשה בין החיים. ותמצית דבריו שאף איש גדול במדרגה, שנשמתו תעוף ותעלה לשמי מרומים בגן עדן העליון, מכל מקום מניח חלק קטון מן כח החיים שלו, שנקרא בשם נפש בעולם הזה בהאויר למעלה לעומת מקום הקבר בחצר מות. ויש הרבה זמנים שהנפש תתעלה ותתקשר בשאר חלקי חיים הגדולים שלה שנקראים רוח ונשמה. וחלק הזה שנקרא נפש אליה תבאנה כל הידיעות ממה שנעשה בין החיים. וכדי לעורר רחמים על החיים, תודיע הנפש לחרוח שלה אשר בגן עדן התחתון. והרוח תודיע אל הנשמה שלה אשר בגן עדן

---

פון מענש צו שטארבען, און עס בלייבט ביי איהם גאר ניט פון זיין הארעוואניע, אויסער א שם טוב".

אז שלמה המלך האט איבערגעלעזט דיזען אויפשריפט, האט ער געלאזט טרעהרען פון זיינע אויגען. זאגענדיג: „אצינד זעה איך אהן צווייפעל, אז עס איז כדאי געוועזן אזא לאנגע לופט רייזע אהער צו קומען, און דאס אלעס צו באטראכטען און שטודירען, ווייל דאס אלעס איז א גוטע לעהרע פאר מיר זעלבסט". שלמה איז ארויסגעגאנגען פון דיזען פאלאץ אונטערטעניג אהן שטאלץ א פארזארגטער. ער האט זיך ארויפגעזעצט אויף זיין לופט-באלאן און איז אהיים געפלויגען צו זיין פאלאץ.

(48)

## צו ווייסען די טויטע וואס טהוט זיך ביי די לעבעדיגע?

אין הייליגען זהר ווערט וועגען דעם ענין גערעדט אויף פיעל ערטער. דער אויסקונפט פון זהר איז די זעלבע אזוי ווי אין תלמוד בבלי, אז די מתים ווייסען פון אלעס וואס ווערט געטהון ביי די לעבעדיגע. דער אינהאלט פון זהר איז, אז אפילו א גרויסער מאן, א תלמיד חכם א צדיק, וואס ער פארמאגט א גרויסע נשמה, וועלכע פליהט נאך זיין טוידט אין הימעל אריין צום אויבערשטען גן עדן, דאך בלייבט פון איהם אויף דיזער וועלט א קליינע טהייל פון זיין לעבענס קראפט, דיזע קליינע טהייל רופט זיך „נפש". און דער „נפש" בלייבט איבער אויף דיזער וועלט, שוועבענדיג אין דער לופט פון בית הקברות אנטקעגען איבער זיין קבר. און דער „נפש" באקומט אלע נאכריכטען פון אלעם וואס קומט פאר צווישען די לעבעדיגע. און ס'איז אויך דא פיעל צייטען וואס דער „נפש" ווערט דערהויבען און ווערט צוריק אנגעקניפט אין די אנדערע גרעסערע טהיילען פון זיין לעבענס קראפט, וועלכע רופען זיך רוח און נשמה. און ווען די לעבעדיגע דארפען א הילף פון הימעל, עס זאל אויף זיי דערוועקט ווערען רחמים פון הימעל, דאן גיט איבער דער נפש די נאכריכט צו איהר רוח, וועלכער געפינט זיך אין הינטערשטען גן עדן. דער רוח ווידער גיט איבער די נאכריכט צו זיין נשמה, וועלכע געפינט זיך אין אויבערשטען גן עדן, און זיי זיינען מתפלל אויף די לעבעדיגע, עס זאל אויף זיי דערוועקט ווערען רחמים פון הימעל. דאס איז זעהר א טיעפע פילאזאפישע הייליגע

העליון, ומתפללים על החיים ומעוררים רחמים עליהם. ומובא על זה גם כן כמה מעשיות בזהר הקדוש. ולדוגמא אביא כאן איזה מהם.

(מט)

### מעשה מן ליואי בר לחמא שלא יכל ליכנס למקומו למעלה לאחר מיתתו, בשביל שידע מן הצער שנכרי מכה את בנו בכל יום.

מעשה שהיה דר במקום אחד בכפר איש יהודי, ושמו ליואי בר לחמא. פעם אחת נעשה שם פרעות ושוד מן ערביים על יהודים. ואת בית אותו היהודי ליואי שדדו כל אשר מצאו בו, את היהודי ליואי הרגו ויקברו אותו בשדה, ואת אשתו ובנו הקטן בן חמש שנים בזזו לחם. ויקח ערבי אחד את בנו הקטן לביתו ויגדלהו לחיות עבדו.

פעם אחת הלכו בדרך רבי אבא ורבי יהודה בר שלום. ונצרכו ללון באותן כפר שהיה דר בו אותו היהודי ליואי. ולא חפצו ללון בבית והלכו ללון בשדה. וימצאו שם אצל שדה גבעה קטנה נמוכה, וישכבו שם אצל הגבעה על עשב הארץ, ואת ראשיהם הניחו על הגבעה. והנה שם תחת אותה הגבעה היה נקבר מכבר אותו היהודי ליואי. ויהי כאשר שכבו שם מעט, שמעו רעש באדמה תחת הגבעה, וגם קול דברים שמעו בזה הלשון:

---

וויסענשאפט, וואס דער זהר האט ענטפלעקט. און אויך ווערט דיזע פראגע געבראכט אין זהר פיעל פאסירונגען. און א טהייל מעשיות וועגען דיזען ענין וועט דא ווייטער באשריבען ווערען.

(49)

### א מאן ליואי בר לחמא האט נאך זיין טוידט ניט געקאנט אריינקומען אויף זיין מקום מנוחה, ווייל ער האט געהאט גרויס צער פון דעם, וואס א גוי האט זיין קינד אלע טאג געשלאגען.

א מעשה האט פאסירט, וואס אמאהל האט געוואהנט אין א דארף דער באוואוסטער איד, וואס זיין נאמען איז געוועזן ליואי בר לחמא. איז אמאהל פארגעקומען אין יענעם דארף א פאגראם פון אראבער אויף די אידישע איינוואהנער. דאס הויז פון דעם איד ליואי איז אויסגערויבט געווארען, דער איד ליואי איז דער'הרג'ט געווארען און איז באערדיגט געווארען אין א פעלד נעבען דארף. זיין פרוי מיט איין אינגעל פון פינף יאהר זיינען געפאנגען גע־ווארען. איינער פון די אראבער האט דעם קליינעם אינגעל גענומען צו זיך און האט איהם אויפגעהאדעוועט אום ער זאל בלייבען זיין קנעכט.

זייגען אמאהל רבי אבא מיט רבי יהודה בר שלום געגאנגען אינטערוועגנס. און זיי האבען געדארפט נעכטיגען אין זעלבען דארף, ווי עס האט דארט אמאהל געוואהנט דער איד ליואי בן לחמא, זיי האבען ניט געוואלט איבער נעכטיגען אין א הויז פון יענעם דארף, נאר זיי זיינען בעסער געגאנגען זיך לעגען שלאפען אויפ'ן גראז אין א פעלד. זיי האבען אויס־געפונען אין א פעלד א קליין נידעריג בערגעלע, האבען זיי זיך געלעגט שלאפען אויפ'ן גראז ביים בערגעל, און דאס בערגעל האבען זיי געמאכט פאר צוקאפענס אויף וועלכען די קעפ אנידערצולעגען צום שלאפען. זיי האבען אנגעטראפען פונקט אויף דעם בערגעל אונטער וועלכען דער איד ליואי איז געווען באגראבען. און אזוי ווי זיי זיינען שוין עטליכע מינוט אזוי געלעגען, האבען זיי דערהערט עפעס א גערויש אין דער ערד אונטער'ן בערגעל, און עס האט זיך געהערט א מענשליכע שטימע מיט פאלגענדע ווערטער:

„הן זה שתים עשרה שנה שאני קבור כאן, ולא נתעוררתי כמו עכשיו, יען כי דמיתי אשר את פני בני אני רואה שבא לכאן. אבל לדאבוני לא כן הדבר". וישאל אותו רבי יהודה בן שלום: „מי אתה, ומה שמך?" ויאמר אליו: „יהודי אנכי, ושמי ליואי בן לחמא שנקברתי כאן כבר, ואני יושב נזוף. ואין ביכולתי לעלות וליכנס לעולם הנשמות, בשביל הצער של בני שגנבו ערבי אחד כאשר היה קטן בן חמש שנים, ועשאו לעבדו ומכה אותו בכל יום, ובשביל הצער שלו אני נדחה מליכנס למעלה במקומי. ולא נתעוררתי עד עתה, כיון שאומרים לי בכל יום שבקרוב יבוא בני למקום הזה, ותתבטל נויפתי ואיכל לעלות וליכנס למקומי. אבל לא אמרו לי אם בחיים יבוא בני לכאן, על ידי שיברח מן האדון, או שבמותו יבוא לכאן, כי יקבר גם הוא בשדה הזה. ובין כך ובין כך יבא הקץ לצערי".

וישאל אותו רבי יהודה בר שלום: „האם אתם יודעים בצער של החיים?" ואיש ההוא השיב לו: „בשבועה אני אומר לך, כי לולי תפלות המתים שאנו מתפללים על החיים, לא הייתם מתקיימים אפילו חצי היום". בתוך כך שמעו קול צעקה מן הקבר, שצעק המת ליואי אל רבי אבא ורבי יהודי בר שלום: „מהר עמדו ותברחו מכאן! כי שומע אני קול צעקת בני, שהאדון מכה אותו, ויכול

„ס'איז שוין צוועלף יאהר אוועק זינט איך בין דא באערדיגט געווארען, און איבער די גאנצע צייט בין איך אזוי ניט ענטוישט געווארען ווי יעצט, ווייל איך האב געדענקט אז דא איז אהער געקומען מיין זוהן. ליידער אבער איז דאס ניט מיין זוהן". האט זיך אנגערופען רבי יהודה בר שלום און האט א פרעג געטהון: „ווער בוזטו, און וואס איז דיין נאמען?" איז געהערט געווארען אזא ענטפער: „איך בין א איד, מיין נאמען איז ליואי בן לחמא, וואס איך בין דא באערדיגט געווארען מיט צוועלף יאהר צוריק. און איך בין נאך אלץ אן אפגעזונ־דערטער, און איך קען ניט ארויפגעהן און אריינקומען אין דער וועלט ווי די נשמות האבען זייער מנוחה, איבער דעם צער פון מיין זוהן, וואס אן אראבער האט איהם אוועקגערויבט ווען ער איז אלט געווען פינף יאהר, און דער אראבער האט איהם געמאכט פאר זיין קנעכט און שלאגט איהם אלע טאג. און דורך זיין צער און יסורין האב איך קיין קראפט ניט ארויפ־צופליהען און צו קומען אויף מיין מקום מנוחה. און ביז יעצט בין איך ניט אזוי ענטוישט געווארען, ווי אין דיזער מינוט, ווייל מען האט מיר אלע טאג געזאגט, אז אין קורצען וועט מיין זוהן צוקומען אויף דיזען פלאץ, און מיין טרויער וועט זיך ענדיגען, איך זאל קענען ארויפקומען צו מיין מקום מנוחה. אבער מען האט מיר ניט געזאגט דייטליך, צו וועט ער דא אהער קומען א לעבעדיגער, דאדורך וואס ער וועט אנטלויפען פון זיין פייניגער. אדער די מיינונג איז, אז ער וועט דא אהער קומען א טויטער, און וועט אויך דא אין דיזען פעלד באערדיגט ווערען. אבער סיי ווי. צו אזוי, צו אזוי, ווי אזוי עס וואלט געווען וואלט דאך שוין געקומען א ענדע צו מיין צער. צום סוף הויבט זיך נאך גאר ניט אן".

האט איהם ווידער רבי יהודה בר שלום געפרעגט: „צו איז דען דאס ריכטיג אזוי, אז די טויטע ווייסען פון דעם צער, וואס די לעבעדיגע ליידען?" אויף די פראגע האט ער ווידער באַ־קומען אזא ענטפער: „איך זאג אייך מיט א הארבקייט פון א שבועה, אז ווען ניט די תפלות פון די מתים וואס זיי בעטען אויף די לעבעדיגע, וואלטען די לעבעדיגע אפילו קיין האלבען טאג ניט געקענט עקזיסטירען".

אין מיטען די ווערטער האבען זיי געהערט אן אויסגעשריי פון קבר, וואס דער טויטער ליואי האט ארויסגעשריגען צו רבי אבא מיט רבי יהודה בר שלום: „גיך שטעהט אויף און אנטלויפט פון דאנעט! ווייל איך הער דאס געשריי פון מיין זוהן, וואס דער גוי שלאגט איהם.

להיות שבורה ממנו דרך מקום הזה, והאדון ירדוף אחריו, וכאשר יראה אתכם האדון יכעס גם עליכם ויכה אתכם!" שני החכמים שמעו לקול המת, וימהרו ללכת משם וינטו אל שדה אחר, לא הרחק מן השדה הראשון. אשר שם הקבר, וישכבו שם.

בבקר השכם קמו ללכת משם לדרכם. ויראו והנה איש צעיר לימים רץ ובורח בכל כחו, והדם נוטף מפצעי פניו. וישאלו החכמים אותו: „מי אתה, ומה שמך?" ויאמר להם שהוא יהודי ושמו לחמא בר ליואי, והוא בורח מן אדונו הנכרי שהכהו ופצע אותו, ועוד רודף אחריו להרגו.

אמר רבי יהודה בר שלום לרבי אבא: „הן מן השמים נקרא לפנינו מעשה חזה, לראות בודאי שהמתים יודעים בצער של החיים, והאבות המתים מצטערים שם בצער של בניהם". ויאמר אליו רבי אבא: „הלא מה שאמרו שתפלת המתים מגינה על החיים נשמע מן הכתוב: ויעלו בנגב ויבא עד חברון. שהלך כלב לבקש מן ישני חברון שיתפללו עליו, שינצל מעצה הרעה של המרגלים".

---

און עס ווייזט אויס אז מיין זוהן אנטלויפט פון איהם, און ער וועט דא פארבייליופען, און עס קאן זיין אז דער גוי וועט איהם נאכיאגען, היינט אויב דער גוי וועט אייך טרעפען, קען ער נאך אויסלאזען זיין בעס צו אייך און וועט אייך שלאגען, דארום איז גלייכער איהר זאלט פון דאנעט אנטלויפען!" די צוויי חכמים האבען זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון דעם טויטען ליואי, און זיי זיינען געשווינד פון דעם פעלד אוועקגעגאנגען אין אנ'אנדער פעלד, ניט ווייט פון ערשטען פעלד, ווי דער קבר געפינט זיך, און האבען זיך געלעגט שלאפען.

צומארגענס גאנץ פריה זיינען זיי אויפגעשטאנען צו געהן זייער וועגס. האבען זיי דערזעהן אז א יונגער מאן לויפט פארביי זעהר געשווינד, און בלוט רינט איהם פון די וואונדען אויף זיין פנים. האבען די צוויי חכמים איהם געפרעגט: „ווער ביזטו, וואס איז דיין נאמען, און וואו לויפסטו אזוי?" האט ער זיי גיך געענטפערט, אז ער איז א איד, זיין נאמען איז לחמא בר ליואי, און אז ער אנטלויפט פון זיין פיינינער וואס האט איהם געשלאגען און צור-ביילט, און יאגט איהם נאך מיט א רציחה איהם צו דער'הרג'נען.

אויפ'ן וועג האט געזאגט רבי יהודה בר שלום צו רבי אבא: „עס ווייזט אויס אז פון הימעל זיינען מיר דא געפיהרט געווארען צו זעהן די געשיכטע, פון וועלכע מיר זאלען זיך ערקונדיגען, אז די טויטע ווייסען פון דעם צער וואס די לעבעדיגע ליידען. און אז די עלטערען האבען ניט קיין מנוחה אין קבר דורך די יסורין וואס זייערע קינדער ליידען". און רבי אבא האט ווידער אזוי געזאגט: „מיר דארפען ניט אזוי שטארק זוכען פאקטען דארויף, ווייל דאס וואס ווערט געזאגט, אז די תפלות פון די טויטע זיינען א באשיצונג צו די לעבעדיגע, דאס איז דאך געדרינגען פון דעם פסוק: „ויעלו בנגב ויבא עד חברון", אז כלב איז געגאנגען בעטען ביי די אבות וואס שלאפען אין חברון, זיי זאלען אויף איהם מתפלל זיין, ער זאל ניט נכשל ווערען, נאר זאל באשירעמט ווערען פון די עצה פון די מרגלים.

(נ)

## אדות הסגולה, שכאשר העיר בצרה גדולה, לגזור תענית ולהקיף בספר תורה כשרה את בית הקברות.

עוד מעשה אחד מובא בזהר הקדוש על דבר אותו ענין של ידועת המתים בצער של החיים. פעם אחת הלכו רבי חזקיה ורבי ייסא מן החברייא קדישא בדרך. ויפגעו במקום הכפר שנקרא גוש חלב. ואז היה חרוב אותו המקום על ידי רעידת הארץ, שנפלו הבתים ונפל גם הגדר שהיה מקיף את בית הקברות. וישבו רבי חזקיה ורבי ייסא לנוח מעט סמוך לבית הקברות שהיה קרוב אל בתי העיר. אמנם כאשר לא היה אז הגדר של בית הקברות. לא ידעו בדיוק איה שישבו. הם חשבו שמקום ההוא אינו מן בית הקברות. אבל באמת היה מקום ההוא מן בית הקברות, וישבו קרוב ממש לפני הקברים. ורבי ייסא שהיה סופר של ספרי תורה תפילין ומזוזות היה אצלו איזו יריעות מן ספר תורה שנקרעה, והיה צריך לתקנן.

ויהי כאשר אך ישבו שם, והנה פתאם נשמע כמו רעש מתחת הארץ. ונשמע קול דברים שצעק ואמר: „ווי, ווי! שהרי העולם נמצא בצער גדול בודאי, כיון שהחיים באו אלינו עם ספר תורה". נבהלו רבי חזקיה ורבי ייסא מן הקול ההוא.

(50)

## וועגען די סגולה, אז ווען ס'איז א גרויסע צרה, זאָל מען גוזר תענית זיין און ארומרינגלען מיט א כשר'ע ספר תורה דעם בית הקברות.

נאָך א מעשה ווערט געברענגט אין הייליגען זהר, וועגען די פראַגע, צו ווייסען די טויטע וואָס קומט פאָר ביי די לעבעדיגע. ס'האָט פּאַסירט אז אמאָהל זיינען געגאַנגען רבי חזקיה און רבי ייסא פון די חברייא קדישא אונטער וועגענס. זיי זיינען אָנגעקומען אין א דאָרף וועלכעס רופט זיך „גוש חלב". דאמאָלסט איז דאָס אָרט געווען חרוב א לאַנגע צייט נאָך אן ערד ציטערניש, פון וועלכען די הייזער זיינען איינגעפאַלען. און דער גדר, וועלכער האָט ארומגעצאַמט דעם בית הקברות, איז אויך געהאַט איינגעפאַלען. רבי חזקיה מיט רבי ייסא האָבען זיך אנידערגעזעצט אביסעל אָפּרוהען זיך נעבען בית הקברות וואָס איז געווען גאָר נאָהענט צו די הייזער פון יענעם אָרט. אָבער אזוי ווי דער גדר פון בית הקברות איז שוין קיין צייכען פון איהם ניט געווען, האָבען זיי ניט געוואוסט פּינקטליך ווי זיי האָבען זיך גע־זעצט. זיי האָבען גערעכנט אז דאָס אָרט איז ניט פון בית הקברות. אָבער ווירקליך איז דאָס שטיקעל פּלאַץ יאָ געווען פון בית הקברות, און זיי האָבען זיך אנידערגעזעצט גאָר נאָהענט פאַר די קברים. און אזוי ווי רבי ייסא איז געווען א סופר פון ספרי תורות תפילין און מזוזות, האָט ער פונקט דאמאָלסט געהאַט ביי זיך עטליכע יריעות פון א ספר תורה וואָס איז צוריסען געוואָרען, און מען האָט געדאַרפט דאָס פאַררעכטען.

האָט פּאַסירט עפּעס וואונדערליכעס, אזוי ווי זיי האָבען זיך דאָרט אנידערגעזעצט, איז פּלוצלינג געהערט געוואָרען אזוי ווי א גערויש אונטער די ערד. און ס'איז געהערט געוואָרען א שטימע פון פאָלגענדע ווערטער: „וועה, וועה! וואָס די וועלט געפינט זיך שוין ווידער אין א גרויסע צרה אויף געוויס, ווייל די לעבעדיגע זיינען שוין געקומען צו אונז מיט א ספר תורה!" רבי חזקיה און רבי ייסא זיינען שטאַרק איבערגעשראָקען געוואָרען פון דעם אויס־

וישאל רבי חזקיה: „מי אתה הצועק ורועש?" ובאה אליו תשובה הזאת: „קול זה המדבר אליכם הוא ממני המת שנקברתי כאן מכבר. ואני צועק, יען כי מה שאתם באתם אלינו בספר תורה, הוא בודאי אך מפני שהעולם שרוי בצער, כדי שהמתים יבקשו רחמים על החיים.

ומה שאני נרעש, הוא יען כי ירא אנכי פן יצא שכרכם בהפסד. כי זוכר אני איך שפעם אחת כאשר העולם היה שרוי בצער, וביותר המקום גוש חלבא, אז באו לכאן אנשי גוש חלבא עם ספר תורה לעורר אותנו לבקש רחמים עליהם. ואני עם עוד חבר אחד מיהרנו להודיע מזה לישיני חברון. והנה כאשר ישיני חברון התחברו עם רוחות הצדיקים אשר בגן עדן לבקש רחמים על העולם בכלל, ועל המקום גוש חלבא בפרט, ויבא השטן המקטרג ויצעק, איך שהלא ספר תורה הזאת פסולה, יען כי נמצאת בה וא"ו יתרה בהמקרא (ויקרא יא) ושוסעת שסע פרסת. תחת שצריך להיות ושסעת. ויקטרג השטן וטען, כי לבעבור שנמצא שקר בספר תורה שלהם, וכל הספר תורה היא שמו של הקב"ה, נמצא ששקרו בשמו הגדול של הקב"ה, וראוים לדין ולעונש ולא לרחמים. ואנחנו שני השלוחים נתביישנו עבור השליחות שעשינו, ודחו לי ולחברי שלא הניחו אותנו ליכנס וללמוד בהישיבה של גן העדן. רק כאשר נודע הענין לצדיק אחד שהיה אז בגוש חלב, הלך והביא ספר תורה אחרת, שהיתה של הצדיק הקדוש

---

געשרעה. האט רבי חזקיה געפרעגט: „ווער ביזטו וואס דו שרייסט אזוי, און וואס דו ליארעמסט און ציטערסט אזוי?"

ער האט באקומען אזא ענטפער: „דאס רעדט צו אייך א מת, וועלכער איז שוין גאנץ לאנג דא באערדיגט געווארען. דאס וואס איך שריי אזוי, איז ווייל איהר זייט דא אהער געקומען מיט א ספר תורה דאס איז א שלעכטער סימן. און עס באווייזט אז די וועלט געפינט זיך אין א גרויסע צרה. זייט איהר אהער געקומען אונז דערוועקען, אז די מתים זאלען מתפלל זיין אויף די לעבעדיגע, דער אויבערשטער זאל זיך איבער אייך מרחם זיין.

און דאס וואס איך רעד אזוי פארצווייפעלט, דאס איז ווייל איך האב מורא. איהר זאלט חס ושלום דורך דיזע סגולה ניט באקומען מעהר דין איידער רחמים. איך געדענק אז אמאהל ווען די וועלט איז געווען אין א גרויסע צרה, און דאס ארט „גוש חלבא" האט זעהר געליטען, זיינען דאמאלסט, מענשען פון „גוש חלבא" דא ארויסגעקומען צום בית הקברות מיט א ספר תורה, כדי צו דערוועקען די מתים זאלען מתפלל זיין אויף די לעבעדיגע, דאן בין איך מיט נאך מיינעם א חבר נעלאפען צו די אבות וואס שלאפען אין חברון זאלען מתפלל זיין. און אזוי ווי די אבות האבען זיך באהעפט מיט די רוחות פון די צדיקים וואס געפונען זיך אין גן עדן צו בעטען רחמים פאר די גאנצע וועלט בכלל, און אויף דעם ארט „גוש חלבא" בפרט, איז אנגעקומען דער שטן וואס איז שטענדיג מסטרג, און האט געמאכט א געשריי, אז די ספר תורה וואס די אידען פון גוש חלבא זיינען מיט איהר ארויסגעקומען צום בית הקברות איז גאר פסול, ווייל עס געפינט זיך אין איהר אן איבעריגע וא"ו אין דעם פסוק (ויקרא יא) ושוסעת שסע פרסת, אנשטאט וואס דארף שטעהן ושסעת אהן א וא"ו. דארום האט דער שטן מסטרג געווען מיט אזא טענה, אז ווייל אין דיזע ספר תורה געפינט זיך א פאלשקייט, און אזוי ווי די גאנצע ספר תורה איז דעם אויבערשטענס נאמען, קומט דאך אויס אז זיי האבען געפעלשט דעם אויבערשטענס נאמען. דאדורך קומט נאך זיי מעהר דין מיט שטראף איידער רחמים. און איך מיט מיין חבר זיינען נאך פארשעהמט געווארען פאר אונזער שליחות, און מען האט אונז פאר דעם ארויסגעשטופט פון די ישיבה, וועלכע געפינט זיך אין גן עדן. נאר אזוי ווי דער גאנצער ענין איז באוואוסט געווארען צו א צדיק, וועלכער האט זיך דאמאלסט געפונען אין „גוש חלבא" איז דער צדיק געגאנגען און האט ארויסגעברענגט

רב המנונא סבא. וזאת הועילה להם לעורר רחמים עליהם. ועל כן אני נרעש, כי ירא אנכי פן גם היום נקרא מקרה כזה שהבאתם ספר תורה פסולה. ואנחנו מפחדים ללכת ולהודיע מזה לישיני חברון, למען לא נמבול עוד בושה ועונש כמו שסבלנו אז".

השיב רבי חזקיה ואמר: „חס ושלום! אין עתה העולם בצער, ואנחנו לא באנו לכאן בשביל זה". ומיד התרחק רבי ייסא ממקום ההוא עם אותן היריעות של ספר תורה שהיו בידו בשביל לתקנן.

כאשר ספרו רבי חזקיה ורבי ייסא מה שקרה להם בדרך לפני שאר החברים מן החברייא קדישא, שמע רבי יוסי ואמר, כי לא די זאת בלבד לעורר רחמים, הבאת ספר תורה לפני בית הקברות, כי אם שנצרך עוד לזה שהאנשים יעשו תשובה ותפלה וצדקה, ויבכו בלב שלם לפני הקב"ה שירחם עליהם, אז מועלת סגולה הזאת. אבל אם אין האנשים עושים תשובה ותפלה וצדקה בלב שלם, ואין בוכים לפני הקב"ה שיושיע להם וירחם עליהם, אז לא תועיל כלל סגולה הזאת. ואדרבא זאת הסגולה עוד תעורר דין מן השטן המקטרג, שיטעון ויאמר כי זאת היא העזה גדולה מהם לגרום גלות לספר תורה בלי תשובה שלימה.

ומביא בזהר הקדוש פלוגתא בין רבי אבא ורבי יוסי. רבי אבא אומר, כי

---

צום בית הקברות אנ..אנדער ספר תורה, וועלכע האט באלאנגט צו דעם הייליגען צדיק רב המנונא סבא. אין דאס האט געווירקט, אז מען האט זיך אין הימעל אויף זיי פארט מרחם געווען. אצינד דארפט איהר שוין פארשטעהן פאר וואס איך צווייפעל אזוי, ווייל איך האב מורא, פיליכט האט היינט אויך דאס זעלבע פאסירט, אז איהר האט אהערגעבראכט א פסול'ע ספר תורה. און דאדורך האבען אלע מתים מורא צו לויפען געבען א ידיעה פון אייערע צרות צו די אבות וואס ליגען אין חברון, מיר זאלען ניט דאדורך ווידער ליידען א בושה מיט א שטראף, אזוי ווי מיר האבען דאמאלסט געליטען".

האט רבי חזקיה געענטפערט און האט געזאגט: „חס ושלום! די וועלט איז גאר ניט יעצט אין א צער, מיר זיינען גאר ניט אהער געקומען וועגען אזא זאך". און באלד האט זיך רבי ייסא דערווייטערט פון יענעם פלאץ מיט די יריעות פון א ספר תורה, וועלכע ער האט זיי געטראגען צום פאריכטען.

ווען רבי חזקיה מיט רבי ייסא זיינען אהיים געקומען, און זיי האבען דערצעהלט פאר די איבעריגע חברים וואס מיט זיי האט זיך פאסירט אויפ'ן וועג, האט רבי יוסי אויסגעהערט זייערע רייד, און ער האט אזוי צוגעגעבען, אז די בלויזע סגולה פון ברענגען א ספר תורה צום בית הקברות איז נאך ניט גענוג צו דערוועקען אין הימעל רחמנות, נאר עס מוז נאך זיין דערצו אז די מענשען זאלען תשובה טהון, און עס זאל זיין תשובה תפלה וצדקה, זאלען וויינען מיט אן עהרליך הארץ פאר'ן אויבערשטען. ער זאל זיך מרחם זיין אויף זיי, דאמאלסט קען די סגולה זיין אויך בייהילפיג. אבער אויב די מענשען טהון ניט קיין תשובה ותפלה וצדקה מיט'ן גאנצען הארץ, און זיי וויינען ניט פאר'ן אויבערשטען, ער זאל זיך איבער זיי מרחם זיין און שיקען די ישועה, דאן קען די סגולה גאר ניט ווירקען. נאר פארקעהרט, אזא בלויזע סגולה קען נאך דערוועקען א דין מיט א שטראף דורכ'ן שטן, וואס זוכט נאר מקטרג צו זיין, ווייל ער וועט נאך פארלעזען א טענה, אז דאס איז נאך גאר א העזה, גורם צו זיין גלות צו א ספר תורה אומזיסט, אהן תשובה ותפלה וצדקה.

דער זהר הקדוש ברענגט נאך צו, אז רבי אבא מיט רבי יוסי קריגען זיך וועגען די סגולה. רבי אבא זאגט, אז אויב מען וויל טהון די סגולה, ארויס צו ברענ־גען א ספר תורה און ארום צו דרעהען זיך מיט איהר ארום דעם בית הקברות, דארף מען פריהער גוזר תענית זיין, מען זאל פאסטען דריי טעג, איין טאג נאכ'ן

לבעבוד עשות סגולה זו, נצרך לגזור תחלת תענית של שלשה ימים רצופים. ורבי יוסי אומר שאפילו תענית של יום אחד די עם תשובה ותפלה וצדקה כראוי לעשות סגולה זו. שאז ישיני חברון יתחברו עם יתפללו ויעוררו רחמים על העולם. רוחות הצדיקים אשר בגן העדן, וכלם יחד

(נא)

מעשה משני אחים תאומים, ענן וחנן,
על אדות כחה של צדקה בעולם הבא.

כבר נזכר בספר הזה איזה מעשיות בדבר כח הצדקה בעולם הזה. ככתוב וצדקה תציל ממות. ועתה אזכיר כאן מעשה רב בדבר כח הצדקה לאחר מיתתו של אדם. מעשה שהיה בעיר צפת שני אחים תאומים. אחד שמו ענן, והשני שמו חנן. והם היו מבני בניו של רבי יוחנן בן זכאי. והיו דבוקים בעבותות אהבה אל רבי שמעון בן יוחאי, שהוא היה מחשבם ומכבדם. ולא רק בשביל יחם גזעם, אלא גם לבעבור יחם עצמם, שהיו שניהם אנשים גדולים.

אבל לא הרי זה כהרי זה. ענן הככור היה איש כשר וישר בכל מעשיו, אבל לא היה תלמיד חכם גדול. התנהגותו היתה שעסק הרבה במסחור ונחשב בין העשירים,

---

אנדערען. און רבי יוסי האלט, אז אפילו א תענית פון איין טאָג איז אויך גענוג, צוזאמען מיט תשובה ותפלה וצדקה, מען זאָל מעגען טהון די סגולה. ווייל דורך דעם אלעם צוזאמען וועלען די אבות פון חברון דערוועקט ווערען. און זיי וועלען זיך באהעפטען מיט די רוחות פון די צדיקים, וואָס געפונען זיך אין גן עדן. און אַלע צוזאמען וועלען מתפלל זיין און דערוועקען רחמים אויף דער וועלט.

(51)

מעשה פון צוויי ברידער א צווילינג, ענן און חנן, וועגען דעם
גרויסען כח פון צדקה אויף יענער וועלט.

אין דיזען ספר איז שוין פריהער געבראַכט געוואָרען עטליכע מעשיות וועגען דעם כח און שכר פון צדקה אויף דער וועלט, אזוי ווי דער פסוק זאָגט „וצדקה תציל ממות“ אז צדקה טהוט באשירמען דעם מענש פון טויט. אצינד ווערט דאָ באשריבען א מעשה וועגען דעם גרויסען כח און שכר פון צדקה אויף יענער וועלט. עס האָט פּאסירט א מעשה, אין דער שטאָדט צפת זיינען געווען צוויי ברידער א צווילינג. איינער האָט געהייסען ענן, און דער צווייטער האָט געהייסען חנן. זיי זיינען געווען אייניקלעך פון דעם תנא רבי יוחנן בן זכאי. רבי שמעון בן יוחאי האָט די צוויי ברידער זעהר ליעב געהאט, ער האָט זיי שטענדיג מקרב און מכבד געווען, און זיי ביידע זיינען געווען שטארק אנגעקניפּט מיט ליעבשאַפט צו רבי שמעון בן יוחאי. אָבער מען דאַרף וויסען אז ניט נאָר דורך זייער יחוס אבות האָט רבי שמעון בן יוחאי זיי מכבד געווען. נאָר אויסער יחוס אבות האָבען זיי געהאַט זייער אייגענעם יחוס, ווייל זיי זיינען ביידע געווען גרויסע לייט.

די גרויסקייט פון די צוויי ברידער איז אָבער ניט געווען אין איין הינזיכט. ענן דער בכור איז טאַקי געווען אן עהרליכער און א פרומער איד, וואָס האָט אָפּגעהיט גאַנץ שטארק אידישקייט, אָבער קיין גרויסער תלמיד חכם איז ער ניט געווען. ער האָט זיך אימער פאַר־נומען מיט מסחר, און איז געווען א גרויסער סוחר, מען האָט איהם גערעכענט פאַר א גרויסען עושר. פאַר דאָס האָט ער זיך אויסגעצייכענט אין די מצוה פון געבען צדקה מיט א ברייטער

אמנם הצטיין מאת עשירים אחרים בנתינת צדקה בכל כחו. הוא היה נזהר מאד להפריש מעשר מן כל מה שהרויח במסחרו. לפעמים היה בעצמו מחלק הצדקה שלו לעניים, אבל ביותר היה שולח ממון הצדקה שלו לרבי שמעון בן יוחאי שיחלקם לעניים. וכאשר לפעמים היה נצרך רבי שמעון ב"י לממון של צדקה יותר. עבור הכנסת כלה וכדומה, ולא היה די לו ממון המעשר של ענן. אז היה שולח רבי שמעון ב"י מכתב לאותו ענן בדרך בדיחותא בזה הלשון: „תדע ענן שעתה אין מספיק לי מעשר לוים, ונצרך אני גם לתרומה גדולה של שתי עינים יפות". אז הבין ענן מה לעשות למלאות רצונו של רבי שמעון ב"י, והיה שולח אליו תרומה גדולה. שהיא נדבה גדולה.

אח השני חנן לא היה עשיר גדול, כי הוא עסק מעט במסחר, ולא היה נצרך לבריות. אמנם הוא היה תלמיד חכם גדול, ישב בד' אמות של הלכה כל ימיו בהתבודדות. אבל עם תלמודים לא למד. וכל מה שעשה היה הכל בפני עצמו. זכה ללמוד ולא ללמד.

שני האחים האריכו ימים הרבה, ומתו שניהם בשנה אחת בעיר צפת. כאשר היה רבי שמעון ב"י על הלויה של ענן לאחר שהספידו אותו אמר רבי שמעון ב"י לפני המת בזה הלשון: „אל תירא ענן. לך בשלום. וכאשר שמך ענן. יתקיים בך מקרא

---

האנר: ער איז געווען שטאַרק געוואָרענט אָפּצושיידען מעשר פון אַלע זיינע פאַרדינסטען. פיעל מאָהל האָט ער זעלבסט געפלעגט איינצוטיילען די צדקה געלדער צו אָרימע לייט, אָבער אַממייסטענס האָט ער געפלעגט צושיקען די צדקה געלדער צו רבי שמעון בן יוחאי, ער זאָל צוטיילען וועמען ער וויל. עס פלעגט אויך זיין צייטען, וואס רבי שמעון בן יוחאי האָט געדאַרפט האָבען מעהר צדקה געלד, ווענען הכנסת כלה און נאָך אַזאַ שטיינער, דאַן פלעגט רבי שמעון שיקען אַ צעטעלע צו דעם נביר ענן, אַביסעל וויצלדיג. מיט אַזאַ אויסשפּראַך: „זאָלסט וויסען ענן אַז עס קלעקט מיר היינט ניט אַזאַ מעשר, וואס די לוים דאַרפען נעמען, איך נויטיג זיך היינט אויך אין תרומה גדולה, אָבער פון אַ דאָבעלע עין יפה". די מיינונג איז אַזוי. תרומה גדולה הייסט אַ גרויסע אָפּשיידונג פון אַ גרויסע נדבה. עין יפה מיינט מען אַ מילדער מענש, וועלבער פלעגט געבען דעם כהן איינס פון פערציג. זעלבסט פאַר־שטענדליך אַז אַ דאָבעלע עין יפה איז צוויי מאָהל אַזוי פיעל. דאָס האָט רבי שמעון גע־פאָדערט אַז אויסער דעם מעשר זאָל ער צוגעבען נאָך אויך אַ גרויסע נדבה. און דער ענן האָט שוין גוט פאַרשטאַנען וואס ער האָט צו טהון, און האָט באַלד געשיקט אַ גרויסע נדבה פון וועלבע רבי שמעון איז אימער געווען צופרידען.

דער צווייטער ברודער חנן, איז ניט געווען קיין גרויסער עושר, ער האָט זיך ווייניג פאַרנומען מיט האַנדעל. קיין פּרנסה האָט איהם ניט געפעלט. אָבער פאַר דאָס איז ער געווען אַ גרויסער תלמיד חכם. פלעגט אימער זיצען און לערנען אַליין, ניט מיט קיין תלמודים. ער האָט ליעב געהאַט צו זיין אָפּגעזונדערט פון מענשען, ווייל ער איז געווען שטאַרק פאַר־נומען מיט תורה לערנען. געוויס האָט ער מצות צדקה אויך מקיים געווען, אָבער נאָר יוצא צו זיין די מצוה. מעהר ניט. דאָס הייסט בקיצור אַז אַלעס גוטעס וואס ער האָט געטהון איז אַלץ נאָר געווען פאַר זיך אַליין. ער האָט טאַקי זוכה געווען ללמוד, אַליין תורה צו לערנען, אָבער ניט ללמד, מיט אַנדערע אויך צו לערנען תורה, דאָס האָט ער ניט געטהון.

ביידע ברידער האָבען זוכה געווען צו אריכת ימים, און זיי האָבען לאַנג געלעבט. מיט גוטע יאָהרען. געשטאָרבען זיינען זיי ביידע אין איין יאָהר אין שטאָדט צפת. ווען רבי שמעון בן יוחאי איז געווען אויף די לויה פון ענן. איז נאָכדעם וואס מען האָט איהם מספיד געווען האָט רבי שמעון געזאָגט פאַר דעם מת פאָלגענדע ברכה: „די ענן זאָלסט נאָר קיין פאָרכט ניט האָבען. געה מיט פריד, און אַזוי ווי דיין נאָמען איז ענן זאָל ביי דיר מקוים ווערען דער

שכתוב (נחום א) ועניתיד לא אענך עוד. וכאשר היה אחר כך רבי שמעון ב"י על ההלויה של חנן, והיה מרבים בהספדו, אמר רבי שמעון ב"י לפני המת בזה הלשון: „אתה כאשר שמך חנן אני מברכך שיתקיים בך מקרא שכתוב (בראשית מג) אלקים יחנך בני.

רבי אלעזר בנו של רבי שמעון ב"י כאשר שמע ברכות אביו לאותן שני האחים היה הדבר לפלא בעיניו. מדוע על ענן שלא היה תלמיד חכם גדול, אמר לו אביו שאל יפחד כלל וילך בשלום. ועל חנן שהיה תלמיד חכם גדול, נצרך אביו לברכו שינצל ממדת הדין, ושיזכה לזה שמדת הדין יחון אותו. כי השם אלקים מורה על מדת הדין. ורבי אלעזר שמר את הדבר עד שיהיה שעת הכושר לשאול לאביו תוכן הדבר, ובעת ישיבת אביו עם כל החברייא קדישא שאל רבי אלעזר לאביו שאלה הזאת.

ויאמר אליו רבי שמעון, יפה שאלת בני, הן הגיעה העת לבאר המקרא (נחום א) כה אמר ה' אם שלמים וכן רבים וכן נגוזו ועבר ועניתך לא אענך עוד. הלא אין מובן מה זה וכן נגוזו, שהיה די לומר ונגוזו. גם אין מובן מהו ועבר, שהיה צריך לומר ועברו בלשון רבים כמו ונגוזו. ויאמר עוד רבי שמעון לתלמודיו, מי בכם יודע לומר איזה פירוש במקרא זה יפתח פיו ויאמר.

---

פסוק (נחום א') „ועניתך לא אענך עוד". דאס הייסט, איך האב דיך געפייניגט מיט'ן טעם פון שטארבען, אבער מעהר וועל איך דיך ניט פייניגען. און ווען רבי שמעון איז געווען אויף די לויה פון אנדערען ברודער חנן, איז נאבדעם וואס מען האט איהם זעהר פיעל מספיד געווען האט רבי שמעון איהם מיטגעגעבען זיין ברכה מיט דיזע ווערטער: „און די חנן, אזוי ווי דיין נאמען איז חנן, ווינש איך דיר עס זאל ביי דיר מקוים ווערען דער פסוק (בראשית מג) „אלקים יחנך בני". דאס הייסט, אז דער מדת הדין וואס ווערט אנגערופען מיט דעם נאמען אלקים זאל דיך לייטזעלעגיען, ער זאל מיט דיר מטיב זיין.

רבי אלעזר דער זוהן פון רבי שמעון איז אויך געווען ביי די לוייות פון די צוויי ברידער. און אויסהערענדיג די צווייערליי ברכות, וואס זיין פאטער האט געזאגט צו די צוויי ברידער, האט ער זיך שטארק פארוואונדערט. פאר וואס איז דאס אזוי? דער ענן איז דאך קיין תלמיד חכם ניט געווען, און דאך האט זיין פאטער איהם געזאגט, ער זאל גאר קיין פחד האבען און זאל געהן בשלום. און חנן וואס איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, האט דער פאטער איהם באדארפט ווינשען. אז דער מדת הדין זאל מיט איהם מטיב זיין, ער זאל איהם פארגרינגערען די שטראף, אדער ווי אזוי ס'איז איהם באנגאדיגען. רבי אלעזר האט בשעת מעשה ניט געקאנט דעם פאטער איבערפרעגען די פראגע, האט ער געווארט אויף א גינסטיגען מאמענט, ער זאל דאס דעם פאטער איבערפרעגען. און אזוי איז טאקי געווען, ווען דער פאטער איז געזעסען און געלערענט צוזאמען מיט די חברייא קדישא, האט רבי אלעזר זיין פאטער די פראגע איבערגעפרעגט.

דאן האט רבי שמעון אזוי געזאגט: „מיין זוהן! דו האסט א גוטע פראגע געפרעגט. אצינד איז געקומען די צייט צו באשיידען דעם פסוק (נחום א) „בה אמר ה'. אם שלמים, וכן רבים. וכן נגוזו, ועבר. ועניתך לא אענך עוד". דער פסוק איז לויט דעם פשוט'ן טייטש אינגאנצען אונפארשטענדליך, און אויך דאכט זיך אז איבעריגע ווערטער געפונען זיך אין איהם. אלזא, ווער פון אייך חברים וואס ווייסט עפעס א פשט צו זאגען אויף דיזען פסוק, זאל עפענען דאס מויל און זאגען".

פתח רבי יוסי ואמר. אם שלמים. פירוש שאם ישראל שלמים בתורה ומצות. וכן רבים שלמים כאלה ביניהם. וכן נגוזו. פירוש שכמו כן הוא גם אלה אשר נגוזו, היינו שהיו גוזזים בכל כחם מממונם לצדקה. אז ועבר. פירוש שעל ידי זה עבר מהם מדת הדין שלא ישלט בהם. ככתוב (ישעיה כו) עד יעבור זעם. וזהו גם כן ועניתך לא אענך עוד. שלא תדע עוד עינוי וצער.

פתח אחריו רבי שמעון ואמר. ודאי מה שדרש רבי יוסי שזה נגוזו מוסב על בעלי צדקה. יפה דרש וכך הוא. אבל בוא וראה בזמן שהנשמה יוצאת מעולם הזה נידונת בכמה דינים טרם שנכנסת למקום מנוחתה. ואחר כך כל הנשמות צריכות לעלות לשמים ולעבור דרך נהר דינור לטבול בו. ומי הוא שיוכל לעבור נהר דינור בלי פחד ורעדה. ורק נשמת הצדיק עוברת בו בלי פחד. וחנה כמו כן מי שהתיגע במצות צדקה בעולם הזה ונתן בכל כחו מממונו לצדקה, גם זה הוא עובר בנהר דינור בלי פחד.

---

האט רבי יוסי אנגעהויבן און האט אזוי געזאגט: „איך דענק אז אזוי מיינט דער פסוק. „אם שלמים". אויב אידען זיינען גאנץ מיט די תורה און מצות און מאכען ניט קיין פעהלער. „וכן רבים". און אויב אזעלכע זיינען דא פיעל פון די אידען. „וכן נגוזו". און אזוי אויך די וועלכע האבען זיך געלאזט שעהרען, מיינט מען די וועלכע האבען געגעבען פיעל צדקה. זיי זיינען געגליכען צו שעפסען, וואס נאכ'ן שעהרען די וואל וואקסט באלד אנדערע וואל, אזוי אויך די וועלכע געבען פיעל צדקה, באשעהרט זיי דער אויבערשטער באלד אנדער געלד. אויף אזעלבע זאגט דער פסוק „ועבר". דאס מיינט מען אז פון אזעלבע אידען נעהם פארביי דער מדת הדין, און האט איבער זיי קיין שליטה ניט צו באַ־שטראפען זיי. אזוי ווי דער פסוק זאגט ווייטער „ועניתך לא אענך עוד". איך וועל דיך מעהר ניט פייניגען".

נאך רבי יוסי האט רבי שמעון אנגעהויבן און האט אזוי געזאגט. „דאס איז זיכער אמת וואס רבי יוסי האט גע'דרשנ'ט, אז דאס ווארט „נגוזו" נעהט ארויף אויף די גרויסע בעלי צדקה. אבער קומט זעהט און פארשטעהט וואס איך וועל אייך דא זאגען. איהר זאלט וויסען אז ווען דער מענש שטארבט, און די נשמה מוז ארויסגעהן פון דער וועלט אויף יענער וועלט, דאן ווערט זי גע'משפט מיט פיעל משפטים איידער זי קען קומען אויף איהר מקום מנוחה. און נאך די אלע משפטים, אז די נשמה דארף שוין ארויפגעהן אין הימעל אריין, מוז זי אדורך געהן דעם פליסיגען ברענענדיגען טייך. וועלכער רופט זיך „נהר דינור". און די נשמה מוז זיך טובל זיין אין דעם טייך. אזוי ווי מען איז זיך טובל אין א מקוה. די נשמה מחום ציטערען ווען זי דערזעהט פאר זיך אזא קאכעדיגע מקוה. וואס ברענט ווי א פלאם פייער. אבער די נשמה פון א צדיק נעהט אדורך דעם טייך „נהר דינור" אהן פחד, אהן שרעק. נו מילא פון א צדיק איז שוין אפגערעדט. אבער ס'איז אויך דא אזעלבע אידען וואס מען קען זיי ניט באטיטלען מיט'ן נאמען צדיק, און דאך געהן זיי אויך ארורך די טבילה אין „נהר דינור" אהן פחד, אהן שרעק. דאס זיינען אזעלבע עהרליבע אידען, וואס האבען במשך אין דער צייט פון זייער לעבען זעהר שטארק באמיהט זיך צו געבען פיעל צדקה מיט אלע זייערע קרעפטען,

ועל פי זה כך יתבאר מקרא ההוא. אם שלמים. אם ישראל שלמים בתורה ומצות. וכן רבים. פירוש וכן מי שהיה מזכה את הרבים להיותם שלמים בתורה ומצות וזכו ללמוד וללמד. וכן נגוזו. פירוש וכן אלה שהיו גוזזים ממםונם לצדקה. ועבר. פירוש כל אחד מאלה יוכל לעבור את נהר דינור בלי פחד. וכרוז מכריז לפני אותה הנשמה. ועניתך לא אענך עוד. כי מי שזוכה לעבור בנהר דינור אין לו עוד לסבול דין וצער יותר.

אמר רבי אלעזר. עתה נפקחו עיני להבין מה שהקשיתי לאבי. כי חנן ההוא, האמנם שהיה תלמיד חכם גדול, אבל כיון שזכה רק ללמוד ולא ללמד לזכות גם את הרבים בתורתו, וגם במצות צדקה לא התיגע כל כך. לפיכך עמד נגדו הפחד של העברת נהר דינור, ונצרך להברכה של „אלקים יחנך בני". אבל ענן שהיה יהודי כשר וישר ובעל צדקה גדול, אין לו לפחד מהעברת נהר דינור ולא יסבול עוד דין ועונש כלל.

מכאן יש לראות ולהבין כמה גדול כחה של צדקה הן בעולם הזה והן בעולם הבא.

---

אצינד קענט איהר פארשטעהן אז אזוי איז דער פשט פון יענעם פסוק. „אם שלמים". אויב אידען זיינען גאנץ מיט די תורה און מצות אהן פעהלערס. „וכן רבים". און אויך אזעלכע וואס האבען מזכה רבים געווען, דאס הייסט אזעלכע וואס האבען פארלעגט א כח אז אנדערע אידען זאלען אויך לערנען און טהון מצות. ניט בלויז ללמוד נאר אויך ללמד. צו לערנען תורה מיט אנדערע. „וכן נגוזו". און אזוי אויך אזעלכע וואס האבען זיך גע־לאזט שעהרען צו געבען פון זייער געלד פיעל צדקה. אויף די אלע זאגט דער פסוק „ועבר". דאס הייסט, אז די אלע יעניגע וועלען ארורך געהן דעם פליסיגען ברענענדיגען טייך „נהר דינור" אזוי ווי א שפאציר, אהן קיין פחד און שרעק. און פאר די נשמות וואס האבען שוין די זכיה ארורך צו געהן דעם „נהר דינור" ווערט פאר זיי אויסגערופען די פאלגענדע ווערטער: „ועניתך לא אענך עוד". דאס הייסט, דו וועסט שוין מעהר ניט וויסען פון קיין צער און פייניגען".

נאכדעם וואס רבי שמעון בן יוחאי האט אויסגעלאזט דיזען שמועס, האט רבי אלעזר געזאגט, אז אצינד זיינען שוין געעפענט געווארען זיינע אויגען, און ס'איז איהם שוין זיין קשיא פארענטפערט געווארען וועגען די צווייערלייא ברכות פון זיין פאטער צו די צוויי ברידער ענן און חנן. וויל דער חנן, אבוואהל ער איז טאקי געווען א גרויסער תלמיד חכם, אבער דאך וויל ער האט ניט זוכה געווען מזכה רבים צו זיין, צו לערנען תורה מיט אנדערע אויך. און ווידער וועגען מצות צדקה איז אויך ניט געווען איהם צו באריהמען רעדמיט, דארורך איז געווים פאר איהם געשטאנען דער גרויסער פחד פון די טבילה און „נהר דינור". דארום האט ער זיך געניטיגט אין די ברכה פון דעם פסוק „אלקים יחנך בני". אז דער מרת הדין זאל מיט איהם מטיב זיין. אבער ענן, וואס אויסער דעם וואס ער איז געווען א פרו־מער איד. אפילו ניט קיין תלמיד חכם, איז ער דאך אבער געווען באריהמט פאר א גרויסען בעל צדקה. דארום איז איהם געזאגט געווארען די בשורה, אז ער וועט בשלום ארורך שפא־צירען דעם „נהר דינור" אהן שום פחד און שרעק, און אז ער וועט מעהר ניט ליידען קיין צער און פייניגען.

פון דיזע מעשה קען מען שוין גוט פארשטעהן, ווי גרויס עס איז דער שכר פון מצות צדקה, סיי אויף דיזער וועלט, סיי אויף יענער וועלט.

(נג)

התסתלקות והקבורה של רבי שמעון בן יוחאי.

תנו רבנן, כשחלה רבי שמעון בן יוחאי נכנסו לפניו רבי פנחס ורבי חייא ורבי אבא מן החברייא קדישא. ובנו רבי אלעזר היה משמש אותו. כשראו שהוא נוטה למות אמרו לו: „האם מי שהוא יסודו של העולם ימות?" אמר להם רבי שמעון: „תדעו שלא הבית דין שלמעלה מעיינים בדיני. כי רואה אני שאין אנכי נמסר לא למלאך ולא להדיינים שלמעלה, שאין אני כשאר אנשים, אלא שהמשפט שלי תקב"ה בעצמו ישפט, ולא בבית דינו. וזהו שביקש דוד המלך (תהלים מג) שפטני אלקים וריבה ריבי. וכן שלמה המלך אמר „לעשות משפט עבדו". הקב"ה בלבדו ולא אחר. שהרי למדנו כאשר תאדם נוטה למות, אז הבית דין שלמעלה מעיינים בדינו. יש מהם נוטים לכף זכות שמראים זכיותיו של אדם. ויש מהם נוטים לכף חוב שמראים העבירות של אדם. ואין האיש יוצא מן הדין כמו שהוא מבקש. אבל מי שהדיין שלו הוא מלך העליון על הכל, הרי זה משפט טוב. ואין יכול האיש לצאת מאותו הדין אלא בטוב. מה הטעם, לפי שמדותיו של מלך העליון נוטות לזכות תמיד, ובידו סליחת עונות פשעים וחטאים. כמש"כ (תהלים קל) כי עמך הסליחה למען תורא. עמך ולא עם אחר. ולפיכך אני מבקש מלפניו שהוא בעצמו ידין משפטי".

אחר כך ראו שרבי שמעון היה אומר דבר מה. ופתאום נעלם רבי שמעון מאותו החדר ששכב בו. ויתמהו כל הנאספים

(53)

ווי אזוי איז געווען די פטירה מיט די קבורה פון רבי שמעון בן יוחאי.

ווען רבי שמעון בן יוחאי איז קראנק געווארען, און זיין זוהן רבי אלעזר האט איהם משמש געווען, זיינען צום ערשטען אריינגעקומען מבקר חולה זיין די דריי חברים פון די „חברייא קדישא" רבי פנחס רבי חייא און רבי אבא. ווען זיי האבען געזעהן אז ער איז געפעהרליך קראנק, האבען זיי פון גרויס צער געפרעגט: „ווי אזוי קען דאס זיין, אז דער וואס איז די זייל. אויף וועלכען די וועלט שטעהט, זאל גאר אוועקשטארבען?" האט רבי שמעון צו זיי געזאגט: „ניט דער בית דין של מעלה קלעהרט אריין אין מיין משפט, ווייל איך זעה אז איך ווער ניט איבערגעגעבען, ניט צו קיין מלאך, און ניט צו קיין בית דין, אזוי ווי ביי אנדערע מענשען עס פיהרט זיך, נאר מיין משפט מוז פארקומען פאר'ן אויבער־שטען זעלבסט. אזוי ווי דוד המלך האט געבעטען „שפטני אלקים וריבה ריבי" אז נאר דער רבונו של עולם זעלבסט זאל איהם משפט'ן נים קיין אנדערער. ווייל דאס איז באוואוסט, אז ווען דער מענש דארף שטארבען קומט פאר זיין משפט פאר'ן בית דין של מעלה. טהייל זיינען נוטה לכף זכות, און זיי באווייזען נאר די זכותים און מעשים טובים פון דעם מענש. און טהייל זיינען נוטה לכף חובה, און זיי באווייזען נאר די עבירות און מעשים רעים פון דעם מענש, און זיין משפט געהט ארויס ניט אזוי ווי דער מענש וויל, נאר אזוי ווי דער רצון פון בית דין איז, אמאהל גוט, אמאהל שלעכט. אבער דער מענש וואס דער רבונו של עולם זעלבסט משפט איהם, דער האט געוויס צו האפען אויף א גוט משפט. ווייל די מדה פון מלך עליון איז נאר נוטה צו זיין לכף זכות, און דורך זיין מדת הרחמים איז ער מוחל עונות בדין, אזוי ווי דער פסוק זאגט כי עמך הסליחה למען תורא. פארגעבען קען נאר דער רבונו של עולם אליין, ניט קיין אנדערער. און דאדורך בעט איך דעם מלך עליון, אז נאר ער זעלבסט זאל זיין מיין דיין".

נאכדעם האבען זיי געהערט אז רבי שמעון האט נאך עפעס געזאגט עטליכע ווערטער,

שם, ומרוב פחד ואימה לא יכלו לדבר דבר. לא ארכה העת, והנה פתאם פרץ הביתה ריח חזק של בושם, שהיה להם למשיב נפש ותחי רוחם. ובהוך זה ראו שרבי שמעון נמצא על מטתו. ושמעו שהוא מדבר עם מי, אבל לא ראו עם מי הוא מדבר.

לאחר ששקטה רוחם של החברים שאלו לרבי שמעון על הנפלאות שראו, מה ענינם. אמר להם רבי שמעון: „מה שראיתם שנעלמתי מכם, הוא ששלחו אחרי מלמעלה. כי ביקשתי לראות מקומי שם. והראו לי מקומי בין מקומות הצדיקים שם, ולא הייתי שבע רצון מן המקום שהכינו עבורי. ובחרתי לי מקום אצל הנביא אחיה השילוני. ואחר כך נשלחתי בחזרה לביתי, ופרחו עמי שלש מאות נשמות צדיקים ללוות אותי עד ביתי, ועמהם דיברתי. זה הוא הקול ששמעתם וריח הטוב שהרגשתם הוא ריח של גן העדן שבא עמנו".

אז קרב אליו רבי אלעזר בנו ואמר אל אביו: אבי. אבי! ואיה יהיה מקומי בגן העדן?" אמר לו רבי שמעון :, „אשרי חלקך בני. זמן רב יומשך טרם שתבא לקבורה אצלי. אבל שם בגן עדן בירתי גם עבורך מקום טוב. אשרי חלקנו וחלקם של שאר הצדיקים בגן עדן, העומדים להודות ולהלל לרבון העולמים כמו מלאכי השרת, ככתוב „אך צדיקים יודו לשמך".

ויהי כאשר הגיע יום הנורא, יום

---

און איז באלד פארשוואונדען געווארען פון קראנקען בעט. אלע אנוועזענדע זיינען געבליבען ערשטוינט. א גרויסע שרעק איז אויף זיי געפאלען, און זיי האבען ניט געקענט קיין וואָרט ארויסריידען פאר גרויס פחד. אביסעל שפעטער האבען די חברים אנגעהויבען שפירען דארט א שטארק שמעקענדיגען ריח וואס האט אריין געשטרומט אין דעם חדר וואו רבי שמעון'ס בעט שטעהט. פון דעם גוטען געשמאק זיינען זיי דערקוויקט געווארען און זיינען בארוהיגט געווארען. פלוצלינג האבען זיי דערזעהן, אז רבי שמעון ליגט שוין צוריק אויף'ן זעלבען בעט, און אויך האבען זיי געהערט אז ער רעדט עפעס מיט אימיצען, אבער זיי האבען דארט קיינעם ניט געזעהן.

ווען ס'איז שטיל געווארען האבען זיי געפרעגט ביי רבי שמעון וועגען די וואונדערליכע פאסירונג וואס זיי האבען אלץ צוגעזעהן. האט רבי שמעון זיי געענטפערט: „איך האב געוואלט ביים לעבען זיך אויסקליבען אן ארט אין גן עדן, וועד עס זאל זיין מיין שכן. האט מען מיר דאס צוליעב געטהון און מען איז מיט מיר אוועקגעפלויגען אין גן עדן אריין. איך בין טאקע דארט ניט צופרידען געווען פון דעם ארט וואס מען האט אנגעגרייט פאר מיר, האב איך זיך אויסגעקליבען אן ארט נעבען דעם נביא „אחיה השילוני" און ווען מען איז מיט מיר צוריק געפלויגען זיינען מיט מיר מיטגעקומען דריי הונדערט נשמות פון צדיקים, און מיט זיי האב איך דאס פריהער גערעדט, דאס איז געווען דאס קול וואס איהר האט געהערט און קיינעם ניט געזעהן. און דער גוטער געשמאק וואס איהר האט געשפירט, דאס איז דער ריח פון גן ערן וואס איז מיט אונז מיט געקומען".

דאן איז צוגעגאנגען רבי אלעזר און האט דעם פאטער געפרעגט: „מיין פאטער וואו וועט זיין מיין ארט אין גן עדן " האט רבי שמעון איהם געענטפערט: „וואויל איז דיין חלק. מיין זוהן! עס וועט געדויערען א לאנגע צייט איידער דו וועסט צו קבורה קומען נעבען מיר. אבער דארט אין גן עדן האב איך אויסגעקליבען א גוט ארט פאר דיר אויך, ווי מיר וועלען מיט אלע צדיקים צוזאמען לויבען דעם אויבערשטענס הייליגען נאמען, אזוי ווי דער פסוק זאגט: „ אך צדיקים יודו לשמך".

ווען ס'איז שוין געקומען דער שרעקליכער טאג, וואס רבי שמעון האט געדארפט נפטר ווערען פון דיזער וועלט, האט ער איבערגע'חזר'ט די גאנצע תורה וואס ער האט געלערענט.

המיתה, והחברייא קדישא הכירו בו שזה יום האחרון שלו, נאספו כלם וישבו לפני רבי שמעון, והוא היה מחזיר על לימודו כל התורה שלמד. פתאם ראו אור גדול כמראה אש שהיה מקיף סביב לבית מבחוץ. נבהלו החברייא קדישא ויצאו החוצה, ובפנים שארו רבי אלעזר בנו ורבי אבא. פתח רבי שמעון את עיניו ואמר לרבי אלעזר: „צא החוצה וראה אם יש שם רבי יצחק תלמידי החביב שהצלתי אותו משליטת מלאך המות, ואמור לו שיכנס, ותושיבהו אצל מטתי שישמע חידושי תורה אשר אדבר, למען יוכל אחר כך לסדר החידושי תורה אשר ישמע ממנו."

אחר כך ישב לו רבי שמעון על מטתו ואור שמח היה מרחף על פניו, וישאל לרבי אלעזר איה המה החברייא קדישא, ומדוע אינם נכנסים. יצא רבי אלעזר וקרא להחברים שיכנסו, ודיבורו עם כלם היה בהארת פנים של שמחה. אז נשא רבי שמעון ידיו לשמים והיה מתפלל תפלה. אחר תפלתו בחר איזה חברים מן החברייא קדישא שרק הם ישארו בביתו, והשאר יצאו החוצה. נשארו בפנים רבי אלעזר רבי אבא רבי יהודה רבי יוסי ורבי חייא. מיד בא ונכנס גם רבי יצחק. כאשר ראהו רבי שמעון שמח עמו ואמר לו: „אשרי חלקך! שמחה רבה וכמה מדרגות של קדושה יתוספו לך ביום הזה."

אז אמר רבי שמעון להחברים שנשארו בפנים: „שמעו אלי חברים קדושים! כאשר עתה עת רצון ושכינה הקדושה בתוכנו, מבקש אני שלא אבא לעולם העליון בבושת פנים. ובכן חפץ אני לגלות לכם היסודות של חכמת הקבלה, אשר עד עתה עוד לא גליתי אותם לאיש. ובכן ישב רבי אלעזר לפני, ורבי אבא ישב

---

די „חברייא קדישא" האבען דערקענט אז די פטירה רוקט זיך צו, האבען זיי זיך אלע פארזאמעלט אין זיין וואהנונג. פלוצלינג האט א פייערדיג ליכטיגקייט ארומגערינגעלט דאס הויז פון רבי שמעון, האבען זיך די חברים דערשראקען און זיינען ארויסגעגאנגען, געבליבען איז נאר רבי אלעזר מיט רבי אבא. רבי שמעון האט געעפענט די אויגען און האט געזאגט צו רבי אלעזר: „געה ארויס און זעה צו איז דארט דא רבי יצחק מיין ליבער תלמיד, וואס איך האב איהם מציל געווען פון מלאך המות, און זאג איהם ער זאל אריינקומען, און זעץ איהם נעבען מיר, ער זאל זיך גוט צוהערען צו די חידושי תורה וואס איך וועל זאגען, ער זאל קענען דערנאך מסדר זיין די חידושי תורה וואס ער וועט הערען פון מיר".

נאכדעם האט זיך רבי שמעון אויפגעזעצט און א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף זיין ליכטיג פנים, און ער האט געפרעגט רבי אלעזר'ן וואו זיינען עפעס די „חברייא קדישא". און פארוואס קומען זיי נים אריין. האט רבי אלעזר זיי אלע אריינגערופען. דאן האט רבי שמעון אויפגעהויבען זיינע הענד צום הימעל און האט מתפלל געווען א תפלה. ער האט געוויזען א פרעהלאך פנים צו אלע אנוועזענדע. נאך די תפלה האט רבי שמעון געזאגט, אז די גרעסטע באוואוסטע חברים פון די „חברייא קדישא" זאלען בלייבען אינוועניג ביי איהם, און די איבעריגע זאלען ארויסגעהן. זיינען געבליבען אינוועניג רבי אלעזר, רבי אבא, רבי יהודה, רבי יוסי, רבי חייא. באלד איז אויך אריינגעקומען רבי יצחק, האט זיך רבי שמעון מיט איהם געפרעהט, און האט איהם געזאגט: „וואויל איז דיין חלק! פיעל שמחה מיט פיעל קדושה זאל דיר געמעהרט ווערען דעם היינטיגען טאג".

באלד דערנאך האט רבי שמעון געזאגט צו די „חברייא קדישא" וואס זיינען געבליבען אינוועניג: „הערט מיך צו חברים! אזוי ווי ס'איז אצינד א עת רצון און די שכינה הקדושה איז מיט אונז, וויל איך ארויפקומען אויף יענער וועלט, איך זאל מיך ניט דארפען שעהמען דארט פאר קיינעם. דארום וויל איך אצינד פאר אייך מגלה זיין אזעלכע גרויסע סודות פון חכמת הקבלה, וואס איך האב נאך פאר אייך קיינמאהל ניט מגלה געווען. זאל רבי אלעזר

מאחוריו ויכתוב כל מה שאדבר. ושאר החברים שנשארו בפנים ישבו מן הצד וישמעו היטב את דברי, למען יכנסו לא רק באזנם, כי אם גם בעומק לבבם."

אחר זה נתעטף רבי שמעון בטליתו והתחיל לדבר חידושי תורה בדרשות פסוקי תנ"ך על פי חכמת הקבלה העמוקה. באמצע הדרוש הפסיק וצוה להעמיד כסא אצל מטתו עבור רבי פנחס בן יאיר חותנו שבא עתה מן גן העדן. אימה ופחד גדול נפל על החברים, ופחדו לשבת על כסאות וישבו על קרקעת הארץ. רבי שמעון התחיל שוב לדרוש ולגלות הסודות של חכמת הקבלה העמוקה, מאורגים ומקושרים עם דרשות על פסוקי תנ"ך, ונקראים בשם „אדרא".

רבי אַבא סיפר שכאשר הגיע רבי שמעון לדרוש את הפסוק (תהלים קלג) „כי שם צוה ה' את הברכה חיים עד העולם" נשתתק אצל תיבת חיים ולא נשמע ממנו יותר. רבי אבא אחז את העט בידו והטה אזנו לשמוע עוד ולכתוב, אבל לא שמע. וגם כי באותו רגע נבהל ונשתומם מן אור גדול כמראה אש אשר פרץ פתאם לבית. ולבעבור שהאור היה גדול מאד אחזה עורת בעיני כל החברים, ולא יכלו לראות מה נולד שם, כי היו מוכרחים להשתטח על הקרקע פניהם למטה, כך שכבו ובכו, כי הבינו שרגע האחרון בא.

כך עמד אור החזק עת קצרה עד שנקטן וחלף ועבר לגמרי. אז קמו החברים מן הארץ ויראו שהמנורה הטהורה קודש קדשים כבתה. רבי שמעון בן יוחאי צדיק יסוד עולם סגר עיניו לנצח. והיה שוכב על צדו הימנית מעוטף בטליתו, ואור שמח חופף על צורתו

---

זיצען פאר מיר, און רבי אבא זאָל זיצען אונטער רבי אלעזר, און זאָל אויפשרייבען אַלעס וואָס איך וועל זאָגען. און די איבעריגע חברים זאָלען זיצען אין דער זייט און זאָלען גוט אויסהערען מיינע ווערטער, כדי זיי זאָלען אריין טיעף אין זייערע הערצער".

רבי שמעון האָט זיך איינגעהילט אין טלית און האָט אָנגעהויבען צו זאָגען חידושי תורה. דאָס ליכטיגע פנים פון רבי שמעון האָט געפלאַמט ווי פייער. און דערמיט האָט ער מפסיק געווען און האָט געהייסען אנירערשטעלען א שטוהל נעבען בעט פאר זיין שוועהר רבי פנחס בן יאיר, וואָס איז ערשט אראָפּגעקומען פון גן ערן. אַן אימה ופחד איז געפאַלען אויף אַלע חברים. און זיי האָבען מורא געקראָגען צו זיצען אויף שטוהלען, האָבען זיי זיך אראָפּגעזעצט אויף דער ערד. רבי שמעון האָט אָנגעהויבען צו ענטפּלעקען פאר די חברים די טיעפע סודות פון חכמת הקבלה, און ער האָט זיי צוזאַמענגעפאָלכטען מיט דרשות אויף פיעל פסוקים פון תורה נביאים וכתובים.

רבי אבא האָט דערצעהלט, אז ווען רבי שמעון האָט גע'דרש'נט דעם פסוק פון תהלים „כי שם צוה ה' את הברכה חיים עד העולם" איז ער ביים וואָרט חיים שטיל געבליבען. רבי אבא האָט געהאַלטען די פעדער אין האַנט, איז געווען גרייט ווייטער צו שרייבען, אָבער ער האָט שוין מעהר קיין וואָרט ניט געהערט. און אויך איז ער דאַן צומישט געוואָרען פאר שרעק פון דעם גרויסען פייערדיגען ליכטיגקייט, וואָס איז פלוצלינג אריינגעקומען, און פון דעם שטאַרקען ליכטיגקייט, זיינען ביי אַלע חברים די אויגען פאַרבלענדט געוואָרען און זיי האָבען גאָר ניט געקענט זעהן וואָס קומט פאָר, נאָר זיי האָבען זיך אַלע געמוזט אויסציהען אויף דער ערד, מיט'ן פנים אראָפּ און האָבען געוויינט און געכליפּעט. זיי האָבען שוין גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אז דאָס זיינען די לעצטע מינוטען.

אזוי האָט עס געדויערט א שטיקעל צייט ביז דאָס פייערדיגע ליכטיגקייט איז פאַר־שוואונדען געוואָרען. דאַן האָבען זיך די חברים אויפגעהויבען און זיי האָבען דערזעהן אז די ליכטיגע מנורה קדש קדשים איז פאַרלאָשען געוואָרען. רבי שמעון איז שוין אזוי געלעגען טוידט אויף דער רעכטער זייט, איינגעהילט אין טלית, אזוי ווי מיט א שמייכעל אויף זיין

הקדושה. רבי אלעזר עם שאר החברים פרצו בבכיה, ומרוב צער ואנחה לא יכלו לפתוח פיהם לדבר דבר.

אך רבי חייא התחזק, קם על רגליו ואמר: „חברים! באה העת שאנו מחויבים לחלוק כבוד האחרון לאדוננו מורנו ורבנו, מנורה המאירה קדש קדשים, נשתדל לעשות הלויה וקבורה כראוי לו".

בתוך כך נפוצה השמיעה במהירת בזק מפטירת רבי שמעון, הן בעיר והן בכל הגליל. ומכל הסביבה התחילו אנשים המונים לזרום לבוא לקחת חבל בהלויה שלו. אבל פרצה אז מחלוקת גדולה בין ההמון שהיו בהם חבורות ואגודות מכמה מחלקות, וכל אחת חפצה שרבי שמעון יקבר אצלם. ויהי כאשר היו מוכנים אל הלויה והקבורה, וחברייא הקדושה עם חכמי ישראל נשאו את מטתו החוצה, שקטה המחלוקת, כי המטה התנשאה מידם למעלה באויר ופרחה לאט לאט, וכל הנאספים הלכו אחרי המטה. גם היה נראה לפני המטה עמוד אש עד הארץ. וכך פרחה המטה עד לפני המערה שבכפר מירון, אז הבינו כלם שנצרך לקברו באותה המערה. כאשר הכניסו ארונו להמערה נשמע בת קול הפסוק „יבא שלום יניחו על משכבותם." וגם הפסוק „ואתה לך לקץ ותנוח ותעמוד לגורלך לקץ הימין."

על פי הקבלה ידוע ומפורסם שנפטר רבי שמעון בן יוחאי ביום ל"ג בעמר. וכאשר העולם מבין גודל קדושתו של אותו התנא, הארז אשר בלבנון, הענק שבין התנאים, הארי שבחבורה שהשאיר אחריו אור גדול אור המאור לכל העולם, הוא ספר הזהר הקדוש עם שתי האדרות, רבא וזוטא, שהם היסודות של חכמת האלוהית שנקראת חכמת הקבלה, לכן עוד לא נשכח אור קדושתו מן העולם. ועד היום הזה נחלק לו כבוד גדול ביום

---

הייליגע צורה. רבי אלעזר מיט די איבעריגע חברים האָבען פון גרויס געוויין ניט געקאָנט קיין וואָרט אויסריידען.

רבי חייא האָט זיך געשטאַרקט און האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, זאָגענדיג: „חברים! ס'איז געקומען די צייט מיר זאָלען צוטהיילען דעם לעצטען כבוד צו אונזער ליכטיגע מנורה קדש קדשים, און מיר זאָלען זיך באַמיהען מיט זיין קבורה".

דערוויל האָט זיך בליץ שנעל פאַרשפרייט דער קלאַנג פון די פטירה. טויזענדער מענשען האָבען אָנגעהויבען שטראָמען פון אַלע געגענדען, צו נעמען אַן אַנטייל ביי דער לויה. דערביי איז פאַרגעקומען אַ גרויסע מחלוקה, כמעט אַ מלחמה צווישען פאַרשידענע פאַרטייען, וואָס יעדער פאַרטיי האָט נאָר געוואָלט אַז רבי שמעון זאָל ביי זיי באַערדיגט ווערען. אָבער ווען מען איז פאַרטיג געוואָרען צו דער לויה, און די חברייא קדישא האָבען אַרויסגעטראָגען די מטה, האָט זיך די מטה אויפגעהויבען אין דער הויך, און איז אַזוי גאַנץ פאַמעלעך געפלויגען, כדי מענשען זאָל קענען מיטגעהן. און אַ פייערדיגע זייל איז געגאַנגען פאַראויס ביז צו דער דער הייל אין דאָרף מירון. דאָרט איז דער ארון קודש צו קבורה געקומען. ווען מען האָט אַריינגעטראָגען דעם אָרון קודש אין דער הייל, איז געהערט געוואָרען אַ בת קול דער פסוק „יבוא שלום ינוחו על משכבותם". און אויך דער פסוק „ואתה לך לקץ ותנוח ותעמוד לגורלך לקץ הימין".

ס'איז בקבלה אַז רבי שמעון בן יוחאי איז נפטר געוואָרען אום ל"ג בעומר און אַזוי ווי די וועלט פאַרשטעהט דאָס גדלות פון דעם גרויסען טענענכוים, דער ריעז צווישען די תנאים, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אַזאַ הייליג ליכטיגקייט אויף דער וועלט, דעם ספר הזהר הקדוש מיט די צוויי אדרות, אדרא זוטא ואדרא רבא, וואָס זיי זיינען די יסודות פון די גרעסטע געטליכע לעהרע, וואָס רופט זיך חכמת הקבלה, דאַדורך ווערט נאָך היינט צוגעטהיילט איהם

היארהרצייט שלו, על ידי חגיגה גדולה מאת כמה וכמה עשרות אלפים אנשים מכל המחלקות, שעושים הדלקת גדולה בשמן זית כל הלילה בכפר מירון אצל מערת קברו. גם נבנה שם בית המדרש עם חצר גדול, ששם נעשה ההדלקה בשמחה רבה. ונקראת חג הילולא דרבי שמעון בר יוחאי. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

(נד)

## החסתלקות והקבורה של רבי אלעזר בן רבי שמעון.

רבי אלעזר בן רבי שמעון לעת זקנותו נעשה חלש, ולא היה לו כח ללכת ללמוד בבית המדרש עם הישיבה. כאשר נחלה ולא יכל לקום ממטתו נתגלה פעם אחת גופו הקדוש, וכאשר קרבה אשתו לכסותו שחקה, אבל מיד התחילה לבכות. שאל אותה רבי אלעזר: „מדוע שחקת תחלה, ומדוע עתה תבכי?" ענתה לו אשתו: „שחקתי ושמחתי על שזכיתי שצדיק גדול עם גוף קדוש כזה יהיה בעלי. ועתה אני בוכה על זה שגם צדיק גדול כמוך מוכרח למות."

וכאשר ידוע שרבי אלעזר היה כל ימיו במבעו איש תקיף בדעתו, ולא היה נושא פנים לכל איש, לכן הבין שיש לו הרבה שונאים בעירו. ואף גם בין תלמודי החכמים הרגיש שיש לו ביניהם הרבה שונאים, והיה דואג שכאשר ימות לא יקברו אותו בכבוד של תלמיד חכם. לכן קרא קודם מותו לאשתו וכך צוה עליה:

„הן כאשר אני יודע שיש לי הרבה שונאים בעיר, ואפילו בין הרבנים אין חסר לי שונאים, ואני דואג שיכול להיות שלא יקברו אותי לפי כבודי, לכן רוצה

---

א גרויסען כבוד, און אלע יאהר אום ל"ג בעומר ווערט זיין יאהרצייט געפייערט פון צעהנ־רליגע טויזענדער מענשען פון אלערליי קלאסען, מיט א הדלקה פון בוימעהל אין כפר מירון ביי די מערה פון קבר רבי שמעון. דארט איז אויפגעשטעלט געווארען א בית המרש מיט א גרויסען חצר, וואו די הדלקה קומט פאר מיט א גרויסע שמחה, וועלכעס רופט זיך הילולא דרבי שמעון בן יוחאי. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

(54)

## ווי אזוי איז געווען די פטירה מיט די קבורה פון רבי אלעזר ב"ר שמעון.

רבי אלעזר ב"ר שמעון איז אויף דער עלטער זעהר שוואך געווארען, און ער האט שוין קיין כח געהאט צו געהן לערנען אין בית המדרש. ווען ער איז שוין קראנק געווארען און האט געמוזט ליגען צו בעט, האט זיך אמאהל געמאכט אז זיין לייב איז אויפגעדעקט געווארען. בשעת זיין פרוי איז צוגעגאנגען איהם צודעקען האט זי געלאכט און באלד אנגעהויבען וויינען. פרעגט זי רבי אלעזר: „וואס האסטו געלאכט און וואס וויינסטו?" האט זי געענטפערט: געלאכט האב איך, וואס איך האב זוכה געווען צו האבען אזא גרויסען צדיק פאר א מאן, און איך וויין וואס אזא צדיק מוז אויך שטארבען". און אזוי ווי רבי אלעזר איז אימער געווען א שטרענגער מענש, און האט קיינמאהל קיינעם נים נושא פנים געווען, , האט ער פארשטאנען אז ער האט אין שטאדט פיעל שונאים, און אפילו צווישען די תלמידי חכמים האט ער אויך געשפירט אז עס געפינט זיך צווישען זיי זיינע שונאים, האט ער איבערגעקלעהרט, אז ווען ער וועט שטארבען וועלען זיי איהם מכבד זיין נים אזוי ווי מען איז מכבד א תלמיד חכם, האט ער פאר'ן טויט צוגערופען זיין פרוי און האט צו איהר אזוי געזאגט: אזוי ווי איך ווייס אז איך האב פיעל שונאים, אפילו צווישען די רבנן אויך. פארשטעה איך אז זיי' וועלען נים טהון

אני למות על מטתי בחדר שעל העליה, ששם היה מקום תורת שלי, ושם תניחי אותי שוכב על מטתי. גם תוכלי בכל פעם ליכנס בחדר ההוא בלי כל פחד כאילו אני בחיים. אך תזהרי לבלתי לגלות זה הסוד של מותי לכל אדם. וכך תודיעי לכל שואל עלי, שכאשר היה קשה לי לסבול את התרמית והשקרות השוררת בעולם, לכן הסגרתי עצמי להיותי פרוש מן העולם בחדר התורה שלי על העליה. וכל איש שירצה לשאול עצה ממני, או שיבאו בעלי דינים לדון בדין תורה, יעמדו בבית מתחת ויקראו אלי בקול רם מה שהם מבקשים, ואני אענה להם ממעל כמו בחיים".

אשתו הבטיחה לו לעשות כרצונו. וימת רבי אלעזר על מטתו בחדר התורת שלו אשר על העלית. והיא אמרה לכל כמו שצוה עליה בעלה. וכאשר בא דין תורה לביתו, עמדו בעלי הדינים מתחת וסדרו טענותיהם בקול רם. אחר כך נשמע ממעל הפסק דין „איש פלוני זכאי ואיש פלוני חייב.“ גם היתה רגילה אשתו לעלות לחוף את ראשו במים ולסרוק שערותיו, והיה נראה לה כאילו הוא ישן. וכאשר לפעמים נעקרה שערה בשעת סריקה, היה נראה במקום ההוא בצבוץ דם. פעם אחת ראתה תולעת זוחלת באזנו. נתבהלה, והיה לה צער גדול מזה. ואמר לה בעלה בחלום שלא תפחד ולא תצטער על התולעת. כי זה עונשו, יען כי פעם אחת שמע שהיה איש אחד מבזה לתלמיד חכם. והיה ביכולתו למנוע ולענשו, והחריש לו. לכן נענש שתולעת תנשכנו באזנו לאחר מיתה.

---

מיין רעכט נאך מיין טויט לויט מיין ווערדע, אלזא וויל איך שטארבען אין דער שטוב וואס איז אויפ'ן בוידעם, וואו איך האב שטענדיג תורה געלערענט, און דארט זאלסטו מיך לאזען ליגען נאכ'ן טויט אויפ'ן בעט, דו זועסט אפילו קענען אלע מאהל ארויפקומען, און זאלסט קיין שום פחד נים האבען, גלייך אזוי ווי איך וואלט געלעבט. אבער זאלסט דעם סוד פון מיין טויט פאר קיינעם נים אויסזאגען, נאר דו זאלסט זאגען, אז אזוי ווי ס'איז מיר שוועהר געווען צו פארנעמען דאס פאלשקייט פון דער וועלט, האב איך מיך פארמאכט אין מיין תורה שטוב צו האבען התבודדות. און ווער עס וועט דארפען פרעגען אן עצה, אדער ווען עס וועט פארקומען א דין תורה, זאלען זיי שטעהן אונטען און ארויפשרייען צו מיר, וועל איך זיי אויף אלעם ענטפערען, אזוי ווי ביים לעבען".

די פרוי האט איהם צוגעזאגט אלעם אויסצופאלגען, און רבי אלעזר איז געשטארבען דארט אין זיין תורה שטוב אויפ'ן בוידעם. זי האט פאר יעדען געזאגט אזוי ווי רבי אלעזר האט פארלאנגט. ווען ס'איז פארגעקומען א דין תורה פלעגען שטעהן אונטען די צוויי בעלי דינים און ארויפשרייען זייערע טענות. דאן איז געהערט געווארען אן ענטפער פון דער הויך אראפ: „דער מאן איז גערעכט, און יענער מאן איז שולדיג“. די פרוי פלעגט טאקע אלע מאהל ארויפ־געהן אויסוואשען איהם דעם קאפ און אויסקעמען די האר, עס האט זיך געדאכט גלייך ווי ער וואלט געשלאפען. ווען ביים אויסקעמען האט זיך אמאהל אויסגעריסען א האר, האט זי געזעהן אז אויף דעם ארט האט ארויסגעשפראצט עטוואס בלוט. איינמאהל האט זי דערזעהן א ווערמעל ארויסקריכען פון אויער, האט זי גרוים קרענקונג באקומען דערפון. איז רבי אלעזר ביינאכט געקומען צו חלום זיין פרוי, און האט איהר געזאגט זי זאל זיך גאר נים שרעקען. ער איז געשטראפט געווארען אז א ווערמעל זאל איהם פיקען אין אויער, ווייל ער האט אמאהל געהערט ווי איינער האט מבזה געווען א תלמיד חכם, און ער האט געקאנט יענעם פארווערען און באשטראפען, אבער ער האט דאס נים געטהון, איבער דעם ווערט ער געשטראפט מים דעם ווערמעל.

רבי אלעזר שכב כך מת על מטתו שמנה עשרה שנה. יש היו מאמינים לדברי אשתו שהוא בחיים, ויש היו מבינים שאין זה דבר פשוט. והנה כאשר העולם אומר שאין סוד אצל נשים, כן היה כאן. כי אשת רבי אלעזר מסרה פעם אחת זה הסוד לרעיתה שכנתה. ויקר מקרה שנעשה ריב בין אותן שתי הנשים, ותקלל השכנה לאשת רבי אלעזר בזה הלשון: „יהי סופך שלא תבא לקבר ישראל כמו בעלך!" כאשר נשמע הדבר לתלמודי רבי אלעזר ואוהביו, התחילו לחקור ולדרוש ביד חזקה בדבר הזה, עד שנודע להם האמת. השמועה נפצה מיד בכל העיר ובכל הגליל שרבי אלעזר ב"ר שמעון מת. אבל התלמודים לא ידעו איה לקבור אותו והתוכחו בדבר. בעת ההיא בא רבי שמעון בחלום הלילה להתלמודים ואמר: „פרידה אחת יש לי ביניכם, מדוע אין אתם מביאים אותה אלי?" אז הבינו התלמודים שנצרך לקברו באותה המערה של קבורת אביו.

ויהי ביום שהגבילו התלמודים להביאו לקבורה, ונאסף המון אנשים שבאו לקיים מצות הלוית המת, והנה פתאם התראה מחנה גדול מן הסביבה, מזוינים במקלות וברמחים, והיה בהם ערב רב של יהודים ואינם יהודים שלא הניחו להוציא את המת מן אותו הבית להביאו לקבורה. באמרם שזה שמנה עשרה שנה שלא נראתה היה רעה בעיר, ואף לא בכל הגליל, ואין זה כי אם בזכותו. והמון הזה נצחו והיו מוכרחים להשאיר את המת בבית. אך כאשר הגיע ערב יום הכפורים, בעת שכל האנשים טרודים בהכנות על יום צום כפור, ולא עלתה על דעת איש שביום כזה יחפצו להביאו לקבורה, והלכו משם שומרי הבית, אז באו בלאט

---

רבי אלעזר איז אזוי געלעגן טויט אכטצעהן יאהר. טהייל מענשען האבען געגלויבט וואס די פרוי האט געזאגט אז ער לעבט, אבער פיעל מענשען האבען פארשטאנען אז דאס איז עפעס ניט אזוי גלאטיג. די וועלט זאגט דאך אבער, אז ביי א פרוי קאן קיין סוד ניט זיין. האט רבי אלעזר'ס פרוי געהאט א שכנה א געטרייע חבר'טע, און זי האט פאר דער שכנה אויס־געזאגט דעם סוד פון רבי אלעזר'ס טויט. מאכט זיך א מעשה אז די צוויי פרויען האבען זיך צוקריעגט. האט די שכנה געשאלטען רבי אלעזר'ס פרוי מיט דיזע ווערטער: „דו זאלסט ניט קומען צו קבר ישראל אזוי ווי דיין מאן!" רבי אלעזר'ס תלמידים זיינען דערפון געוואהר געווארען, האבען זיי אנגעהויבען פעסט חוקר ודורש זיין, ביז זיי זיינען דערגאנגען דעם אמת וואס דא קומט פאר. דער קלאנג פון רבי אלעזר'ס טויט האט זיך באלד פארשפרייט אין שטאדט, און אויך ארום דעם געגענד. די תלמידים האבען אנגעהויבען קלערען וואו זיי זאלען רבי אלעזר'ן מקבר זיין. אין די זעלבע צייט איז רבי שמעון בן יוחאי געקומען אין חלום צו די תלמידים און האט צו זיי געזאגט: „איין טייבעלע האב איך צווישען אייך, און איהר ווילט איהם ניט ברענגען צו מיר!". האבען זיי פארשטאנען אז מען דארף רבי אלעזר'ן מקבר זיין אין די זעלבע הייל וואו זיין פאטער רבי שמעון ליגט אין מירון.

ווען ס'איז געקומען דער טאג וואס מען האט געזאלט רבי אלעזר'ן צו קבורה ברענגען, האט זיך פארזאמעלט זעהר א גרויסער עולם צו דער לויה פון גרויסען צדיק, זיינען באפאלען פיעל מענשען מיט שטעקענס און מיט שפיזען פון גאנצען געגענד, סיי אידען סיי ניט אידען, און האבען ניט דערלאזט מען זאל דעם צדיק פון דארט צונעמען. ווייל דורך דער גאנצער צייט וואס רבי אלעזר איז דארט געלעגען, האט זיך קיין בייזע חיה ניט באוויזען, סיי אין שטאדט און סיי אין גאנצען געגענד ארום. האבען זיינע תלמידים אנגעווארט ביז ערב יום כפור, ווען מענשען זיינען פארנומען מיט צוגרייטען זיך צום יום כפור, איז קיינעם ניט איינ־געפאלען מען זאל אין אזא טאג וועלען איהם מקבר זיין. זיינען עטליכע מענשען געגאנגען

התלמודים והוציאו בהחבא את רבי אלעזר במטתו, וימהרו ללכת אל הדרך המוביל לכפר מירון. כאשר באו עם המטת על הדרך ראו כמו שני נחשים של אש הולכים לפניהם. אז הבינו כי נכון הדרך לפניהם, וכי יצליחו בקבורתו באין מונע ומערב. כאשר הגיעו לפתח המערה בכפר מירון, ראו והנה נחש גדול שנקרא „עכנא" הקיף והסגיר את פתח המערה. ויצעקו עליו: „עכנא, עכנא! הנח להביא את הבן אצל אביו" אז סרח העכנא משם, ויקברו את רבי אלעזר אצל רבי שמעון אביו.

לאחר שנפוצה השמועה שרבי אלעזר מת ושנקבר אצל אביו, שלח רבי יהודה הנשיא, שהיה מלפנים חברו של רבי אלעזר, לדבר באלמנותו של רבי אלעזר שהפץ הוא לקחתה לאשה. והשיבה, שמעלין בקודש ואין מורידין, ושהוא לעומת רבי אלעזר כמו חול לעומת קודש. ויוסיף עוד רבי יהודה לשלוח אליה בזה הלשון: „הן יכול להיות שבתורה היה רבי אלעזר גדול ממני, אבל האם גם במעשים טובים הוא גדול ממני ?!" והשיבה עוד האלמנה: „מי שהוא גדול יותר בתורת אינני יודעת, אבל זאת ידעתי שבודאי הוא היה גדול יותר במעשים טובים, יען כי קבל עליו יסורין שיכפרו על כל ישראל."

---

און האבען רבי אלעזר'ן ארויסגענומען אויף א מטה, און האבען זיך געלאזט געשווינד געהן אויפ'ן וועג וואס פיהרט קיין מירון. אזוי ווי זיי זיינען געקומען ארויס אויפ'ן וועג האבען זיי דערזעהן, אז צוויי פייערדיגע שלאנגען געהן פאראויס, האבען זיי שוין פארשטאנען אז די קבורה וועט זיי געלונגען, און אז זיי דארפען זיך שוין גיט פאר קיינעם שרעקען. אז זיי זיינען צוגעקומען צום אריינגאנג פון דער הייל, האבען זיי דערזעהן אז א גרויסער שלאנג, וואס רופט זיך עכנא, האט ארומגערינגעלט דעם אריינגאנג, האבען זיי געשריגען: „עכנא, עכנא! עפען אויף דעם אריינגאנג און לאז אריין א זוהן צום פאטער!" דער שלאנג האט באלד באפרייט דעם אריינגאנג פון דער הייל, און זיי האבען איהם מקבר געווען נעבען קבר פון זיין פאטער רבי שמעון בן יוחאי.

נאכדעם וואס עס איז שוין געווען באוואוסט אומעטום אז רבי אלעזר איז נפטר געווא־רען, האט רבי יהודה הנשיא, וואס איז אמאהל געווען א חבר צו רבי אלעזר, געשיקט א שליח צו דער אלמנה פון רבי אלעזר, זי זאל מיט איהם חתונה האבען. האט זי צוריק געשיקט אן ענטפער: „נאך אזא גרויסען צדיק וויים אויב איך גיט מעג נעמען פאר א מאן א קלע־נערען צדיק. איך וויים דעם דין מעלין בקודש ואין מורידין, דאס הייסט אז אין דער קדושה דארף מען געהן אלע מאהל העכער ניט נידעריגער". האט רבי ווידער צו איהר געשיקט זאגען: „עס קען זיין, אז אין תורה איז ער געווען גרעסער פון מיר, אבער אין מעשים טובים ווער איז גרעסער?" האט די אלמנה ווידער צוריק געשיקט אזא ענטפער: „ווער ס'איז גרעסער אין תורה וויים איך ניט, אבער אז ער איז געווען גרעסער פון דיר אין מעשים טובים, דאס וויים איך זיכער, ווייל ער האט דאך אויף זיך גענומען אזוי פיעל יסורים, זיי זאלען מכפר אויפ'ן גאנצען אידישען פאלק".

ההסתלקות של אותן שני ארזי הלבנון רבי שמעון בר יוחאי ובנו רבי אלעזר מביאה צער גדול לעם ישראל מאבדה הגדולה הזאת. אמנם זאת נחמתנו, ובזאת נוכל לומר כי עודנם חיים עד העולם, במה שהניחו לנו האור הגדול המאיר עיני ישראל והמטהר לבבם, הלא הוא ספר הזהר הקדוש, שאף גם חכמי אומות העולם מעריצים ומוקירים אותו, ומחפשים בו חכמת הפילאזאפיע האלוהית. ולכך נעתק ספר הזהר לכמה לשונות על ידי חכמי האומות. הגם שטעמו נמר בהעתקתם, ונמשל ליין הטוב בחביות של נפט, מכל מקום נפרצו ונמכרו ספרי הזהר בין האומות כמה וכמה עשרות אלפים. ועם ישראל שספר הזה הלא הוא שלנו והוא נשמתנו ואורך חיינו, אף על פי כן לא נמצא בבתי ישראל, כי אם כמעט אחד בעיר ושנים במשפחה. אמנם לאחר שעבדתי בזה עשרים שנה להעתיקו לשפת עבר שיהיה קל להבין, וסידרתי אותו שיהיה דבר דבור על אופניו בשמנה חלקים, שמלבד חמשת החלקים על התורה יבא עוד חלק ששי על ספר תהלים, וחלק שביעי על שיר השירים משלי וקהלת, וחלק שמיני שהוא זה הספר „נפלאות הזהר" ילקוט הסיפורים והמעשיות של החברייא קדישא, עתה יש לקוות כי יפקחו ישראל את עיניהם לראות אור יקרות, ויתפשט לימוד הזהר בישראל, כנביאת אליהו הנביא שאמר לרבי שמעון בר יוחאי, כי קודם ביאת המשיח יתפשט לימוד הזהר בין כל ישראל.

---

די פטירה פון די צוויי גרויסע ריעזען צווישען די תנאים, רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין זוהן רבי אלעזר, רופט אימער ארויס גרויס צער ביים אידישען פאלק. ווייל זיי זיינען נאך ביז היינט פארעבענט פאר דעם שטאלץ און בכור פון אידישען פאלק, דורך דעם וואס זיי האבען איבערגעלאזט דאס גרויסע ליבטיגקייט וואס מאכט ליכטיג די אויגען און פאראיירעלט די הארץ, דאס איז דער ספר „זהר הקדוש" וואס ער איז פארהייליגט אפילו ביי די אומות העולם, און די גרעסטע פילאזאפען גרובלען זיך אין איהם צו פארשטעהן די געטליכע פילאָ־זאפיע. דער זהר הקדוש איז שוין איבערגעזעצט אין פיעל שפראכען, באטש זייער איבער־זעצונג קען ניט האבען קיין בעסערען טעם ווי וויין אין א פאס פון נאפט, און דאך ווערען מיליאנען קאפיעס פון זהר פארקויפט צווישען די אומות העולם, און דאס אידישע פאלק, וואס דער זהר איז דאך אונזער שטאלץ, איז זעלטען צו געפונען דעם זהר אין א אידיש הויז. אבער ס'איז צו פארהאפען, אז נאכדעם וואס איך האב צוואנציג יאהר געארבייט אז דער זהר זאל זיין איבערזעצט אין לשון קודש, וועט דאך דאס אידישע פאלק אויפוואכען און עפע־נען די אויגען צו זעהן וואס מיר פארמאגען. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש וואס אליהו הנביא האט געזאגט צו רבי שמעון בן יוחאי, אז בעפאר משיח וועט קומען וועט די לעהרע פון זוהר הקדוש צושפרייט ווערען צווישען אלע שיבטען פון אידישען פאלק.

ועלינו לדעת שרבי שמעון ב"י ובנו רבי אלעזר אשר יסדו לימודי חכמת הקבלה נחשבו לעמודי העולם יכין ובועז שעליהם נאמר „וצדיק יסוד עולם". ומובא בגמרא שבת (לג:) שכאשר רבי שמעון ובנו יצאו מן המערה לאחר י"ג שנה, אמר רבי שמעון לבנו רבי אלעזר „די לעולם אני ואתה". ובמסכת סוכה (מה:) איתא „א"ר שמעון בן יוחאי יכול אני לפטור את כל העולם כלו מן הדין מיום שנבראתי עד עתה. ואלמלי אלעזר בני עמי, מיום שנברא העולם ועד עכשיו. אלמלי יותם בן עזיהו עמנו מיום שנברא העולם עד סופו". עוד אמר רבי שמעון ב"י: „ראיתי בני עליה והן מועטין, אם אלף הן, אני ובני מהן. אם מאה הן, אני ובני מהן. אם שנים הן, אני ובני הן. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

דער פאטער מיט דעם זוהן, רבי שמעון בן יוחאי און רבי אלעזר, וואס זיי האבען גע־גרינדעט די לעהרע פון חכמת הקבלה, וועלכע געפינט זיך אין ספר הזהר הקדוש, האבען זיך פארעבענט פאר די זיילען פון דער גאנצער וועלט. אזוי ווי דער פסוק זאגט: „וצדיק יסוד עולם". און ווען רבי שמעון מיט זיין זוהן רבי אלעזר זיינען ארויס פון דער הייל נאך דרייצעהן יאהר, האט רבי שמעון געזאגט צו רבי אלעזר: „די לעולם אני ואתה!" דאס הייסט, ס'איז גענוג פאר די וועלט זאל קענען עקזיסטירען דורך דעם זכות פון אונז ביידע. נאך איז באוואוסט וואס רבי שמעון האט געזאגט: „איך קען פטר'ן די גאנצע וועלט פון שטראף פון צייט איך בין באשאפען געווארען, ביז ווי לאנג איך לעב. און אויב מען זאל צורעכענען דעם זכות פון מיין זוהן רבי אלעזר איז גענוג צו פטר'ן די וועלט פון שטראף פון צייט די וועלט איז באשאפען געווארען ביז היינט". נאך ווערט געברענגט אז רבי שמעון האט גע־זאגט: „אויב עס געפונען זיך טויזענד צדיקים אויף דער וועלט, בין איך מיט מיין זוהן רבי אלעזר פון זיי. און אויב ס'איז נאר דא הונדערט צדיקים, בין איך מיט מיין זוהן פון זיי. און אויב ס'איז נאר דא צוויי צדיקים אויף דער וועלט, זיינען זיי איך מיט מיין זוהן". אלזא זאל טאקע שטענדיג זייער זכות מגין זיין עלינו ועל כל ישראל, אמן.